STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08984

DI VILDE TSILKE

Zusman Segalowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. סעגאַלאָוויטש

אַלע ווערק

פערצענטער באַנד

די ווילדע צילקע

פאַרלאַג ח. בזשאָזאָ וואַרשע

DI WILDE CYLKE

Z. Segałowicza

Wyd. Ch. BRZOZA

Warszawa, Leszno 27

Druk. „Record" Warszawa, Dzika 18.

י. סעגאַלאָוויטש

די ווילדע צילקע

ראָמאַן

פאַרלאַג ח. בושאָזאַ 1928

א

צילקע און די מומע ניכע.

אַ גרויסער וואַלד...

און אַרום דעם וואַלד ווינדן זיך נאָך וועלדער, גרויסע, געדיכטע, ווייטע, רואיקע, אין זיך פאַרטראַכטע.

ווו-נישט-ווו רייסט זיך איבער דער שוואַרצער וואַלד-שאָטן און הימל גיסט זיך צונויף מיט ערד, ערד מיט הימל. שאָסייען שלענגלען זיך צווישן די וועלדער, טייכן און טייכלעך.

דאָ און דאָרט אַרבעטן מענטשן. מען לייגט אַוועק די גרויסע ביימער און אונטן בלייבט אַ בית-עולם פון אונטערגעזעגטע וואָרצלען.

נאָר זאָלן זיי זיך רוישן די ווייטע און נאָנטע וועלדער. אונזער בליק האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין די גרינע שאָטנס, אונזער אויער האָרכט קלאַנגען...

דאָ שוימט צווישן די סאָסנעס אַ שמאָל טייכל און דאָס וואַסער פון אים זעט אויס געשליפן און גרין, ווייל די ביימער שפּיגלען זיך אין אים.

עלטע צווייגן, שטיינער, קלענער צוימען זיך און דאָרט

דאָס טייכל. לויפט דאָס וואַסער און פאַרהאַלט זיך, לויפט און שרייט און מורמלט אויף זיין וואַסער-לשון. אַ טרעל פון אַ פויגל, אַ קוויטש פון אַ וועווריק, געציילטע טענער פון דער באַטור.

טאָג און נאַכט גייט דאָ אַוועק אין שטילקייט. מוראַשקעס מיליאָנען קריכן דאָ אויף דער ערד. פּינטעלעך, פּונקטעלעך באַוועגן זיך — אויך מחותנים אויף דער ערד, שותּפים פון לעבן.

וועמען גייען זיי אָן די מוראַשקעס? פעלקער זענען פאַרשוואונדן געוואָרן, ריזיקע חיות, מאַמאָנטן! אַש און שטויב איז פון זיי געוואָרן, שטאַרקע גרויסע שטעט זענען חרוב געוואָרן, די פּיראַמידן פון מצרים פאַלן איין...

און דאָ קריכן מוראַשקעס, פּינטעלעך, לעבעדיקע זאַמדעלעך... וועמען גייען זיי אָן?

אַ בוים אַן אַלטער וועט אומפאַלן און פון מיליאָנען אַזעלכע לעבעדיקע זאַמדעלעך וועט קיין זכר נישט בלייבן.

אָבער דערווייל לעבט דאָ יעדער אָטעם פון וואַלד פאַר זיך און אין זיך... שווייגנדיק און איינגעהאַלטן. שאָטן שווייגט. אַ באַלויכטן ווינקל לייכט און שמירט צו צו זיך די עטלעכע פאַרגנבעטע שטראַלן. ווען? ווען האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שווייגן פון דער אייביקייט און ווען וועט זיך עס ענדיקן.

בלויז אין איין ווינקל פון וואַלד גייט דאָס לעבן אַביסל אַנדערש.

דאָ שטייען דריי הייזער מיט עטלעכע שטאַלן, שטריק זענען דאָ צוגעבונדן צו עטלעכע ביימער און אויף די שטריק הענגט וועש און טרוקנט זיך...

ווייסע העמדער, קאָלירטע, בלאָע, רויטע ציכלעך און קליידלעך. די אַלע פאַרבן רייסן מיטאַמאָל איבער די אַרומיקע ווייטע און נאָענטע גרינקייט...

אַ וואָגן שטייט דאָ אָן אַ פערד, עטלעכע בענקלעך צובראָכענע וואַלגערן זיך לעם אייגעם פון די שוועלן און נאָך פאַרשידענע שטוב-מכשירים.

שטיל אַרום.

אין איין שטוב זענען די פענסטער אינגאַנצן געעפנט, נאָר

קיין סימן פון לעבן אַרום. די צוויי אַנדערע הייזער זענען צוגעבראַכט פון אַלע זייטן, זענען אויס פאַרלאָזן.

אַ פאַרבייגייער וואָלט געטראַכט, אַז דאָס איז אַ פאַרלאָזענער וואַלד־ישוב. נאָר הערט זיך איין—עס קלאַפּט עפּעס.

דאָס קלאַפּט מען ביים טייכל, דאָרט וואַשט מען וועש.

דאָס טייכל איז אויף דעם אָרט זייער שמאָל און דאָס וואַסער לויפט האַסטיקער.

אַן עלטערע פרוי פון אַ יאָר פופציק זיצט איינגעבויגן און וואַרפט דורך איין שטיקל וועש נאָך דעם צווייטן.

זי איז אינגאַנצן פאַרשפּריצט און פאַרגאָסן פון וואַסער. פון אונטער דעם טיכל אויפן קאָפּ קריכן אַרויס עטלעכע גראָע האָר. זי קוקט אין וואַסער און ווען זי דערזעט, ווי דאָרט שפּיגלט זיך אָפּ איר גאַנצער פּנים מיט די עטלעכע גראָע האָר, באַהאַלט זי די האָר צוריק אונטערן טיכל...

אויף אַ רגע הערט זי אויף צו אַרבעטן, הערט זיך עפּעס צו. קוקט צווישן די ביימער און נעמט רופן:

—צילקע, צילקע!

צוויי מאָל שרייט זי עס אויס און צוויי מאָל טוט איר דער וואַלד נאָך און ווידערהאָלט:

—ציל—קע, ציל—קע!

נאָר די אמתע צילקע רופט זיך נישט אָפּ. די אַלטע נעמט ווידער אַרבעטן און שטויסט די שטיקלעך גרעט און שטויסט דאָס וואַסער... „טיאָך־טיאָך", „טיק־טאַק".

פון אַ בוים פאַלט אַראָפּ אַ שישקע און דערלאַנגט אַ פּלוכטש אין טייכל, נעמט שווימען און פאַרשווינדט מיט די פלינקע שנעלע שטראָמען...

די אַלטע אַרבעט און רוט זיך אָפּ. דאָס וואַסער פון טייכל איילט זיך און וויל זיך אויף קיין רגע נישט אָפּשטעלן. אויך קיין איין רגע נישט. גוואַלדיק פאַרנומען. פונקט, ווי עס וואָלט וועלן פאַרשעמען דעם גרויסן גריניעם וואַלד, וואָס שטייט שטענדיק צוגעשמידט צו דעם זעלבן אָרט און זינגט און קוויטשעט מיט די וועוויריקעס.

שעם זיך, אַלטער גרויסער וואַלד!

אזאַ שמאָל טייכל איז שוין אויסגעוועזן די גאַנצע וועלט און דו ביזט דאָ געבוירן געוואָרן און דאָ וועסטו שטאַרבן. שעם זיך, וואַלד!

עס דויערט לאַנג.

עס גייט אַזוי כסדר די מאָנאָטאָנע שטילקייט און די מאָנאָטאָנע אַרבעט...

פלוצלונג דערהערט זיך אַ ליד פון יענער זייט וואַלד:

ריי‍זקע זיצט אין פענסטער
און אסתר גייט פאַרביי,
אסתרקע, וואָס מאַכסטו?
—מיינער איז נישט טריי.

דאָס זינגט אַ יונג פרויען-קול. די לעצטע פאָר ווערטער כאַפּט אונטער דער עכאָ און טראָגט זיי אַוועק איבער די ביימער.

„מיינער איז נישט טריי“.

די אַלטע וועש-וואַשערין הייבט אויף דעם קאָפּ און נעמט הערן...

—צילקע, צילקע, קום שוין אַמאָל נענטער.

—האָ, איך גיי!

פון אונטער די ביימער באַווייזט זיך צילקע אַ באָרוועסע מיט אַ רויט לייכט קליידל אויף די אַקסלען, זי שפּרינגט איבער דאָס טייכל און קומט צו צו דער אַלטער.

—נעם און הענג אויף די עטלעכע שטיקלעך,—זאָגט די אַלטע מיט בייזקייט.

—די מומע ניכע איז בייז?—פרעגט צילקע, נאָר זי וואַרט נישט אויף קיין ענטפער. זי לייגט אַרויף אויף די הענט די איינגעפּרעסטע שטיקלעך וועש און גייט צו די ביימער מיט די שטריק.

דערביי רעדט זי צו זיך אַליין.

—די מומע ניכע איז בייז, דער טאַטע איז בייז, שלמה דער שרייבער איז בייז, אַלע זענען בייז, אַלע זענען פאַרנומען מיט כעס...

דערביי דערלאַנגט זי זיך אַ זיפץ און נעמט ווידער זינגען...

ציילקע נעמט זי טרייסטן
און אסתר ווישט זיך אויס...
—וואַרט אויף מיר ביים טויער
איך גיי צו דיר אַרויס...

דערנאָך ווען זי העלגט שוין אַלצדינג אויף, גייט זי צו צום טייכל און נעמט שווענקען די פיס.

מיט אַזאַ ברוגז, מיט אַ קאַפּריזנער מינע פּאַטשט זי אין וואַסער מיט די פיס, פּונקט ווי דאָס וואַסער וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען.

זי האָט אַ רונד געזיכט מיט בלאָנדע האָר, זי האָט גרוי־לעכע אויגן מיט ברוינע ברעמען איבער זיי. און בעת אויף איין זייט פון די ליפּן ליגט ביייקייט און קאַפּריז, שפּילט זיך אויף דער צווייטער זייט פון די ליפּן אַן איינגעהאַלטענער שמייכל.

ציילקע באַדאַרף זיין אַלט אַ יאָר ניינצן, נאָר זי האָט נאָך אין זיך פיל פון אַ זעכצן-יעריק מיידל, זי וואָלט נאָך וועלן גוט אַ שטיף טון.

איצט האָט שוין די מומע ניכע געענדיקט איר אַרבעט און זי פרעגט:

—וווּ ביזטו געווען, ציילקע?

—אין גוראַלניע, איך האָב געזוכט שלמהן, ער פאָרט אין שטאָט, איך האָב געוואָלט אַ בריף שיקן.

—צו וועמען?—שטייט צו די אַלטע,—צו אים? האַ!

—צו אים! צו אים!—רייצט זיך מיט איר ציילקע און פּאַטשט מיט די פיס אין וואַסער. אַ גאַנצע קאַסקאַדע מיט שוים-טראָפּנס שפּריצן.

—ער האָט דיך שטאַרק אין זינען סאַשע, עס פעלן אים אין שטאָט מיידלעך, האַ!

—ער זאָגט, אַז ער וועט די גאַנצע שטאָט אַוועקגעבן פאַר איין שמייכל פון מיר, מומע! זאָג מיר, איך פאַרשטיי נישט פאַר־וואָס האָט ער אַזוי ליב מיין שמייכל...

—ביזט אַ קעלבל נאָך, ביזט נאָך גאָר אַ קעלבל. דו געפעלסט אים, און אַז מען געפעלט—איז שוין אַלץ גוט...

—מומע ניכע, ער האָט מיר דעמלט, ווען ער איז געווען דעם לעצטן מאָל, געזאָגט, אַז ווען איך זאָל וועלן—נעמט ער מיך צו אין שטאָט און ער וועט מיך שוין קיינמאָל ניט פאַר־לאָזן...

—נאַרעלע...

—ניין, מומע, צוליב וואָס קומט ער דאָ? זיין טאַטנס געשעפטן אינטערעסירן אים? וואָס? מען מעג אויסהאַקן אַלע וועלדער, מען מעג זיי לאָזן—אים איז אַלץ איינס. ער קומט צוליב מיר...

—נאַרעלע, און וואָס וועט טאַקע זאָגן זיין טאַטע, אַזאַ גביר! וואָס וועט זאָגן די גאַנצע משפחה זיינע? מען וועט אים לאָזן חתונה האָבן מיט אַ משרת אַ טאָכטער... לאָז, נאַרעלע, קום אַריין אין שטוב, מען מוז שוין צוגרייטן עפּעס עסן. דיין טאַטע מיט שלמהן וועלן שוין באַלד קומען פון גוראַלניע...

ביידע פרויען גייען אַוועק פון טייכל, דער וואַלד שווייגט אין זינגט, זינגט און שווייגט און דאָס טייכל מורמלט.

צילקע איז עפּעס פאַרטראַכט, נאָר מיטאַמאָל נעמט זי ווידער זינגען...

וויש אָפּ דיינע טרערן
און קעם צו דיינע האָר,—
זאָל דיין חתן מיינען,
אַז דו מיידסט אים גאָר...

מיט די לעצטע ווערטער לויפט זי שוין אַריין אין שטוב. די רויטקייט פון איר קליידל פאַרשווינדט פון גרינעם וואַלד-פּאַן.

שטיל-שטום.

אַרום איז נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש. אַלע ביימער ציען זיך נאָך שטאַרקער אויס, דער וואַלד איז געבליבן פאַר זיך און אין זיך...

אָט באַלד וועט זיך דאָס וואַסער פון טייכל אָפּשטעלן, די ביימער וועלן זיך אויסציען אויף דר'ערד, ווי אַ מידע זאַטע סטאַדע...

מיטאַמאָל שניידט דורך די שטילקייט אַ געשריי פון אַ

יועוריק, אזא ווילדער קעצישער געשריי שניידט דורך די לופט...

און אפיסעלע שפעטער הערט מען שוין שרייען דעם קוקוק. עס ליבט דער וואלד, לעבט אן מענטשן, אן טומל...

קיין ווינטל רירט נישט די ביימער, בלויז אין עט-לעכע ערטער האט זיך איינגעגבערט די זון און זי סמאלעט די ביימער...

דא און דארט נעמען רינען גאלדענע פען-טראפנס, דורכ-זיכטיקער בורשטין...

פון דעם און יענעם בוים פאלט אראפ א שישקע. פריש און צייטיק לייגט זי זיך אויס אויף דר'ערד...

עס דויערט לאנג דאס זינגנדיקע שווייגן, ביז צילקע נעמט ווידער זינגען. פון דעם אפענעם פענסטער גיסן זיך טענער:

רייזקע גייט שפאצירן—
אסתר גייט מיט איר,
ביזטו א שיין מיידל—
אזא יאר אויף מיר...

די מומע ניכע גייט ארום צווישן די ביימער און פאררעכט די שטריק, אויף וועלכע די וועש טרוקנט זיך.

זינגט צילקע, קוקט דאן די מומע ניכע צו דער שטוב צו און שאקלט צו מיטן קאפ.

צי זי איז בייז—די מומע ניכע, צי זי האט א שווער פאר-זאגעניש, זי זיפצט.

אייגנארטיק איז זי דא אויסגעוואקסן, די צילקע, אין וואלד, צווישן שווייגנדיקע און איינזאמע מענטשן. די מומע ניכע הייסט בלויז אזוי, זי איז איר נישט קיין מומע, נאר א ווייטע קרובה, וועלכע צילקעס טאטע האט צוגענומען צו זיך אין שטוב, זי זאל זיך פארנעמען מיט דער יתומה. צילקעס מאמע איז געשטארבן, ווען צילקע איז נאך געווען א קליין מיידעלע. די מומע איז גע-ווען א דינסט, א בעל-הביתטע ביי זיי.

ניכע איז געווען אן אלמנה, אן קינדער, אן א היים. איין טרייסט האט זי געהאט. צילקע איז געווארן איר גאנץ לעבן און

זי האָט פיל געליטן, ווען צילקען האָט מען אָוועקגעפירט קיין גראָדנע לערנען. דעמלט איז איר פאַרבליבן איין זאַך: דער טייטש-חומש. שבת, ווען אין וואַלד איז שטיל געווען, פלעגט זי זיך אָנטאָן איר שאַל אויף די אַקסלען, עס האָט געמעגט זיין ווי הייס. דעם טערקישן שאַל האָט זי געמוזט אָנטאָן און דעם טייטש-חומש פלעגט זי אויפעפענען און לייענען ביז פינסטער. זיצן אַזוי ביים פענסטער און לייענען. און אַז זי פלעגט אָנטרעפן אויף אַזאַ מעשה פון רחל-לאה, פלעגט זי גיסן טרערן און דער וואַלד האָט צוגעזינגען...

איסר, דער וואַלד משרת, איז געווען אַ שווייגנדיקער ייד. ער האָט זייער ליב געהאַט זיין פאַרשטאָרבן ווייב און עס האָט אויסגעדוכט, אַז ער גייט אַרום מיט אַ שטילן כעס אויף גאָט: פאַרוואָס האָט ער זי צוגענומען. אַזאַ שטילער ייד איז איסר, קאָן אַ ביסל תורה און אָרנטלעך איז ער: מיליאָנען קאָנט איר אים אָנפאַרטרויען...

דוכט זיך, אַז ער האָט געטראַכט ביי זיך, אַז גאָט איז נישט אַלעמאָל גערעכט.

איבער די וועלדער איז איסר אַרומגעפאָרן, אַ ברודנעם ביכל האָט ער געהאַלטן אין דער קעשענע און אין דעם דאָזיקן ביכל פלעגט ער פאַרנאָטירן גרויסע חשבונות פון די לוריעס, די וואַלד-סוחרים, אין גראָדנע האָבן זיי דאָרט געהאַט, די לוריעס, אַ גרויס קאַנטאָר מיט אַ סך משרתים, מיט בוכהאַלטאָרן... אָבער ער, איסר, פלעגט עס מאַכן גאַנץ פשוט—אין זיין קעשענע-ביכל איז געלעגן זיין גאַנצע קאַנצעלאַריע...

און געשעפטן זענען געווען גרויסע, ריזיקע. מען האָט גע-פירט קיין אויסלאַנד. דייטשן פלעגן אַראָפּפאָרן אין די דאָזיקע וועלדער און דער שווייגנדיקער ייד פלעגט זיי אַלץ דערקלערן מיט אַ צובראָכענעם דייטש.

נאָר עס האָט אַלעמען אויסגעדוכט, אַז איסר האָט זיך זיין מחשבה און די אַלע געשעפטן,—די לוריעס מיט די דייטשן—דאָס איז אַלץ אַ נעבן-זאַך.

שבת פלעגט ער אַריינקוקן אין אַ ספר אָדער אַרומשפּאַצירן

אין וואלד.—ווען צילקע איז געווען אינדערהיים פלעגט ער דעם וואלד נישט אזוי אפט פארלאזן, נאר בעת צילקע איז איינמאל אוועקגעפארן קיין גראדנע, איז יענע טעג פלעגט ער אוועק קיין מסטיבאווע אדער קיין פרודנע צום ארענדאר שמואל און דארטן האלטן שבת. ניכע פלעגט בלייבן אליין אין וואלד, אליין מיטן טייטש-חומש. זי פלעגט זיך פילן זייער איינזאם, נאר אפט פלעגט טרעפן, זי פלעגט אויפהייבן די אויגן פון טייטש-חומש און ארייננקוקן אין וואלד, אין דער גרינקייט אריין און איהר נשמה, האט אויסגעדולט, זינגט אויך, ווייל גאט האט שבת געהאלטן אין וואלד... יעדער בייג פון א צווייגל, יעדער שארך פון א גרעזל איז הייליק געווען. אין שטראלן איז געווען איינגעפלאכטן דער וואלד, אין הייליקע קלאנגען פארוויגט.

עס איז געווען נאך א מעגטש, א נאנטער, מיט וועלכן צילקע פלעגט זיך יעדן טאג באגעגענען,—שלמה פון גורזאלניע. ער האט אין מסטיבאווע געהאט א גרויסע פאמיליע מיט א קראנק ווייב, שטענדיק איז זי גריין געווען און שטענדיק געהאלטן אין שטארבן, נאר געשטארבן איז זי נישט און יעדעס יאר געבוירן א קינד. שלמה האט געהאט אינדערהיים א סך צרות. אין וואלד האט ער געארבעט און געשוויגן.

צילקע פלעגט דורך אים שטענדיק עפעס באזארגן אין שטאט. נאר פארברענגען, רעדן מיט וועמען האט זי נישט געהאט. בלויז מיט דער מומע ניכען פלעגט זי רעדן און פארטרויען אמאל אירע געדאנקען. די מומע ניכע פלעגט אויסהאלטן אלע אירע קאפריזן.

און גאט האט זי געבעטן, אז ער זאל אפהיטן די יתומה.

אין וואלד, אביסל ווייטער, האבן אויך געלעבט עטלעכע קריסטלעכע פאמיליעס: א שאסיי-שומר און א וואלד-שומר. פלעגן אוועקגיין חדשים און קיין אנדערע מענטשן האט מען דא נישט געזען און נישט געהערט.

דאס טייכל האט בלויז גערוישט און דער וואלד האט [illegible] באגינען ביז ביינאכט געזינגען און געשריגן:

„קוקו" „קוקו" „דזשיו" „דזשיו" „קרא".

צילקע האָט אַלע טענער פון וואַלד געוווּסט. אין דעם ציטער פון די ביימער פלעגט זי שוין דערקאָנען, ווען עס באַדאַרף אָנקומען אַ שטורם... און ליב האָט זי געהאַט אין אַזאַ מאָמענט, בעת איבערן וואַלד האָט געדונערט... ליב האָט זי געהאַט זיך אַוועקצושטעלן אונטער די ביימער און אויסהערן אַלע קלעפּ פון הימל,—ציטערן, מורא האָבן און נישט אַוועקגיין... די מומע ניכע פלעגט פון חדר רופן צילקען און יענע פלעגט ענטפערן מיט אַ געלעכטער.

און אויסדוכטן פלעגט דאָן, אַז זי לאַכט מיט דעם וואַלד אינאיינעם: זאָל זיך דונערן—דער וואַלד וועט בלייבן, די וועלט וועט בלייבן.

איסר האָט ליב געהאַט זיין טאָכטער, נאָר זי אַליין האָט עס ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען. בעת זי איז נאָך יונגער געווען האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין—אַ טאַטע זאָל אַזוי שווייגן צו זיין קינד. אַנ׳איינאיינציק קינד האָט ער, אַ בת-יחידה, און טעג פלעגן אַוועקגיין,—ער האָט אַ וואָרט צו איר נישט אַרויסגערעדט. נאָר שפּעטער האָט זי דערזען, אַז דער טאַטע שווייגט צו אַלעמען, אַפילו מיט דעם אַלטן לוריע, מיט זיין בעל-הבית רעדט ער אויך ווייניק: בלויז וועגן די געשעפטן...

און זי האָט זיך אויף דעם באַרואיקט. שווייגט ער, דער טאַטע—זאָל ער שווייגן. דער וואַלד שווייגט דאָך אויך, די ביימער, די נאַכט, די ווינטער-טעג. זי האָט געהאַט אַ סך שווייגעניש אַרום זיך.

עפּעס ווי אַ ווייטער אומפאַרשטענדלעכער עכאָ פלעגט פאַר איר אָפּהילכן די איבעריקע גרויסע וועלט: גראָדנע מיט די לוריעס, אַנדערע שטעט און אַנדערע מענטשן.

און בלויז אין געציילטע רגע׳ס האָט זי געטראַכט פון דעם, פון יענעם לעבן, וואָס גייט דאָרטן... דאָרטן נאָך די וועלדער. זי פלעגט עס לאָזן פאַר דעם טייכל, עס זאָל לויפן און גריסן די גאַנצע וועלט. זי פלעגט אַרומשפּרינגען אין וואַלד און מיט אירע ליכטיקע אויגן האָט זי געשעפּט אין זיך זיין אייביקע גרינקייט, זיין אייביקע יוגנט.

די לוריעס האָבן אין גראָדנע געשפּילט די גרעסטע ראָל. וועגן זייער רייכקייט האָט מען דערציילט נסים. די קינדער זייערע האָבן זיך געלערנט אין אויסלאַנד און בלויז אויף זומער פלעגן זיי אַראָפּקומען אויף אַ קורצער צייט קיין ליטע. אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז די גאַנצע פאַמיליע פלעגט קומען פון גראָדנע אין וואַלד מיט דינסטן, מיט קרובים און דאַן האָט עס געטומלט אין דעם שטענדיק רואיקן וואַלד. די צוגעמאַכטע צווי הייזער פלעגט מען עפענען און דאָרט פלעגן עס לעבן די רייכע בעל-הבתים. צוויי מאָל אַ טאָג פלעגט די ליניקע לויפן אין שטאָט אַריין און ברענגען פון דאָרט די בעסטע שפּייזן, ווייבען, זיס-קייטן.

יחתנים זענען זיי געווען, נאָר גוטמוטיקע מענטשן, נישט קיין שטאָלצע גבירים, זיי האָבן געטיילט נדבות און אויסגעהאַלטן צדקה-הייזער.

און אַז זיי פלעגן אַראָפּקומען אין וואַלד אַריין, פלעגט די מומע ניכע זיי נאָכגיין מיט טריישאַפט און איבערגעבנקייט.

אַזעלכע יחסנים, אַזאַ רייכקייט.

אין מסטיבאָווע פלעגט זי איינקויפן שפּייז און אַלעמען דאָרט דערציילן:

—די לוריעס, די לוריעס זענען דאָ אין וואַלד.

און פון מסטיבאָווע פלעגן זיך שוין אַריינגנבענען יונגע-לייטלעך, און אַפילו בעל-הבתים פלעגן קומען אין וואַלד אַריין: „אַ קוק טאָן אויף די לוריעס“.

די גאַנצע געגנט האָט געקלונגען מיט די גראָדנער גבירים. כבוד האָט מען זיי אָפּגעגעבן, אַזוי ווי עס קומט זיי.

אין וואַלד פלעגן זיי קומען רוען און פאַרברענגען.

מיט דער קליינער צילקע פלעגן זיך אַלע שפּילן. זי האָט טאַקע דעמלט אויסגעזען ווי אַ וואַלד-פייע. די האָר אירע האָבן זיך געקרויזט, אירע איצטיקע גרוילעכע אויגן זענען דעמלט בלאָ געווען. אַזאַ בלויקייט פאַרבלייבט נישט ביי דערוואַקסענע,—בלויז קינדער און מלאכים האָבן אַזאַ פאַרב אין די אויגן...

צילקע האָט געוווּסט אַלע ווינקעלעך פון וואַלד און זי

פלעגט עס אַרומפירן לוריעס קינדער: צום טייכל, צו דער גו־ראַלניע, צום שאָסיי...

זי פלעגט גיין די ערשטע, די קינדער נאָך איר. די שטאָטישע קינדער האָבן זיך מורא געהאַט פאַרן וואַלד, מורא געהאַט צו בלייבן אַליין און צילקע איז דאָ געווען ביי זיך אינדערהיים.

אַ באָרוועסע, מיט לאַכנדיקע אויגן פלעגט זי אַרומשפרינגען אין די זומער־טעג און זיך שפּילן מיט לוריעס קינדער. די טעג זענען פאַר איר געווען אַ יום־טוב. אפילו דער טאַטע פלעגט אויפלעבן בעת לוריעס פאַמיליע האָט אין וואַלד געלעבט. ער האָט גענומען מער רעדן און מער זיצן אינדערהיים.

די מומע ניכע פלעגט אָפט זיין אומצופרידן: ערשטענס— פלעגט מען ביי איר צונעמען די יתומה, צווייטנס—פלעגן די לוריעס אויף איר קוקן, ווי אויף אַן אמתער דינסט. און זי האָט פון דעם געליטן.

נאָר לוריעס קינדער זענען עלטער געוואָרן, זיי זענען געפאָרן ערגעץ אין אויסלאַנד און אין וואַלד פלעגט בלויז זעלטן אַרויסקומען דער אַלטער לוריע: אַ רונדער מיט אַ קורץ בערדל, מיט אַ גאָלדענער קייט און זייגער. ער פלעגט צונעמען איסרן אויף עטלעכע טעג: ערגעץ אַרומפאָרן מיט אים אין די שכנישע וועלדער, מעסטן און רעכענען און פאַרשרייבן אַלץ אין ביכלעך.

ערגעץ נאָנט־ווייט האָט מען אויסגעהאַקט אַ גרויסן וואַלד. אין אַ שטילן טאָג, ווען דער ווינט פלעגט נישט שטערן, האָט מען גאַנץ גענוי געהערט, ווי די העק האָבן געאַרבעט, ווי די ביימער האָבן געקרעכצט ביי זייער גסיסה...

דערנאָך, צו הערבסט־צייט נאָך, אין די טרוקענע טעג, פלעגן אַ סך פויערישע פורלעך לויפן ערגעץ אין דער פאַרטיפעניש פון וואַלד, און צוריק פלעגן זיי פאָרן לאַנגזאַם מיט לאַנגע, לאַנגע מתים, מיט ביימער...

און ניכע איז געזעסן ביים טייכל און געוואַשן. שטענדיק פלעגט זי וואַשן גרעט—די פרומע ניכע. צילקע פלעגט אין אַזעלכע טעג לויפן קיין מסטיבאָווע.

און געדענקט האָט צילקע פֿון די יונגע יאָרן, פֿון די קינדהייטס-טעג אַ קליין ייִנגעלע, וואָס פלעגט קומען צו זיי אין וואַלד מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע לוריע, ער איז געווען דער געליבטסטער, דער געקעכלטער...

סאַשע—האָט ער געהייסן, נאָר טאַטע-מאַמע און אַלע קרובים פלעגן אים פֿאַרקלענערן דעם נאָמען זיינעם: סאַשקע, סאַש, סאַ-שענקע, אַזוי פלעגן זיי אים רופן. און געהאַט האָט דער סאַשע אַ סך שפּילצייגן: וואַגאָנטשיקעס, לאָקאָמאָטיוון, פּילקעס און אָנגע-שטאָפּטע פערדלעך, בערעלעך—אַ גאַנצן חיה-גאָרטן.

אַליין האָט ער אויך אויסגעזען ווי אַ בערעלע: אַ דיקנקער, אַ פולנקער, פלעגט ער זיך שאָקלען אויף זיינע צוויי פּיסלעך; אַ קאַפּריזנער, נאָר גישט קיין שלעכטער. מיט צילקען האָט ער געלעבט זייער גוט, נאָר איינמאָל בעת זי האָט נישט געוואָלט זיין קיין פערדל, האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און גע-נומען רייסן... דאָס איז געווען אַ ווילדער איינפאַל, ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און עס איז שוין געווען צו שפּעט,—צילקע האָט גענומען שרייען אויפן גאַנצן וואַלד אַזוי, אַז אַלע זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זייטן און סאַשען האָט מען גוט באַשטראָפט דערפאַר.

דערנאָך האָבן זיי ווידער גוט געלעבט ביזן שפּעטן זומער, ביז די פייגעלעך זענען אַוועק אין אַנדערע לענדער און דער וואַלד איז עפּעס שטילער געוואָרן, ערנסטער.

דערנאָך איז אַוועק אַ יאָר—און אַ זומער איז אַוועק. די לוריעס זענען אין דעם יאָר נישט געקומען אין וואַלד. זיי זענען געווען אין אויסלאַנד. דערפאַר אויפן צווייטן זומער איז געווען זייער פריילעך אין וואַלד, סאַשע איז שוין געווען אַ שילער, ער האָט געטראָגן אַ היטל מיט ווייסע זייטלעך און מיט אַ קאָקאַרדע.

אויף דער קאָקאַרדע זענען געווען „געען", און סאַשע האָט פאַר צילקען דערקלערט וואָס די צוויי „געען" באַדייטן:

„גראָדניענסקאַיאַ גימנאַזיאַ".

זי האָט אַזעלכע זאַכן נישט פאַרשטאַנען. ווי אַן עכאָ פון אַ טיפן תהום קלינגט אָפּ פאַר איר יעדעס וואָרט וועגן יענעם

ווייטן לעבן אין די שמעס.

ער איז שוין געווען א שילער—סאשע, א גימנאזיסט, לאנגע הייזלעך האט ער געטראגן מיט א קליין מארינארקעלע, מיט גלאנציקע קנעפ... ער איז דאן געווען אזא שיין רונד יינגעלע, ער האט אויסגעזען, ווי א „גענעראלסקי סינאק".

אזוי פלעגט אים דער טאטע זיינער, דער בעל-הבית לוריע, רופן. דער אלטער לוריע פלעגט פון יאר צו יאר דיקער ווערן און ער פלעגט אנטאן אלץ א גרעסערע און א ברייטערע גאלדענע קייט.

שפעטער זענען אוועק עטלעכע יאר און צילקע פלעגט פון סאשען בלויז הערן פון דערווייטנס. ביי זיי אין שטוב איז געווען א לערער, זי האט זיך געלערנט לעזן און שרייבן און פושקינס מעשה מיטן גאלדענעם פישעלע, האט זי שוין געקאנט אינגאנצן אויסנווייניק...

דער לערער איז געווען א בחור פון א יאר פינף און צוואנציק, ער האט נאך אליין געלערנט: גאנצע טעג פלעגט ער אפזיצן איבער ביכער און לערנען און איינמאל אין יאר פלעגט ער לויפן אין שטאט אפגעבן „עקזאמענס". גערעדט האט ער שטענדיק, אז ער פארט קיין פעטערבורג און דארט וועט ער ווערן א סטודענט...

נאר דער דאזיקער לערער איז פון זיי אינגיכן אוועק נישט קיין פעטערבורג. ער האט זיך פארליבט אין א מסטיבאווער „מויד", וואס האט געהאט אביסל נדן און דערצו האט אים נאך דער שווער געגעבן „קעסט". אזוי איז צילקע געבליבן אן א לערער און געווען איז דאס אינמיטן זומער, אליין אין גרויסן וואלד מיט דער מומע ניכע, אליין מיטן רויש פון די ביימער, מיט דעם סודות-לשון פון טייכל.

דער טאטע איז אלץ שווייגנדיקער געווארן.

אמאל פלעגט צילקען באפאלן א פחד, א גוואלדיקע איינזאמקייט, און זי פלעגט אנטלויפן קיין מסטיבאווע צו באקאנטע.

איינגאנצן דריטהאלבן וויארסט פון וואלד. זי פלעגט גיין צו פוס, זי האט דארטן געהאט ווייטע קרובים. נאר געווען איז

זי אַ שרעקנדיקע און אַ שעמעוודיקע. דער איבערגאַנג פון וואַלד אין אַזאַ טומלדיק שטעטעלע מסטיבאָווע, וועלכעס האָט געהאַט הונדערט און פופציק איינוווינער פלעגט צילקען איבערראַשן, צוטומלען.

יעדער מענטש האָט אַן אַנדער פּנים. יעדער מענטש רעדט אַנדערש און קוקט אַנדערש און זי איז איינגעוויינט בלויז צום טאַטן, צו ניכען, צום לערער און צו נאָך עטלעכע מענטשן... און צו די גאָלד-מעשענע סאָסנעס איז זי צוגעבונדן.

ווען זי פלעגט דערזען אַ נייעם מענטש, פלעגט זי מאָדנע אַ ציטער טאָן, ווי אַ וועוורקע; ווען זי פלעגט הערן אַ ניי קול פלעגט זי אָנשטעלן אויגן און אויערן; אַ ניי בגד, אַ נייער הויז-חפץ, וואָס זי האָט ביי זיך אין וואַלד נישט געזען—אַלץ פלעגט צילקען איבערראַשן.

אָפטמאָל, אין מער גוטמוטיקע רגע׳ס פלעגט זי יעדע זאַך אויפן קול באַוווּנדערן. פלעגט מען פון איר לאַכן:

—קאָזקע!

—וואַלד-באַשעפעניש!

אַזוי פלעגט מען זי רופן. זי פלעגט זיך פאַרשעמען און לויפן צוריק אין וואַלד, צו דער מומע ניכע.

און געווען איז זי שוין דאַן אַ מיידל פון פערצן יאָר, אַ הויכע, מיט לייכטע טריט...

איינמאָל, בעת זי איז אין אַזאַ פאַרנאַכט געקומען צוריק פון מסטיבאָווע, איז דער טאַטע איר אַנטקעגן אַרויס. זיינע אויגן האָבן עפּעס ליכטיק אַ שטראַל געטאָן און באַלד האָט ער זיך פאַרבאָרגעווייטט.

וואָס איז געשען? צילקע האָט זיך דערשראָקן. דער טאַטע... אַ גרויסער ייד מיט אַ טונקעלער באָרד... דער טאַטע, אַזאַ שווייגנדיקער שטענדיק, האָט פּלוצלונג גענומען, וויינען, ווי ניכע די מומע.

וואָס איז געשען?

איין וואָרט האָט צילקע פון אים געהערט:—פּונקט ווי די מאַמע דיינע האָסטו איצטער אויסגעזען. און ער האָט זי אַזוי לאַנג, אַזוי וואַרעם געגלעט איבערן קאָפּ.

אין דערדאָזיקער נאַכט איז צילקע נישט געשלאָפן, זי האָט געטראַכט פון דער געשטאָרבענער מאַמען און פון אַלע געשטאָרבענע מענטשן.

פאַרוואָס שטאַרבט מען? און וואָס איז מיט די טויטע?

אין מסטיבאָווע איז פאַראַן אַ בית-עולם מיט אַ סך מצבות— זי האָט עס געזען פון ווייטן... וואָס טוען זיי די טויטע? פאַרוואָס האָט מען זיי אַרויפגעלייגט אַזעלכע שווערע שטיינער אויף די קברים?

און אויף יענעם בית-עולם אין מסטיבאָווע ליגט אויך באַגראָבן איר מאַמע, וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געזען.

געשטאָרבן... און נישטאָ מער אויף דער וועלט.

נישטאָ מער אין וואַלד! צילקע האָט אַ שטאַרקן רחמנות געהאַט אויף דער מאַמען און אויף אַלע געשטאָרבענע.

די מומע ניכע דערציילט, אַז אַלע געשטאָרבענע וועלן אַמאָל לעבעדיק ווערן. זי האָט באַשלאָסן ביי דער מומען אַ סך זאַכן צו פרעגן.

זי באַדאַרף נאָך צו דער מומען איין שמייכל טאָן און יענע דערציילט אַלץ. נאָר איגרערפרי איז די מומע ניכע אַוועקגעפאָרן קיין גראָדנע.

געפאָרן איז זי פאַרריכטן איר שייטל, יעדע פאָר יאָר פלעגט זי פאָרן אין שטאָט אַריין פאַרריכטן דאָס שייטל. דאָס איז געווען פאַר דער מומען עפּעס אַ גוואַלדיק געשעעניש, פון וועלכן זי פלעגט אַ לאַנגע צייט דערנאָך רעדן.

און צילקע האָט דערווייל אין וואַלד פאַרגעסן אַלע פראַגן, וואָס זי האָט געהאַט צו דער מומע ניכע.

נישט אַלע מאָל איז זי, אָבער, אַזוי אומעטיק געווען. עס פלעגן אַוועקגיין וואָכן, הדשים און גאַנצע זומערן, זי פלעגט לעבן מיטן וואַלד און נאָר אין וואַלד.

דאָרטן זענען דאָך געווען דעם שאָסיי-וועכטערס קינדער. יענער האָט געהאָדעוועט גענדז און די געגדז פלעגן זיך אַ גאַנצן טאָג פּאַשען אויף אַ שטיקל פרייען וואַלד ביים טייכל.

די קינדער פלעגן שטיפן און קוויטשען. צילקע מיט זיי,

כאָטש זי איז שוין געווען אַזאַ גרויסע, זי פלעגט לייענען ביכ-
לעך און דערציילן דאָס פּאָר די קינדער.

די מומע ניכע האָט פון דעם געליטן: „דאָס קינד" וואַקסט
צווישן פרעמדע, אין איינזאַמקייט.

פלעגט איסר שטענדיק ענטפערן:

—מען דאַרף זי אַרויסשיקן קיין גראָדנע. זאָל זי דאָרטן
לערנען, די לוריעס וועלן אויף איר אַכטונג געבן.

פון דידאָזיקע ווערטער פלעגט ניכע נאָכמער ליידן, זי
האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט צילקען.

סוף כל סוף איז דאָך באַשלאָסן געוואָרן צילקען אָוועקצו-
שיקן אין שטאָט אַריין. איסר האָט געוואַרט ביז צום סוף זומער.

צילקע האָט עס שוין געוווסט, זי האָט זיך געגרייט אין
וועג אַריין און האָט זיך אַביסל געשראָקן...

—וועסט פאָרן אין שטאָט אַריין...—פלעגט דער טאַטע אָפּט
איבעררייסן זיין שווייגן.

—וועסט ווערן אַ פריילין. אַ געבילדעטע פריילין,—פלעגט
צוגעבן מיט טרייסט און מיט קלעמעניש די מומע ניכע.

צילקע פלעגט פון די אַלע ווערטער זיך איינבציען, דער
קאָפּ אירער פלעגט זיך צעראָפּלאָזן און זי פלעגט דאַן אויסזען,
ווי אַ בלימל, וואָס איז צו שטאַרק דורכגעברענט געוואָרן פון
דער זון און עס פאַרבייגט שוין דאָס קעפּל.

דערנאָך האָט מען צילקען אָוועקגעפירט קיין גראָדנע. די
לוריעס האָבן זי צוגענומען צו זיך.

—זי וועט דאָ ווערן אַ מענטש!—אַזוי האָבן זיי געטרייסט
דעם שווייגנדיקן איסר, בעת ער האָט זיך שטיל געקלאָגט, אַז
אין וואַלד וועט אָן איר זיין אומעטיק.

און צילקע האָט גענומען בענקען. יעדע רגע פלעגט איר
פאַר די אויגן קומען די מומע ניכע מיט פאַרוויינטע אויגן.

—מיין טייבעלע, אויף וועמען לאָזטו מיך דאָ, אויף דער
פינסטערניש?—דאָס זענען געווען די ווערטער, מיט וועלכע די מו-
מע ניכע האָט זיך מיט צילקען געזעגנט פאַר איר אָוועקפאָרן.

צילקע האָט געזען, ווי די מומע איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער

פור און כסדר געווישט די אויגן, דעם לעצטן קוק האָט זי דאַן געטון אויף דער מומען, בעת יענע האָט זיך אָנגעשפּאַרט לעם אַ בוים און געבליפּעט און אַרום זענען געשטאַנען אַ סך, אַ סךביימער, אַלע שווייגנדיקע; אומעטיק און יום-טובדיק האָבן אויסגעזען די ביימער. אויף עטלעכע פון זיי האָבן זיך זילבערנע פּאַסן זון אַרומגעוויקלט, אַזעלכע ליכטיקע און דאָך טרויעריקע שטראַלן.

זיי האָבן געפלעקט די גרינע צווייגן, די עלנדע שאָטנס פון וואַלד.

מיט איר איז געזעסן דער טאַטע און האָט, ווי אַלעמאָל, געשוויגן.

צילקע האָט דאַן נאָכאַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט זי שוין דער מומען נישט געזען, נאָר אַ שטיק דאָך פון זייער הויז האָט אַרויסגעקוקט דורך די ביימער און דאָס איז אויך באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן.

עס האָבן גענומען שוועבן נייע אומבאַקאַנטע לאַנדשאַפטן.

דער שאָסיי מיט ווייסע שטיינער, מיט ציפער... און דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען איינזאַמע ביימער אויף די שטיקער פעלדער און צילקען האָט יעדער איינזאַמער בוים דערמאָנט איר טאַטן דעם שווייגנדיקן.

די פור איז געפאָרן לאַנגזאַם, נאָר באַרג אַראָפּ פון שאָסיי, פלעגט זיך דאָס פערדל פונאַנדעריאָגן און אין אַזעלכע רגע׳ס האָט זיך צילקע געוואָלט אָנכאַפּן דעם טאַטן פאַרן אָרעם און אים בעטן, ער זאָל פאָרן צוריק אין וואַלד, צו דער מומען...

זי האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער מומען. ווי וועט זי טאַקע אויסקומען אָן צילקען? איינע אַליין איז זי דאָרט פאַרבליבן.

זיי זענען אַ סך דערפלעך פאַרבייגעפאָרן. אַ סך הייזלעך האָט צילקע געזען אין וועג, נאָר אָט זעט זי, אַז פון ווייטן קוקן אַרויס שפּיצן פון גרויסע קוימענס, שפּיצן פון קלויסטערס און וואָס נענטער זי פאָרט צו, אַלץ מער דעכער זעט זי.

—דאָס איז די שטאָט?—פרעגט זי ביים טאַטן.

—יאָ!—ענטפערט דער וואַלד-משרת איסר, פונקט ווי ער וואָלט זיך איצטער דערמאָנט מיט וועמען און צו וואָס ער פאָרט דאָ. ער הייבט שווייגנדיק אויף די האַנט און גלעט צילקען. פלוצלונג דערשפּירט ער, אַז די פינגער, אַז זיינע פינגער באַנעצן זיך...

צילקע האָט געוויינט. פאַרוואָס? ער האָט יאָ פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען, נאָר אונטער זיין מאַנטל האָט עפּעס אַזוי שטאַרק גענומען דריקן. עס האָט זיך אים אויך געוואָלט וויינען.

נאָר צילקע איז באַלד שטיל געוואָרן, די טרערן זענען גלייך פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי האָט זיך דערפילט, ווי אַ געפאַנגענער וועוועריק, און דאָס חיהלע, בעת מען כאַפּט עס אין שטייגל אַריין, וויינט עס נישט, נאָר ס'איז בייז און אומעטיק. צילקע איז אויך אַזוי געפאַנגען.

שפּעטער, אין שטאָט, האָט צילקע גענומען מורא האָבן, ציטערן פאַר יעדער זאַך. פונקט, ווי מען וואָלט געבראַכט אַ סערנע פון וואַלד און זי שפּרינגט אויף ביי יעדן צו הויכן קלאַפּ, אָדער פייף.

זי האָט מורא געהאַט צו שפּרינגען אויף דער גלאַטער פּראַטירטער פּאָדלאָגע ביי די לוריעס. זי האָט מורא צו עסן פון די כלים. אַלץ האָט דאָ אַזוי געלויכטן און געשיינט. אויף יעדן טריט — ליכט און גלאַנץ, בילדער און טעפּיכער. מען איז צו איר געווען זייער גוט. די לוריעס זענען געווען גוטהערציק און דערצו איז נאָך צילקע אַ יתומה.

און פאַר פרעמדע פלעגט מען איר טאַקע אַזוי אָנרופן:

—אַ יתומה פון וואַלד...

—אַ שיין מיידל,—פלעגט עמיצער זאָגן.

—נאָך גאָר אַ קאָזקעלע, — פלעגט דער אַלטער לוריע צוגעבן. ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן.

און די יתומה פון וואַלד, דאָס קאָזקעלע, האָט לאַנג פאַר אַלץ מורא געהאַט, זי האָט שטענדיק זיך באַהאַלטן, האָט געוואָלט זיין אין שאָטן און די לוריעס האָבן געוואָלט פאַרקערט: מענטשן זאָלן זען פאַר אַ גוטע זיי זענען, זיי פלעגן איר מיטנעמען אין געסט, פלעגן זי פירן אומעטום.

איינמאָל האָט זי דערהערט אַ געוואַלדיקן פּייף. זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן דעמלט, זי האָט געוואָלט נעמען לויפן.

—קאָזקעלע, דאָס פּייפט דאָך די באַן, דער לאָקאָמאָטיוו.

פון באַן האָט שוין צילקע אַ סך מאָל געהערט, נאָר זי האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געזען. דאַן ווען זי האָט דערהערט דעם פּייף, איז זי געווען מיט די לוריעס ביי זייערע קרובים, אויך אַזעלכע רייכע און חשובע. געלעבט האָבן די קרובים נישט ווייט פון וואָקזאַל און די צוגן האָבן כּסדר גערוישט און געפּייפט. מען האָט צילקען צוגעפירט צום פענסטער און געוויזן אַ סך רויטע און טונקעלע וואַגאָנעס.

—און יענע, די שוואַרצע, וואָס שטייען און בלאָזן פון זיך מיט פּאַרע, דאָס זענען די לאָקאָמאָטיוון,—האָט מען איר דערקלערט.

זי האָט געגלאָצט אויף אַלץ מיט מורא אין די אויגן און געוואָלט האָט זי זיך באַהאַלטן, נאָר זי האָט דאָך געזען, ווי די איבעריקע קינדער מיט סאַשען זענען רואיק, פלעגט זי זיך אויך באַרואיקן.

נאָר אומעטיק איז זי געווען. שוין צוויי מאָל איז געקומען פון וואַלד דער טאַטע, געבראַכט אירע קליידלעך, וואָס ניכע האָט פאַרריכט און אויסגעוואַשן—און יעדעס מאָל האָט דער טאַטע איבערגעלאָזט די זעלבע פראַגע, דעם זעלבן אָנזאָג:

—ווען דו וואָלסט וויסען, ווי די מומע ניכע בענקט נאָך דיר...—צילקען פלעגט דאַן נעמען שוועבן דער וואַלד פאַר די אויגן מיטן טייכל, מיט דעם שאָסיי-וועכטערס קינדער. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געטראַכט צו אַנטלויפן פון דאַנעט, אַרויסלויפן בגנבה און לויפן, לויפן ביז זי וועט קומען צוריק אַהין. נאָר זי האָט מורא געהאַט אַליין אַ טריט צו שטעלן. דאָרטן אין וואַלד איז זי אַזאַ דרייסטע געווען,—איינמיטן נאַכט פלעגט זי קיין מכּטיבאָווע גיין—און דאָ פאַלט אָן אויף איר אַזאַ פּחד.

שווייגנדיק איז זי געוואָרן דאָ ביי די לוריעס. יענע זאָגן אויף איר, אַז זי איז געראָטן איינגאַנצן אין שווייגנדיקן טאַטן.

אַפילו מיט סאַשען, מיט וועלכן זי פלעגט זיך פריער אין וואַלד אַזוי פריילעך שפּילן, מיט סאַשען האָט זי אויך געשוויגן.

יענער איז איצט געווען שוין אַ גאַנצער מענטש, האָט געהאַט זיינע אייגענע ווילטיקע ענינים. ער האָט אָנגעקליבן אַ גרויסע קאָלעקציע מאַרקעס און גאַנצע טעג זיי געקלעפּט און איבערגע-קלעפּט אין מאַרקע-אַלבאָם. אויסער דעם פלעגן צו אים קומען זיינע חברים, אויך אַזעלכע גימנאַזיסטן, מיט וועלכע ער פלעגט שטיפן און נאָכמאַכן די לערער.

צילקען האָט ער נישט פאַרגעסן, נאָר ער האָט זי איצט נישט געקאָנט צובינדן צו זיך. אַמאָל, אַז דער שטיפער פלעגט זיין גוט געשטימט, פלעגט ער זיך נעמען רייצן מיט איר. ער האָט אונ-טערגעכאַפּט דאָס וואָרט „קאָזקע” פון טאַטן און פלעגט עס פון מויל נישט אַרויסלאָזן:

—נו, קאָזקע, גיב אַ לאַך!

—גיב אַ שפּרונג, קאָזקע!

און אָט-אָט, ביי דער יתומה פון וואַלד נעמט עפּעס שמייכ-לען צווישן די ליפּן, באַלד וועט זי עפענען איר מיילעכל און ענטפערן פריילעך, נאָר פון די אייגלעך קוקט אַראָפּ אַ לייכטע בייזקייט און פאַרשליסט די ליפּן און פאַרטרייבט דעם האַלבן שמייכל.

ביי אַלעמען איז געבליבן, אַז זי וועט זיך אויסלייטערן. זי איז דאָך אַ „דזשיקע”, זי קומט פון וואַלד. עס וועט געדויערן און זי וועט ווערן אַ מענטש מיט אַלע מענטשן גלייך. מען האָט זי אָנגעטאָן אין אַנדערע קליידלעך.

דער לערער, וואָס האָט געלערנט מיט לוריעס קינדער, האָט אויך מיט איר געלערנט.

דאָך, וואָס מער מען האָט זי געליבט ביי די לוריעס, אַלץ מער שווייגנדיק איז זי געוואָרן און מער שרעקעדיק. אין די פאַרנאַכטן פלעגט זי זיך פאַרבלייבן אין אַ ווינקל, פון אַלעמען זיך אויסבאַהאַלטן און וויפל דו זאָלסט זי נישט רופן—זי פלעגט נישט ענטפערן.

און ביי די לוריעס איז אומעטיק נישט געווען. עס פלעגן קומען אַ סך געסט, כמעט יעדן טאָג, יונגע און דערוואַקסענע. דער קלאַוויר פלעגט שפּילן און געזאַנג פלעגט הילכן.

אין אַזעלכע שען איז זיך צילקע געזעסן אין איר, ווינקל מיט איינגעפּרעסטע ליפּעלעך און געטראַכט אירס אַ לאַנגן אומרואיקן געדאַנק.

זי האָט געטראַכט, אַז דאָרטן אין וואַלד קייקלען זיך די פּאַליעס פון טייכל איבער די שטיינער און דער וואַלד שפּרייט אויס זיינע אָרעמס איבערן וואַסערל און בענטשט אים; אַז ניכע בענקט, דער טאַטע בענקט, דער גאַנצער וואַלד מיט יעדן וועווריק בענקען נאָך איר, נאָך צילקען.

און זי האָט עפּעס אויסגעטראַכט.

איינמאָל האָבן זיך די לוריעס געכאַפּט, אַז צילקע איז נישטאָ: ווו איז זי? האָט איבער די צימערן געקלונגען איר נאָמען: „צילקע!" אויף די טרעפּ, אויפן הויף, אויף דער גאַס — זי איז אין ערגעץ נישט געווען. האָט מען זי געזוכט אויפן בוידעם, אין קעלער און אפילו אין ברונעם—אין ערגעץ נישט געווען.

מען האָט פּאָליציע געמאָלדן.

צום משרת איסר אין וואַלד אַריין האָט מען אַוועקגעשיקט אַ שליח: צילקע איז נעלם געוואָרן! גאָט זאָל אויסהיטן—אפשר האָט אַן אומגליק געטראָפן.

דער שווייגנדיקער איסר איז געקומען קיין גראָדנע צו די לוריעס און די גאַנצע שטאָט האָט זיך געלאָזט זוכן, פאָרשן.

ווו איז צילקע?

און צילקע איז געווען אין אַ דאָרף ביי די פּויערים.

פאַרנאַכט, זיצנדיק ביי די לוריעס, ווען אין די איבעריקע חדרים האָט מען געזונגען און געשפּילט, איז צילקען זייער אומעטיק געווען. וואָס העכער מען האָט דאָרט געזונגען, אַלץ גרעסער איז געווען איר בענקשאַפט.

און אַליין נישט וויסנדיק, וואָס זי טוט, האָט זי פאַרלאָזן דאָס הויז און איז אַראָפּ אויף דער גאַס. פון איין גאַס אויף דער צווייטער — ביז זי איז געקומען צום פעלד. זי איז געגאַנגען אַלץ ווייטער. אַרום האָבן זיך פעלדער געצויגן, גרילן האָבן געזעגט די לופט, אַ שטיק הימל איז נאָך רויט געווען, נאָר וואָס אַרגע איז אַלץ טונקעלער געוואָרן.

און צילקע איז געגאַנגען פּאָרויס.

אַט לויפט אָן אַ ווינטל, דערלאַנגט אַ גלעט דעם איינזאַמען מיידל און גייט זיך ווייטער זיין וועג.

דעם ווינטל איז בעסער פאַר צילקען, עס באַדאַרף קיין היים נישט, עס שרעקט זיך נישט פאַר קיינעם.

און זי...

זי איז געגאַנגען אין איר געליבטן וואַלד, צו דער מומע ציבען, צום טאַטן צום שווייגנדיקן. זי איז גיך מיד געוואָרן, און ווען נישט די שרעק, וואָס איז איר איצט באַפאַלען, וואָלט זי פון מידקייט אומגעפאַלן. זי איז געגאַנגען אַלץ ווייטער. פון די עקן וועלט האָבען זיך נאָך געזען טונקעלע וועלדער. ווו איז אָבער איר וואַלד? עס איז שוין נאַכט, אַרום און אַרום ליגט שוין די פינסטערניש. ווייט-ווייט אין דער פינסטערניש פייפט דער צוג, ווי אַ ווילדע חיה — צילקע ציטערט אויף און נעמט לויפן אַ דער-שראָקענע פון עלנדע. זי וואָלט שוין וועלן גיין צוריק, נאָר או-מעטום איז פינסטער.

זי זעט קיינעם נישט, נאָר זי הערט אַ ווייטן רויש. דאָס איז דער צוג ערגעץ אין דער פינסטערניש אַנטלאָפן מיט אַ ברייטן-שרעקעדיקן „הו-הו".

דערנאָך רייסט זיך דער רויש אָפּ און עס בלייבט אַ גרוי-סע שטילקייט, אַן איינזאַמקייט פאַר דער גאַנצער וועלט.

אונטער די פיס שאַרט זיך אַ טרוקן בלאַט און דאָס שרעקט.

עטלעכע האָר פון צילקעס קאָפּ פאַלן אַראָפּ אויף איר פּנים...

און דאָס דערשרעקט אויך. זי ציטערט פון אַלץ אויף.

דערנאָך... דערנאָך — געדענקט זי ביז היינטיקן טאָג נישט, וואָס עס איז פאָרגעקומען. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ דאָרף. אַ פּויערטע איז געזעסן נעבן איר און דערנאָך זענען אַ סך פּויע-רים געקומען און יעדערער האָט עפּעס געפרעגט, נאָר צילקע האָט נישט געענטפערט. אויף אַ לאַנגע צייט איז ביי איר דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן.

ווער ווייס וואָס מיט איר וואָלט געווען, נאָר אינם דאָזיקן

דאָרף האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אַ גראָדנער ייִד און ווען ער האָט
דערזען דאָס ייִדישע מיידל, האָט ער זיך דערמאָנט די געשיכטע,
אַז פֿון די לוריעס איז אַרויסגעגאַנגען אַ יתומה, אַ וואַלד־מיידל
און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ער האָט עס געגעבן צו וויסן אין
שטאָט.

מען האָט צילקען פֿון דאָרטן צוגענומען און געבראַכט אין
וואַלד. קומענדיק אין וואַלד איז זי אַרויפֿגעפֿאַלן דער מומע ני-
כֿען אויפֿן האַלדז, האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט און האָט צוריק
רעדן גענומען.

די פּויערים, וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַלד האָבן דאַן
געזאָגט צו איסרן, ער זאָל זי מער אין שטאָט נישט שיקן, ווייל
דאָס קאָן זיך ענדיקן זייער שלעכט: דאָס קינד איז צופֿיל צו-
גוּיפֿגעבונדן מיטן וואַלד, אַזאַ ביימעלע קאָן מען נישט איבער-
פֿלאַנצן.

ביסלעכווייז איז צילקע געקומען צו זיך און גענומען זיך
שפּילן, לויפֿן און בלאָנדזשען איבערן וואַלד.

אין שטאָט האָט מען זי געלערנט אַביסל לייענען און חשבונען,
האָט זי איצט געהאַט אַן אַרבעט: איבערציילן די ביימער פֿון
וואַלד.

פֿלעגט זי אַזוי אָנהייבן ציילן: איינס, צוויי, דריי, פֿיר און
שוין ביי צוואַנציקער פֿלעגט זי זיך פֿאַרפּלאָנטערן און מוזן אויפֿ-
הערן. אַלע סאָסנעס פֿלעגן זיך צונויפֿגיסן, ווי אַ גרויסע גאָלדענע
וואַנד און פֿון צילקעס קאַפּריז איז גאָרנישט געוואָרן.

זי האָט גיך אויפֿגעלעבט, נאָר דער זומער איז שוין גע-
גאַנגען צום סוף.

עס איז נאָך געווען אַ לאַנגער וואַרעמער הערבסט.

דערנאָך איז קאַלט געוואָרן. די מומע ניכע האָט צוגעמאַכט
די טיר און געהייצט אין אויוון. ביינאַכט האָט דער וואַלד געיאָ-
מערט מיט טויזנטער קולות. צילקע האָט ליב געהאַט דידאָזיקע
נעכט פֿון לאַנגן שווייגן און פֿינסטערניש. זי האָט עס ליב געהאַט
און דערביי האָט זי זיך געשראָקן. די מומע ניכע פֿלעגט איר
דערציילן אין אַזעלכע נעכט מעשיות פֿון חומש...

II

ווינטער אין וואַלד...

פון דעמלט אָן איז שוין צילקע געבליבן אין וואַלד. דער אַלטער איסר האָט צוגענומען פאַר איר אַ לערער און שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז זי זאָל צופיל נישט אַרומלויפן מיט די קינדער פון שאָסיי-וועכטער.

און דער שאָסיי-וועכטער, איוואַן, מיט אַ גרויסער בלאָנדער באָרד, פלעגט אָפט צוקומען צום גרויסן הויז, וואָס איז געשטאַנען ביים שמאָלן טייכל אין וואַלד. ער פלעגט רעדן מיט דער אַלטער ביכען און מיט איסרן בעת צילקע איז צוריקגעקומען פון גראָדנע, און קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי איז פון דאָרטן אַנטלאָפן, האָט ער, איוואַן, אויך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג:

—דער וואַלד האָט זי גערופן. אַזאַ וועוויריק, ווי אייער טאָכטער, ווערט זיך אין שטאָט נישט אויסהאַלטן. זי האָט געבענקט, זי וואָלט דאָרט פון בענקשאַפט געשטאָרבן... יאָ, יאָ... די סאָסנעס און דאָס טייכל איז ביי איר אין דער נשמה אַריין.

דערביי איז צילקע פאַרביי־געגאַנגען, האָט ער ביי איר אַ פרעג געטון:

—צילקע, דו ווייסט אין שטאָט? דאָרט איז אַזוי ליכטיק, רוישיק...

צילקע איז בלייך געוואָרן און אַנטלאָפן אַן אויפגערעגטע אונטער די ביימער ערגעץ.

און דער אַלטער איסר האָט זיך געבייזערט אויף איוואַגען, פאַרוואָס ער האָט די שטאָט דערמאָנט.

צילקע איז געוואַקסן, ווי אַ יונגע סאָסנע. זי האָט געלערנט און כמעט אַלץ פאַרגעסן, וואָס זי האָט געלערנט...

דאָך פון די אַלע ביכלעך-מעשיות און פון אַלץ, וואָס דער לערער פלעגט איר דערציילן, איז עפּעס געבליבן אין איר נשמה און נישט איינמאָל פלעגט טרעפן, אַז בלאָנדזשענדיק אין וואַלד פלעגט זי בלייבן שטיין, אויפעפנען אַ פּאָר אויגן און זיך פאַרטראַכטן...

פון דער גרויסער וועלט.

פון אַלע מענטשן.

פון טויט...

און קיינער פלעגט קיין ענטפער אויף די געדאַנקען נישט געבן. דער וואַלד איז געשטאַנען אַנטקייגן די אויגן מיט טויזנטער שווייגנדיקע ביימער און בלינד געקוקט אויף דעם באָרוועסן מיידעלע, אויף צילקען, ביי וועמען די אַקסלען זענען רונדער געוואָרן איבערן זומער.

פלעגט צילקען אין אַזאַ רגע דערעסן איר אייגן שווייגן און דעם וואַלדס שווייגן, עפנט זי אויף איר מויל און נעמט שרייען, זינגען אין וואַלד. זי הערט דעם עכאָ פון איר קול, וויל זי נישט, אַז עפּעס זאָל זי איבערשרייען. שרייט זי נאָך העכער און פלינקער. גייט עס אַוועק אַ לאַנג, אַ פריילעך שפּיל אין וואַלד.

אַ מיידל, וואָס וואַקסט דאָ איינזאַם צווישן די ביימער שפּילט זיך מיטן ווידערקול.

און דאָס ווידערקול, וואָס לעבט דאָ איינזאַם אויף די שפּיצן פון די ביימער און צווישן די ליידיקע שאָטנס אונטער די ביימער, דאָס ווידערקול שפּילט זיך מיט צילקען, אין דעם-

דאָזיקן שפּיל רייסט זיך אויך אַריין אַ קוויטש פון אַ צושראָקענעם וועוויריק, פון אַן אומבאַקאַנטן פויגל...

וואַלד לעבט און שווייגט. צילקע לעבט און זינגט און אַמאָל ווערט זי אומעטיק, ווי אַלץ, וואָס לעבט אונטער דער זון.

ווערט דאָך אַמאָל דער הימל אַזוי גראָ-פאַרטרויערט. זיצט דאָך אויפן שאָסיי, אויף די טעלעגראַף-דראָטן אַ קראָ און טרויערט, און די אַלעביימער פון וואַלד ציען זיך אָפּט אויס לענגער, ווי זיי זענען און טרויערן, טרויערן.

פאַרוואָס זאָל זיך נישט פאַרטרויערן אַזאַ צילקע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט געזען איר יונג-פאַרשטאָרבענע מאַמע און ביי וועלכער דער טאַטע איז אַזאַ שווייגנדיקער.

אין אַזעלכע טעג לויפט זי קיין מסטיבאָווע, אָדער אין דעם פאָלוואַרק פּרודנע, טומלט זיך אַביסל צווישן די מענטשן און קומט צוריק מיט נייע געזאַנגען, וועלכע וועבן דאָ זיך אויס אין די גרינע שאָטנס.

אין די שווייגנדיקע נעכט.

פרילינג און זומער פלעגט זייער גיך אַריבערלויפן, באַזונדערס שפּעטער אין הערבסט, ווען די טיר פלעגט מען צומאַכן און אין דרויסן שטומען וואַלד בלייבן בלויז די דריי מענטשן: איסר, ניכע און צילקע...

און אַרום כאַפּט זיך אַריין אַ ווינט. ווי אַ בייזער וואָלף צויאָמערט ער זיך און שרעקט. אַלע דריי פלעגן מיטאַמאָל שווייגנדיקער ווערן. די צוויי אַלטע האָבן אודאי אין אַזעלכע רגע׳ס געטראַכט פון זייער פאַרגאַנגענהייט, פון אומעטיקע און געמיטלעכע טעג. אָבער די קליינע צילקע—פון וואָס האָט זי געטראַכט? וואָס האָט זי גענומען פון דעם הערבסט-ווינטל? דערמאָנען זיך, האָט זי נישט געהאַט וואָס און טראַכטן פון דער צוקונפט, גלויבן אין עפּעס, וואַרטן אויף וועמען...

אפשר אויף דעם נייעם זומער, מען זאָל ווידער קאָנען אַרומלויפן באָרוועס און האַלב נאַקעט. שפּרינגען אין פלאַכן טייכל און שפּריצן מיט די פיס די זילבערנע קאַלטקייט, וואָס טראָגט זיך צווישן די שאָטנס פון די סאָסנעס.

—מומע, פּאַרוואָס איז נישט אייביק זומער. ווו זענען אַהינ־געקומען די אַלע זינגערס פון וואַלד? פּאַרוואָס איז דאָס טייכל אַזוי עלנד געוואָרן?

אָט אַזעלכע פראַגן פלעגט פון איר הערן די מומע ניכע אין די הערבסט־טעג.

און אַז אין דעם וואַרעמען וואַלד־הויז פלעגט זיך אָנקלייבן צופיל אומעט און לאַנגוויילקייט, דאַן פּאַרט איסר אַוועק אין שטאָט אַריין „מאַכן חשבונות" מיט די לוריעס און די מומע ניכע פלעגט צירעווען זאָקן.

שפּעטער איז אויך צוגעקומען דער לערער.

ער האָט געהאַט לאַנגע האָר און האָט נאָר גערעדט פון פּעטערבורג, פון אוניווערסיטעט. צילקע האָט אים נישט פאַר־שטאַנען. נאָר יענער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו רעדן, פלעגט ער פאַר איר אַלץ אויסדערציילן.

—ווען איך וועל זיין אַ סטודענט,—האָט ער אַמאָל צו איר געזאָגט.

—וועט וואָס זיין?

—וועל איך דיך צונעמען אין פּעטערבורג און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ מענטש.

—און וואָס בין איך איצט?— האָט צילקע געפרעגט.

—אַ קאָזקע!— האָט דער לערער געענטפערט.

צילקען איז פון דעם ענטפער געוואָרן פריילעך און זי האָט גענומען מעקען, ווי אַ קאָזע און שפּרינגען און לאַכן.

די מומע האָט זיך אָפּגעריסן פון איר אָרט מיט דער זאָק אין האַנט און גענומען שטראָפן צילקען:

—צילקע, דו שעמסט זיך נישט פאַרן לערער?

און צילקע האָט פיינט געהאַט שטראָף־רייד, איר פלעגט זיך אויסדוכטן אין אַזעלכע מינוטן, אַז זי האָט שטאַרק געזינדיקט, פלעגט זי זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל און שווייגן. די פאָר העלע אייגעלעך פלעגן אַרומשוועבן איבערן גרויסן וואַרעמען חדר. אָנ־געשראָקענע און בייזע, ווי ביי אַ געפאַנגענער חיה.

און אַז אַלץ פלעגט איר דערעסן, פלעגט זי זיך אַרויס־

גנבענען פון שטוב איינגוויקלען זיך אין ביכעס פאַטשיילע און אַוועק צום שאָסיי-וועכטער. דאָרט זענען דריי קינדער: צוויי שקצימלעך און איין שיקטעלע. אַלע דריי מיט ווייסע האָר אויף די קעפּ-לעך. אויף די ווענט זענען געהאַנגען איקאָנעס און הייליקע ביל-דער און אין שטוב האָט שטענדיק זיך געשפּירט אַ ריח פון קרויט און נאָך עפּעס זויערקייטן.

מיט דידאָזיקע דריי קינדער פלעגט זיך צילקע שפּילן שעה'ן. ביי דעם וועכטער אין שטוב האָט מען זי זייער ליב געהאַט.

די וועכטערקע פלעגט אָפּקאָכן אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל און די קינדער מיט צילקען פלעגן זיך אַרומזעצן מיט גרויסע הייל-צערנע לעפל און עסן מיט אַ געזונטן אַפּעטיט.

מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר און איסר רוקט אַריין זיין קאָפּ.

צילקע בלייבט זיצן מיט דערשראָקענע אויגן, דער לעפל מיט די קאַרטאָפל בלייבט ביי איר אין האַנט, ווי פאַרגליווערט.

דער טאַטע נעמט זי שווייגנדיק פאַר דער האַנט און פירט אַוועק אַהיים. קיין איין וואָרט רעדט ער נישט, נאָר צילקע פילט זיין כּעס און ווידער זיצט זי אין אַ ווינקל און הערט זיך איין, ווי דער ווינט רוישט. אירע אייגעלעך בליצן, ווי צוויי ביי-זע פייערלעך.

דער טאַטע שווייגט.

די מומע ניכע שווייגט און צירעווועט אַ זאָק. אירע ליפּן מורמלען עפּעס. זי רעדט צו גאָט, מיט גאָט.

און דער לערער זיצט און גריבלט זיך אין ביכער, ער האָט מיט זיך מער געלערנט, ווי מיט צילקען.

דערנאָך קומט דאָס ערשטע פרעסטל, דער ערשטער שניי פאַלט אַרויס. אין וואַלד דערהערט זיך אַ שאָס: די אַרומיקע פּרי-צים גייען אויף יאַגד.

אַמאָל פלעגן אַזעלכע יעגערס פאַרבלאָנדזשען צו זיי אין שטוב זיך אָנוואַרעמען און אויסטרונקען אַ גלעזל טיי.

דאָס זענען געווען הויכע געזונטע מענער מיט פּעלצלעך,

מיט הינט און מיט ביקסן.

אַ סך מאָל פלעגן זיי קומען מיט אַ פאַרבלוטיקטן טויטן האָז אַריבערגעוואָרפן איבער דער פּלייצע, אירע נאָזלעכער פלעגן נע-מען ציטערן, פּונקט ווי זי וואָלט עפּעס אַ פריינטשאַפט, אַ קרובה-שאַפט דערפילט אין די יעגערס.

און מיט די קינדער פון שאָסיי-וועכטער פלעגט זי דערנאָך דאָס געשעעניש אַרומרעדן.

—דער האָז איז געווען אַזאַ פרישער, מיט אַזאַ רויט בלוט און די הינט האָבן אים כסדר באַשמעקט, אַ שאָד דעם האָז.

פלעגט זי אַרויסקוקן לאַנג פון פענסטער און טראַכטן צי דער האָז האָט נישט געהאַט אַ שוועסטערל, צי אַ ברודערל, וועל-כע בענקען איצט נאָך אים.

און זי אַליין האָט געבענקט און שטייף צונויפגעדריקט אי-רע יונגע פויסטעלעך.

דערנאָך פלעגן זיך אָנהייבן די ווייסע ווינטער-טעג און יעדן טאָג פלעגן דיביימער אַנדערע משונהדיקע געשטאַלטן פון פראָסט-שטויב באַקומען. מאָדנע ווייסע געשטאַלטן.

איבער נאַכט פלעגט צילקע דעם וואַלד נישט דערקענען. די ביימער האָבן זיך אַלע אין ווייסן אָנגעפּעלצט, ווי אַ ווייסע מחנה וואַנדערער: ווו קלייבן זיי זיך אַוועקצוגיין? דאָ איז די וועלט פאַרפרוירן און ווייס, אָבער ווייט-ווייט ביז פּרודנע, ביז מסטיבאָווע, ביז גראָדנע—אומעטום איז דאָך די וועלט איצט פאַר-פרוירן און ווייס.

שטייט זי אַזוי און טראַכט. פּלוצלונג פאַלט פון אַ בוים אַראָפּ אַ הויפן ווייסקייט און צילקע כאַפּט זיך אויף פון אירע חלומות.

און זי נעמט לויפן צום שאָסיי-וועכטערס הייזל.

דאָרט איז אינעווייניק וואַרעם, זי פּעלצט אויף זיך אָן די ווייס-האָריקע יאַטלעך און שלעפּט זיי אַרויס אין וואַלד אַריין.

קריכן זיי אַרום אויף די אַלטע סכך-נאָדלען און אויף די ווייסע אינזעלעך שניי.

ווייניק ווערטער האָבן זיי—די וואַלד-קינדער, שפּילן זיי

זיך מער מיט די הענטלעך, מיט די פיסלעך, נעמען זיך אויף צו פלייסן שלאָגן, ווי יונגע וועלפּעלעך.

מיטאַמאָל לויפן אָן עטלעכע גרויסע יאַגד־הינט. זיי לויפן גלייך אויף די קינדער. די צושראָקענע נעמען אַנטלויפן און יאָמערן.

אָבער די הינט זענען גאָרנישט אויסן, זיי באַשמעקן די קינדער און לויפן, פאַרשווינדן ווייטער. נאָך פון שאָסיי־וועכטערס הויז איז מען שוין אַרויסגעלאָפן. דער וועכטער איוואַן, זיין ווייב מיט נאָך פרעמדע פויערים. זיי לויפן צו צו די קינדער, באַרו־יקן זיי און אויף צילקען פאַלן זיי אָן. וואָס זי, אַזאַ גרויסע און צולאָזענע, האָט אַרויסגעשלעפּט די קינדער אין אַזאַ קעלט.

זיי זידלען צילקען און בייזערן זיך אויף איר.

טראָגט זי זיך שוין אָפּ פון דאַנעט.

אַליין, אַ פאַרלאָזענע, איינגעוויקלט אין דער מומעס נייעם שאַל. עס ווילט זיך איר צוריק אין שטוב נישט אַריין, עס ווילט זיך נישט צום לערער, צו ניכען מיט די זאָקן.

קריכט זי אַזוי אַרום אין וואַלד, מאַכט שנייעלעך און שרייט פון צייט צו צייט.

אַ פאַרפרוירען עכאָ ענטפערט אָפּ. „נישט אַזוי, ווי זומער”— טראַכט צילקע. און פאַר כעס רייסט זי אָפּ אַ צווייגל פון אַ בוים. ווען די ביימער וואָלטן זיך לאָזן, וואָלט זי זיי גוט אָנגעשלאָגן: פאַרוואָס שווייגן זיי אַלע.

זי בלאָנדזשעט אַזוי לאַנג, ווייט.

פלוצלונג פאָרט אָן אַ פור און זי דערזעט דעם טאַטן: „שוין געקומען פון גראָדנע”. דער טאַטע דערזעט זי און פרעגט:

—וואָס בלאָנדזשעסטו דאָ?—און נעמט זי אַרויף צו זיך.

—גאָרנישט,—ענטפערט צילקע.

—וואָס גאָרנישט?—בייזערט זיך איסר.

מיטאַמאָל באַטראַכט ער זיך, אַז דאָס „קינד” לעבט דאָ אַזוי איינזאַם.

—וואָלסט אפשר איצטער וועלן פאָרן קיין גראָדנע! דאָרט איז פריילעך, דאָרט זענען דאָ אַ סך מענטשן.

צילקע שאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין".

דערהערט די „שטאָט"—דערשרעקט זי זיך און זי באַקומט אַזאַ רחמנות אויף דער מומע ניכע און אויף דעם גאַנצן וואַלד.

ווי וועט דאָ אַלץ אָן איר זיין? זי וועט אַוועקפאָרן און עפּעס אַ גרויס שטיק עלנד וועט דאָ בלייבן אַרום יעדן בוים, אַרום יעדן בוים וועט שוועבן דער ווינט און וויינען.

אַזוי טראַכט זי, צילקע, ביז די פור קומט צופאָרן און בלייבט שטיין ביים שוועל.

די טיר עפנט זיך. די מומע ניכע רוקט אַרויס דעם קאָפּ און אַ שטראָם וואַרעמע פּאַרע כאַפּט זיך אַרויס.

די טיר פאַרמאַכט זיך.

אַ שווייגנדיק מאָנאָטאָן לעבן גייט אינעווייניק.

פון קוימען ציט אַ רויך און בלויט זיך צווישן די גרין-ווייסע צווייגן פון די סאָסנעס. די איבעריקע צוויי הייזער שטייען אין וואַלד פאַרלאָזן און פאַרפרוירן.

דער ווינטער לעבט זיך איין אין וואַלד, באַרויקט זיך. דער פראָסט פילט זיך זיכער, ווי ער וואָלט דאָ אויף אייביק אַראָפּ-געקומען.

אפשר דאָרט, אונטער די וועלדער, אויף די פרייע פעלדער, אָטעמט נאָך דער ווינט און הייבט אויף דינע שניי-שאַלן און זיימט מיט זיי אַרום די גראָבנס, די נישט צואַקערטע בייטן. לאָזט ער נישט, דער ווינט, איינליגן דעם אומשולדיקן שניי און שפּילט זיך מיט אים, בעת דאָ אין וואַלד שלאָפט אַלץ מיטן אמתן ווינטער-שלאָף.

אַלץ שלאָפט מיט אַזאַ ווייסע רויקייט. די אָנגעזייפטע שפּיצן פון די סאָסנעס, די קופּערנע שמאָלע בייכער פון די ביימער שווייגן ווי אָנגעלאָדענע האַרמאַטן.

עטלעכע קאָלירטע ווינטער-פייגעלעך יאָגן זיך נאָך און זיי זינגען זיך צו יעדן פלי זייערן. אויך אין פראָסט ליבט מען זיך אויף גאָטס וועלט.

נאָר אָט שפּרינגט אַרויס פון ערגעץ אַ צושראָקענער האָז, שטעלט ער אָן די לאַנגע אויערן, האָרכט די קלאַנגען און נישט-

קלאַנגען פון וואַלד הייבט אויף איין באַשנייט פיסל און באַלעקט זיך מיט דעם פאַרגליווערטן שניי-פראָסט פון וואַלד...

ווער וועט אים דאָ באַליידיקן אין אַזאַ שטילער וועלט פון שניי און גרינעם סכך?

כאָטש ווייט-ווייט הערט זיך אַ פאַרלוירענער עכאָ פון אַ שאָס.

דער האָז פאַרשווינדט.

דער וואַלד פלאָנטערט פאַרכשופט אויס די צווייגן, אַנדערע ציען זיך גלייך צום הימל, ווי זילבערנע פאַקעלן. די אַנדערע זעען אויס, ווי צובראָכענע קאַנדעליאַבערס און נאָך אַביסל ווייטער... גיב אַ קוק! צונויפגעקורטשעטע הענט פון גבורים, — דער פראָסט האָט זיי באַזיגט.

נאָר אונטער די אַלע בילדער, אונטערן פראָסט און גליווער רוט און קוקט אַרויס גאָטס אויג — די גרינקייט און זאָגט אָן דעם גלויביקן מענטשן, אַז עס וועט ווידער זיין פרילינג, אַז דער פרילינג, וואָס וועט קומען וועט זיין דער שענסטער און דער בעסטער, אַלע מענטשן וועלן זיך פאַרליבן אין אַזאַ פרילינג. די סכך-נאָדלען ווינקען און שמייכלען...

עס וועט זיין פרילינג, עס וועט זיין.

אפילו אין דער פאַרפרוירענער לופט שוועבט פלוצלונג אַ שטראָם, אַ ריח, וואָס דערמאָנט זומער און שמעקנדיקן פאַרנאַכט.

איצטער שווייגט נאָך דערוויל דער וואַלד. פון ערגעץ איז אַ הייפנדל שניי אַראָפּגעפאַלן און אַזאַ שאָרך האָט אויך אַן עכאָ אין וואַלד.

דריי פאַרשנייטע הייזער שטייען דאָ און אַביסל ווייטער — אַ שטאַל. פון איין הויז גייט אַ רויך און אונטער אים זענען אָנגעפלויגן אַ גאַנצע מחנה קראָען. זייער שוואַרצקייט גלאַנצט אין דער אַרומיקער ווייסקייט. זיי שרייען נישט, זיי זוכן עפּעס צו עסן.

לאַנג געדויערט און קיין טיר עפנט זיך נישט. שפּעטער, נאָך אַ האַלבן טאָג, ווען שטיקער קאַלטע זון נעמען אַרום מיט פאַרגליווערטע אָרעמס אַ גאַנצע ריי ביימער, שפּעטער עפנט זיך

פלוצלונג אַ טיר און עס גייט אַרויס פון דאָרטן אַן אָנגעפּעלצטע פרוי אין שטיוול, מיט אַ טוך אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ.

— וואָס איז צילקע.

— י שפּרייזט קיין מסטיבאָווע...

און אין מסטיבאָווע פליקט מען אַ גאַנצן ווינטער פעדערן. צילקע האָט דאָרט עטלעכע באַקאַנטע הייזער, ווו זי קומט אַריין.

און אומעטום זינגט מען און מען פליקט פעדערן. גלייך נאָך סוכות הייבט זיך דאָס אָן, ביז פסח.

אַלע ווייבער, אַלע קינדער זענען טאָג און נאַכט איינגע-פעדערט. צילקען דאַכט זיך, אַז זיי מאַכן דאָס דעם גאַנצן שניי מיט זייערע פעדערן, דעם שניי, וואָס פאַרדעקט זייער גאַנצן וואַלד מיטן טייכל, מיטן שאָסיי.

מען פרעגלט געגנדז אין מסטיבאָווע און מען עסט גריבענעס. אויפן גאַס שטייט לאַנג דער פראָסט און אין די הייזער איז אַזוי וואַרעם, ווייל קיין האָלץ פעלט נישט אין דער באַוואַלדיקטער געגנט.

פעדערט מען... מיידלעך און ווייבער, מען גייט אַרויס אַזוי אין גאַס איינקויפן, מען גייט צו גאַסט איינגעפעדערטע.

אין דער לופטן טראָגן זיך אינאיינעם מיטן שניי ווייסע אומשולדיקע פוכעלעך, ווייסער און לייכטער, ווי דער שניי אַליין.

פון די הייזלעך שלאָגט אַרויס אַ וואַרעמע פאַרע און די קוימענס שיקן בלאָע זיגזאַגן צום הימל.

רויק און וואַרעם גייט דאָס לעבן אין מסטיבאָווע.

צילקע קומט אַהין. זי אַנטלויפט פון זייער עלנדן וואַלד. גאַנצע טעג איז זי אַליין מיט דער מומע ניכע. יענע בייזערט זיך, ווי אַן אַלטע קראָ. דערנאָך נעמען זיי ביידע שווייגן. טעג, לאַנגע טעג נאָכאַנאַנד שווייגן זיי, רעדן קיין וואָרט נישט אויס.

די יונגע צילקע איז אין כעס אויף דער אַלטער ניכע, ווייל זי איז אַלט און בייז.

די אַלטע ניכע איז אין כעס אויף דער יונגער צילקע, ווייל יענע איז יונג און ווילד.

און פון דעם שווייגן קומט אַרויס דאָס, וואָס צילקע ציט אַרויף אויף זיך די גרויסע שטיוול, פּעלצט זיך איין און וויקלט זיך אַרום מיט אַ טוך.

זי אַנטלויפט קיין מסטיבאָווע.

אַ גאַנצן טאָג זיצט זי דאָרטן ביי באַראַשן דעם סטאַראָס-טע, וועלכער גיט אַלעמען אַרויס פּעסער.

דער באַראַש האָט אַ יונגן זון, פּרויקע, טראָגט ער גלאַנצי-קע שטיוועלעך און שטענדיק זינגט ער און שטענדיק שפּאַסט ער.

דאָרטן זיצט צילקע גאַנצענע טעג מיט פּרויקעס שוועסטער, זי פּליקט אויך פּעדערן און זינגט דערביי מאָדנע לידלעך:

וואָס זאָגט די וועלט?
וואָס זאָגט די וועלט?
אַז פּרויען ליבן געלט...

זי זינגט און פאַרשטייט ניט, וואָס זי זינגט, נאָר דאָ מיט די מענטשן איז אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם...

מען באַקט אָפּ קאַרטאָפל און מען דערקוויקט זיך מיט זיי.

די מאַנסבילן גייען אַוועק אין בית-המדרש. עס בלייבן די ווייבער, פּאַרנאַכט-צייט. מען צינדט אָן פייער, מען זינגט לאַנג, לאַנג, ביז מיד-ווערן און דאָס זעקל מיט די פּעדערן ווערט נישט קלענער. און עס ווערט, דאַכט זיך, קיינמאָל שוין קלענער נישט ווערן. נאָר קיינעם אַרט עס, קיינער טוט עס נישט באַנג. פאַראַן אויך ביי די באַראַשעס אַ זיידע, צי אַן עלטער-זיידע. צילקע האָט עס גענוי געוווסט. גערופן האָט מען אים „ניקאָ-לאַיעווסקער", אַ ברייטע ווייסע באָרד האָט ער געהאַט און גערעדט האָט ער מיטן „ר". אָפּגעזאָגט צוויי ווערטער און געלאַכט, גע-זאָגט אַ וואָרט און געלאַכט.

בעת ער פלעגט לאַכן, פלעגט שטענדיק אויסדוכטן, אַז עס דונערט.

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַלטער רעדט, נאָר עס איז געווען אָנגענעם אין זיין געזעלשאַפט. ער האָט מיט זיין אַלטקייט געטרייסט די מענטשן.

עס האָט זיך געטראַכט דערביי:

ווי לאַנג אַ מענטש קאָן לעבן, האָ, האָ!

ער פלעגט זיצן פון ווייטן אין אַ ווינקל, נאָר די פעדער-לעך, די פוכיקע פינטעלעך האָבן נישט אויסגעמיטן. ער פלעגט נאָך ווייסער ווערן.

—דער זיידע איז שוין אינגאַנצן ווייס,—פלעגן לאַכן די קינדער.

—עס וועט זיך אים חלומען ווייכע פערענעס.

—מיט הונדערט יאָר צוריק איז ער געווען יונגער.

—נישט אַלע ווילן צו זיינע יאָרן דערלעבן,—דאָס פלעגט זאָגן איינע פון די עלטערע פרויען און די שפּאַסן פלעגן גלייך אויפהערן.

אַ סך מאָל בלייבט דאָרט צילקע געכטיקן און די מיידלעך, פרויקעס שוועסטערס, דערציילן מאָדנע מעשיות: פון ליבע, פון פאַרליבענישן, פון אייפער־זוכט.

צילקע פאַרשטייט זייער ווייניק פון זייערע רייד, נאָר זי האָט נישט ליב צו פרעגן. זי מוז אַלץ דערגיין מיט איר אייגע-נעם שכל אַליין, אַליין דאַרף זי אַלץ דערגיין.

דער באַראַש האָט אַן אייגן פערד מיט אַ שליטן. שפּאַנט פרויקע איין אַמאָל דאָס פערדל און מען לאָזט זיך איבערן שניי און מען שרייט, אַזוי ווי די דאָרפישע שקצים מיט די שיקסעס.

עפּעס אַזויפיל מיידלעך פּאַקט ער אַריין, דער פרויקע, אין שליטן און ער איינער, אַ יונג לוסטיק בחור׳ל האַלט די לייצעס און שמייסט דאָס פערד.

און צילקע האָט באַמערקט אַ מאָדנע זאַך: אַ סך מאָל לאָזט ער אָפּ די לייצעס און כאַפּט זיך צו צו אַ שכנ׳טע, וואָס טוליעט זיך אין שליטן און ער נעמט זי קושן; די איבעריקע מיידלעך מאַכן זיך נישט זעענדיק. זי, צילקע, פאַרדרייט אויך דעם קאָפּ און זי ווערט עפּעס בייז אויף פרויקען און אויף דעם מיידל, וואָס ער קושט און אין דערזעלבער צייט נעמט ביי איר דאָס בלוט זידן פון אַנ׳אומפאַרשטענדלעכער אויפרעגונג.

זי וויל שוין גיכער אַהיים, בעט זי פרויקען, ער זאָל אַ קירעווע טאָן צו זיי איז וואַלד.

פרויקע פאָלגט, ער פירט זי אָפּ אַהיים.

קריכט זי אַרויס פון שליטן מיט אַזעלכע שווערע פיס, מיט אַ בייזקייט אויף וועמען.

דער שליטן איז שוין אַוועקגעפאָרן צוריק קיין מסטיבאָווע. זי הערט נאָך לאַנג דעם עכאָ פון די געשרייען.

כאַ, כאַ, כאַ! דער וואַלד מיט.

און זי שטייט און גלאָצט מיט די אויגן אויף די דריי פאַרשנייטע הייזער, פון וועלכע איינס איז בלויז באַוואָרנט און אָנגעוואַרעמט.

זי שטייט און הערט זיך צו צום וואַלדס שווייגן.

לאַנגזאַם קומט זי צו זיך. זי דערמאָנט זיך איצט מסטי־באָווע מיט די פעדערן, מיט די מיידלעך, וואָס פרויקע קושט און אַלץ זעט אויס אַזוי ווייט, אַזוי ווייט.

פלוצלונג וואַקסט פאַר איר אויס די מומע ניכע.

—פאַרוואָס גייסטו נישט אין שטוב אַריין, איך האָב דער־הערט, ווי דו ביזט צוגעפאָרן. פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין...

עס געדויערט עטלעכע סעקונדן ביז זי פאַרשטייט די מו־מע, ביז זי נעמט שטעלן טריט.

פונקט, ווי זי וואָלט באמת פרעמד געווען מיט די מענטשן. מיט אַלעמען, מיט דער גאַנצער וועלט.

און אין שטוב, ווען זיי גייען אַריין האָט די מומע פרע־טענזיעס צו צילקען.

—וואָס האָסטו מיטגעבראַכט אַזויפיל פעדערן? צו וואָס ציל־קע רירט זיך נישט צו ווערט עס באַלד פאַרפעדערט.

—מומע, בייזער זיך נישט.—בעט זיך צילקע.

און די מומע ניכע דערמאָנט זיך, אַז דאָס „קינד” איז אַן עלנדע יתומה, קריגט זי אויף איר אַזויפיל גוטן רחמנות.

וואָס זי זאָל נישט בעטן די צילקע...

נאָר יענע בעט גאָרנישט. זי לייגט זיך שווייגנדיק שלאָפן און אין שטוב ווערט אַזוי שטיל, אַזוי שטיל און איינזאַם...

חלומט זיך איר מסטיבאָווע, פרויקע מיט די מיידלעך, וועלכע ער קושט; חלומען זיך איר אַ סך קליינע ווייסע געגדזלעך

זיי פליען און וואָס העכער זיי פליען אַלץ מער פון שיט זיך אויף דר׳ערד, אויף אַלעביימער, אויף אַלע הייזלעך.

ווען וועט זיך דאָס ענדיקן די לאַנגע-אייביקע ווייסקייט פון דער וועלט?

ביז זי עפנט באַגינען די אויגן. טונקל אין שטוב, די מו־מע ניבע זאָגט שוין תהלים. פון איר ניגון ווערט אַזוי אומעטיק.

גיט זיך צילקע מיט קאַפּריז ווידער אַ וואָרף אונטער דער פּערענע און שלאָפט איין אין איין אויגנבליק.

ווען זי כאַפּט זיך אויף צום צווייטן מאָל איז אין צימער שוין ליכטיק און אין דרויסן דער וואַלד...

ווי אַ פאַרגליווערטער אָרקעסטער שטייט און וואַרט...

זאָל נאָר דער דיריזשאָר אַ ווינק טאָן מיטן שטעקעלע

דערוויל, אָבער, אָטעמט דער פראָסט אָן אַן אָטעם און שניי צו שנייעלע פרעסט זיך פעסטער צונויף און קוקט מיט זיין מיק־ראָסקאָפּיש בריליאַנטן אייגעלע אויף די איבעריקע שנייעלעך...

און אויף די אָפּגעדעקטע גרינע סכך-נאָדלען.

דערוויל הערט זיך קיין איין קלאַנג נישט, קיין שאָרך נישט.

די האַלב-פאַרשנייטע סכך-צווייגן זעען אויס ווי גרויסע אָדלער-פליגל. אַ סך, אַ סך אָדלער-פליגל אָנגעוואָרפן איינס אויף דעם צווייטן, און פון אונטער די פליגל רוקן זיך אַרויס לאַפּקעס מיט זילבער, לאַפּקעס מיט זילבער.

עטלעכע קראָען פליען נידריק פאַרביי און זייערע פליגל זינגען קוים-קוים, ווי דינע סטרונעס ציטערן דינע דורכזיכטיקע טענער.

און דאָס שווייגן שווייגט פאַר זיך אַליין. די ווייסקייט ווייסלט זיך פאַר זיך אַליין...

די דריי הייזער אין וואַלד זענען ווייס פאַרשאָטן, בלויז צו איינעם פירט אַ שמאָל שטעגל און עטלעכע פאַרפרוירענע שויבן האָבן שוואַרצע פלעקן.

אינעווייניק איז וואַרעם.

אַרום—אַ שטיק וואַלד פּילט, אַז דאָ שטייט אַ וואַרעמע שטוב.

דוכט זיך, אַז די פאַרפרוירענע צווייגן ציען זיך צו דער וואַ־רעמקייט. דער שניי פילט זיך דאָ נישט זיכער. פאַר זיין גלאַנץ איז יעדער וואַרעמער אָטעם געפערליך.

צילקע ליגט היינט אַ גאַנצן טאָג אין בעט אונטער דער ווייכער פערענע און די מומע טאַנצט אַרום איר, ווי אַ גוטע מאַמע.

עס קאָכט זיך עסן און אין חדר שפּאַצירן אַרום עטלעכע הינער מיט אַ האָן, וואָס מען האָט אַריינגענומען, זיי זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן.

—אַזאַ פראָסט היינט,—זאָגט די מומע ניכע.—אַ רחמנות אויף דיין טאַטן. ער פירט דאָרט ערגעץ איז די אַרומיקע וועלדער.

צילקע פאַרטראַכט זיך.

דער טאַטע...

זינט זי געדענקט אים, האָט ער נאָך קיינמאָל מיט איר נישט גערעדט אָט אַזוי, ווי עס רעדט צו איר מומע ניכע, ווי עס רעדן אַנדערע צו איר.

שטענדיק קומט ער צו איר מיט אַ שווייגן, גלעט זי שווייגנדיק און רעדט געציילטע קלאַנגלאָזע ווערטער.

און אַזויווי דער פראָסט שווייגט ער, דער טאַטע.

אין צילקע הערט זיך לאַנג צו צום וואַלד, טאָמער וועט זיך אַ קלאַנג, אַ שאָרך דערהערן... ניין, בלויז אין אויוון קלאַפּט דאָס האָלץ און שפּריצט מיט פונקען.

זי ליגט אַזוי אין בעט און קוקט אויפן פייער פון אויוון.

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ לייכטער רויש אין וואַלד. שליטנס פאָרן, מען פירט אַרויס געהילץ. און די שליטנס שלייפן דעם פאַרפרוירענעם שניי, פונקט ווי מעסער מיט מעסער וואָלט זיך פעכטן.

דערנאָך ווערט ווידער שטיל... די שליטנס שטעלן זיך אָפּ. עטלעכע פויערים מיט פאַרפראָסטעטע וואָנסן קומען אַריין צו איסרן אין שטוב.

זיך אָנוואַרעמען.

פאַררייכערן.

זיי רעדן וועגן פראָסט און קלאַפּן האַנט אָן האַנט, פוס אָן פוס...

— מען האָט געפונען פאַרפרוירענע מענטשן, — זאָגט איינער.

— אַזעלכע פרעסט זענען נאָך נישט געווען!...

צילקע ליגט אונטער דער פּערענע און קוקט אויף די פויערים.

די פויערים קוקן אויף איר און שמייכלען:

— אָט אַ לעבן, ווי אַ קייזערין ליגט זי זיך אונטער דער פּערענע און וואַרעמט זיך...

— אַלטע ניכע, פאַרוואָס בראָטסטו נישט אָפּ קיין טייבעלע פאַר דיין קייזערין!

— אַ חתן באַדאַרף מען איר ברענגען.

צילקע פאַרשעמט זיך און באַהאַלט זיך אינגאַנצן אונטער דער פּערענע.

און זי ווייסט שוין נישט, וואָס די פויערים רעדן דאָרט און צי זיי זענען שוין אַוועקגעגאַנגען.

זי טראַכט פון די ווערטער: „אַ חתן באַדאַרף מען זי ברענגען".

און זי דערמאָנט זיך, אַז אין מסטיבאָווע, ווו מען פליקט שטענדיק פעדערן, אין מסטיבאָווע רעדן אַלע מיידלעך פון חתנים, פון קושן זיך...

מיטאַמאָל רוקט זי האַסטיק אַרויס דער קאָפּ פון אונטער דער פּערענע. די פויערים זענען שוין נישטאָ, די מומע זיצט אין אַ ווינקל און צירעווועט אַ זאָק.

לאַכט זי זיך פונאַנדער אויפן קול און נעמט שרייען...

— מומע ניכע, ווען וועסטו מיר ברענגען אַ חתן, איך וויל אַ חתן, אַלע מיידלעך האָבן חתנים.

די מומע ניכע גייט צו מיט דעם זאָק נענטער און רעדט גוטמוטיק.

— עס וועט זיין, מיט מזל, קינד. עס וועט זיין פאַר דיר אַ חתן, אַ יידישע טאָכטער ווערט נישט פאַרלוירן. וועסט האָבן אַ מאַן, וועסט האָבן קינדערלעך.

לאַכט צילקע אויפן קול, זי איז נאָך אַליין, אַזויווי אַ קינד

און זי וועט האָבן קינדערלעך. און עפּעס אַ פרעמדער מענטש וועט קומען און וועט זיין איר חתן.

ניין, זי וויל נישט.

זי וויל נישט קיין פרעמדן חתן.

די מומע ניכע קוקט זי נייגעריק אָן.

אָט ווי גיך זי איז אויסגעוואַקסן, די צילקע, שוין דאָך באמת אַ כלה-מויד.

און ווי לאַנג — האָט זי זיך געשפּילט מיט דעם שאָסיי-וועכטערס קינדער און דעם וועכטערס קינדער זענען שוין אויך גרויסע, איין זון איז שוין אַוועק דינען.

און ווי לאַנג איז צילקע אַנטלאָפן פון גראָדנע, פאַרבלאָנדזשעט זיך און די גאַנצע גובערניע האָט געטומלט מיט דער געשיכטע.

זי דערמאָנט זיך, די אַלטע, אַז זומער איז דאָ געווען סאַשע, דעם אַלטן לוריעס קדיש און ער פלעגט אויף לאַנגע שעה'ן פאַרפאַלן ווערן מיט צילקען.

אין געדיכטן פלאָנטער פון וואַלד.

אַ בחור מיט אַ מיידל צוזאַמען אין וואַלד.

זי דערמאָנט זיך עס און קוקט אויף צילקען.

און יענע רוקט אַרויס פון אונטער דער פערענע אַ נאַקעטן פוס און נעמט קאַפּריזיש קלאַפּן אין דער פערענע.

— איך וויל נישט קיין חתן, איך וויל נישט. איך וויל חתונה האָבן מיט סאַשען. ער איז אַזאַ גוטער צו מיר. זומער האָט ער געזאָגט, אַז ווען איך וויל וועט ער מיט מיר חתונה האָבן.

— אַזוי גאָר... — שאָקלט מיטן קאָפּ די מומע ניכע.

— יאָ, יאָ, מומע ניכע...

— קינד מיינס! ווינטער פאַרגעסט, וואָס מען האָט זומער געזאָגט. ווערטער זענען ווי די פייגעלעך, זיי פליען אַוועק.

— ניין, ניין, — קלאַפּט צילקע מיטן פוס און שלאָגט די פערענע. — נאָר מיט סאַשען. ער דערציילט אַזעלכע שיינע מעשיות פון אויסלאַנד. ער איז אַזאַ גוטער...

און זי שפרינגט אראָפּ פון בעט, לויפט צו צום קאָמאָד און ברענגט מיט זיך מיט אין בעט אַ פּעקל בריף.

—הער, מומע, וואָס ער שרייבט צו מיר.

די מומע שטעלט אָן אויגן און אויערן.

צילקע לייענט:

„צילקע, אין גראָדנע איז איצט זייער לאַנגווייליק, נאָר איך אַרבעט גאַנצע טעג. מיר איז איינגעפאַלן אָנשרייבן אַ זאַך, אַן ערציילונג פון דיר פון וואַלד. דו האָסט מיך אַזוי אויפגע-מונטערט אין דעם לעצטן זומער, אַז איך ווייס שוין נישט צי איך וועל דיך קאָנען פאַרגעסן. איך דאַנק דיר נאָכאַמאָל פאַר דעם קוש, וואָס דו האָסט מיר געגעבן לעם דער צווילינג-סאָסנע.

—וואָס, דו האָסט אים געקושט?

—יאָ און ער מיך אויך... וואָס האָט זיך די מומע ניכע אַזוי דערשראָקן, אַלע מיידלעך מיט בחורים קושן זיך.

—פון וואַנען ווייסטו עס?

—איך האָב געזען אין מסטיבאָווע.

און אַזויווי זי וואָלט קאָקעטירן מיט דער מומען — באַהאַלט זי זיך ווידער אונטער דער פּערענע. טרוימט און טראַכט.

איינע אַליין אין וואַלד, אין פּראָסטיקן וואַלד, ווו עס דוכט זיך אויס, אַז די ביימער וועלן שוין אייביק פאַרגליווערט זיין.

טעג, ווייס-רויקע טעג נעמט ער צו, דער וואַלד.

אָפּט, אַז אין וואַלד פלעגט זיין זייער שטיל, פלעגט צילקען זיך אויסדוכטן, אַז זי הערט אין דער שטילקייט די ווייטע גרוי-סע וועלט, און דידאָזיקע ווייטע, גרויסע — פלעגט צילקען אין אַזעלכע רגע׳ס נאָך אויסזען גרעסער, אַ סך, אַ סך גרעסער.

נייגעריק איז זי אָפּט געווען. געטראַכט האָט זי, ווי לעבן זיי די מענטשן אין די גרויסע שטעט, נאָר זי האָט נישט גע-בענקט.

דאָך, יעדעס געשעעניש, וואָס אַנדערע פלעגן גיך פאַרגעסן, איז פאַר צילקען געווען אַ זאַך אויף לאַנג צו געדענקען.

דערצו האָט זי נאָך געלעזן ביכלעך, וועלכע האָבן אויף איר שטאַרק געווירקט. זי אַליין האָט געלעבט מיט איר פאַנטאַזיע,

מיט קיינעם זיך נישט געטיילט. די מומע ניכע האָט דאָך אויך איר וועלט, זי רעדט בלויז וועגן רחל און לאה... וועגן די פרומע אָבות.

איינמאָל, אין אַ לינדן ווינטער-טאָג, בעת דער שניי איז געפאַלן שטיקערווייז פון דיביימער און זיך צושאָטן ווי זאַלץ-קאַשע, בעת די פענסטער פון זייער שטוב האָבן זיך פון דער אינערלעכער וואַרעמקייט אײַנגעאַנצן באַפרייט פון דעם פראָסט און צילקע האָט אַרויסגעקוקט אויף דער אַרומיקער ווײַסקייט, איז פאַרבײַגעגאַנגען דער שאָסיי-וועכטער.

ער איז געגאַנגען פון מסטיבאָווע, און פון לאַנגווײַליקייט איז צילקע אַרויסגעלאָפן צו אים אויספרעגן וואָס עס הערט זיך דאָרט, אין שטעטל, ביי די באַראָשעס.

—אין מסטיבאָווע,—האָט דער שאָסיי-וועכטער געענטפערט— אין מסטיבאָווע איז היינט אַ גרויסער טומל.

—וואָס איז געשען?—האָט צילקע געפרעגט.

—דאָס גאַנצע שטעטל איז אויפן בית עולם. מען שרייט מען זידלט זיך,—גנבים האָבן אַ קבר אויסגעגראָבן.

—וואָס?—האָט צילקע גענומען נייגעריק ווערן.

נאָר דער וועכטער איז זיך ווייטער געגאַנגען און צילקי האָט מער נישט געזען ווי זיין קאַרק.

ער האָט מער נישט געענטפערט, ער האָט נאָך אַלץ גע קוקט אויף צילקען, ווי אויף אַ קליין קינד, מיט וועלכן דערוואַק סענע מענטשן רעדן נישט קיין סך.

זי האָט זיך אויף אַ רגע פאַרטראַכט...

מסטיבאָווע... בית-עולם... גנבים...

וואָס איז דאָרט געשען?

זי האָט געקוקט דורך די ביימער. דאָס טייכל איז פאַר-פרוירן. די עטלעכע שטיקלעך הימל, וואָס זעען זיך דורך די ביימער זענען גראָ, נאָר אַרום פילט זיך עפּעס, אַז דער ווינטער גייט שוין צום סוף. אפילו די קראָען שרייען שוין מונטערער.

אַ קלער געטון האָט צילקע, אַז גיך וועט זיין פרילינג, זומער, מען וועט שוין ווידער קאָנען אַרומלויפן באָרוועס.

אַ קלער געטון און אַ שפּרונג געטון פון אָרט.
אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט דעם טאַטנס שטיוול: דער שניי אין וואַלד ווערט דאָך שוין פייכט און מען קאָן אין אַ וואַלד־זומפּ פאַרקריכן.

זי האָט זיך זייער געאײַלט. די מומע ניכע האָט עס באַמערקט.

—וואָס אײַלסטו זיך אַזוי, צילקע, וווּהין?

—קיין מסטיבאָווע,—האָט צילקע אין אײַלעניש געענטפערט.

—וואָס איז דאָרט? וואָס טרײַבט דיך אַזוי?

—וואָס? גאָרנישט! איוואַן דערציילט, אַז מען שרײַט דאָרט... אויפן בית־עולם... גנבים...

מער האָט די מומע נישט געהערט. צילקע האָט זיך שוין אָנגעטון, אַרומגעוויקלט זיך דעם קאָפּ און אַנטלאָפן... די מומע איז צוגעלאָפן צו דער טיר און גענומען רופן...

נאָר בלויז די סאָסנעס, די אַלט־באַקאַנטע סאָסנעס, האָבן געהערט, ווי די מומע רופט:

—צילקע, צילקע!

נאָר זיי זענען פאַרנומען די סאָסנעס, זיי טרייסלען היינט אָפּ דעם שניי פון זיך. דעם ווינטער טרייסלען זיי אַראָפּ פון זיך.

דער שניי וועט זיך צולייגן אויף דער ערד און אומבאַמערקטערהייט וועט ער נעמען קריכן אין צושמאָלצענע שטראָמען צום טייכל און פון טייכל...

ווער ווייסט ווו דער שניי פון לאַנגן ווינטער גייט אַוועק? דער ווינטער וועט אַוועק מיטן ווינט.

עס וועט אַרויסקוקן אַ גרינע ערד, אַ שוואַרצע ערד און אויף די אַלטע סאָסנעס וועט צוקומען אַביסל פריש־נייע נאָדלען.

ווי פון די סאָסנעס אָפּגעריסענע שטיקלעך לעבן — וועלן אַרומשפּרינגען די רויטלעכע וועווריקעס. די גאַנצע וועלט מיט אַלע וועלדער וואַרטן שוין אויף דעם גליקלעכן טאָג. מיט גרויסע אייז־פּיס האָט דער ווינטער צוגעפּרעסט דעם זומער, נאָר ער וועט זיך באַפרייען, ער וועט זיך גיך באַפרייען. דער הימל ווייס שוין דעם סוד און דעריבער שמייכלט ער אַזוי. דאָס ווינטל ווייס שוין

אויך און דערפאַר ליפּט. עס אַרום פון בוים צו בוים און הויבט אויף דעם איינגעלייגענעם שניי, דערוואַרעמט אים און צושמעלצט אים.

אין שטאַל מעקען די בהמות, עס איז וואַרעמער געוואָרן און עס ווילט זיך שוין אויף דער פריי. כּל-זמן דער וועג איז נאָך האַרט פון ווינטער, איילן זיך די פויערים אַרויסצופירן דאָס אויסגעהאַקטע געהילץ. עס וועט שוין באַלד קיין צייט נישט זיין.

דער וועג וועט קאַליע ווערן און מען וועט מוזן גיין אַרבעטן אויף די פעלדער.

צילקע איז געקומען קיין מסטיבאָווע, נאָר אין שטעטל האָט זי קיינעם נישט געפונען. אַלע, אַלע זענען געווען אויפן בית-עולם.

איז זי אַוועק אויפן בית-עולם. אַ קליין בית-עולם איז דאָס געווען. אויף אַ בערגעלע איז עס געשטאַנען. עטלעכע אַלטע נאַקעטעביימער, וועלכע וואַרפן זומער אַזויפיל שאָטן. איצט זענען זיי געשטאַנען אַליין, ווי מתים, וועלכע זענען געבליבן אָן אַ קבר.

אַלע מצבות זענען פאַרשנייט און צווישן די מצבות קריכן אַרום קינדער און אַלטע לייט, מאַמעס און טאַטעס.

מען שרייט שוין נישט. מען רעדט אַרום דאָס געשעעניש.

צילקע געפינט אירע חברטעס — בּאַראַשעס טעכטער און פון זיי דערגייט זי, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען:

אין שטעטל האָט געלעבט אַן אַלטע אלמנה. דריי זין האָט זי געהאַט, געזונטע יונגען מיט ברייטע פּלייצעס, — בחורים, פאַר וועלכע די גאַנצע געגנט האָט מורא געהאַט. געווען זענען זיי אַלע דריי גנבים. פון איין תפיסה אַרויס אין דער צווייטער אַריין. די אלמנה האָט געוווסט, אַז זי האָט זינדיקע קינדער, נאָר זי האָט זיי דאָך ליב געהאַט און כּסדר געבעטן גאָט, אַז ער זאָל זיי מוחל זיין. תהלים האָט זי טאָג און נאַכט געזאָגט.

די זין, די דריי גנבים האָבן זייער ליב געהאַט די מאַמע.
ווייל זי טוט תפלה פאַר זיי.
ווייל זי איז א גוטע מאַמע און זי האָט זיי ליב, נישט קוקנ-

דיק, וואָס זיי ברענגען איר אַזוי פיל יסורים.

ווייל אַלע האָבן אויף איר געטייטלט מיט די פינגער:

זין האָט זי אויסגעהאָדעוועט — מערדער, גזלנים...

זיי האָבן ליב געהאַט די מאַמען...

ווייל זי איז געווען אַ מאַמע.

און אָט איז זי געשטאָרבן.

די דריי קינדער זענען דאַן געווען אין דער „פּרעמד".

ווער פון זיי — אין תפיסה, ווער — אויף אַ שטיקל אַרבעט.

די גאַנצע געגנט האָט געקענט דידאָזיקע חברה. פּאָליציי האָט מיט זיי שטענדיק צו טאָן, נאָר יענע זענען זייער פלינק געווען.

די אַלטע מאַמע פון די גנבים איז געשטאָרבן. האָט דאָס שטעטל באַשלאָסן, אַז די מאַמע פון אַזעלכע קינדער טאָר נישט באַגראָבן ווערן מיט לייטישע מענטשן צוגלייך, און מען האָט איר געגעבן אַ פּלאַץ אונטערן פּאַרקאַן.

עס זענען אַפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געבעטן פּאַר איר: ס'טייטש, וואָס איז זי שולדיק? זי איז דאָך פרום און גוט געווען.

נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. די אַלטע איז געלעגן אונ-טערן פּאַרקאַן נעבן די זעלבסטמערדער, נעבן אַלע זינדיקסטע.

אַ צייט איז אַריבער נאָך דער אַלטערס טויט.

האָבן זיך עס די דריי בנים דערוווּסט, און זיי זענען אַלע געקומען צולויפן קיין מסטיבאָווע.

זיך אָפּרעכענען מיט די בעלי-בתּים.

אויפן שטעטל איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. מען האָט געפּרוּווט זיי געבן געלט, אַבי זיי זאָלן אָוועקפאָרן פון דאַנעט.

צום רב זענען זיי געגאַנגען און אים גוט אויסגעזידלט, קיין געלט האָבן זיי נישט גענומען.

— אַ מאַמען פאַרקויפט מען נישט פאַר געלט.

און די אַלע דריי האָבן געשמאַק קדיש געזאָגט נאָך זייער מאַמען און אַרויסגעגאַנגען זענען זיי מיט בייזע בליקן. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי אַ סקאַנדאַל געמאַכט.

מענטשן האָבן מורא געהאַט.

אַזעלכע דריי גזלנים, וועג-גזלנים.

אָפט פלעגן זיי אין בית-המדרש גאָכן קדיש אָנהייבן רעדן צו וועמען:

—פאַרוואָס האָבן זיי איר, דער פרומער מאַמע זייערער, אַזאַ חרפה אָנגעטון?

אונטערן פאַרקאַן...

ווי אַ מיאוסן נפש באַגראָבן.

נאָר מענטשן פלעגן ענטפערן:

—פאַרפאַלן, באַגראָבן איז באַגראָבן.

און אַנדערע פלעגן זאָגן:

—אויב זי האָט פאַרדינט, וועט איר גאָט סיי-ווי-סיי אין גן-עדן אַריינגעמען.

די דריי געטרייע זין האָבן זיך, אָבער, מיט דעם נישט באַנוגנט.

און אין דער לעצטער נאַכט זענען די דריי ברידער אַרויס אָפּטאָן גאָר אַן אומגעווייגלעך שטיקל אַרבעט:

זיי האָבן אויסגעגראָבן דעם קערפּער פון זייער מוטער. אויסגעגראָבן אַ נייעם קבר, וו עס ליגן די שענסטע לייט פון מסטיבאָווע און דאָרט זי באַגראָבען.

דאָס איז געווען אַ שווערע און אַ געהיימע אַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט פּאַרזיכטיק, די גנבים. קיינמאָל האָט זייער האַרץ אַזוי נישט געקלאַפּט.

טאָמער שטערט מען זיי.

מיט לאַמטערנעס האָבן זיי באַלויכטן דעם קבר און גע-גראָבן, געגראָבן...

שווייגנדיק זענען זיי אַלע געווען, די זינדיקע בנים, נאָר זייערס האָבן זיי אויסגעפירט.

זאָל די וועלט וויסן, אַז אַ מאַמע איז הייליק, אַז פאַר אַ מאַמען מוז מען האָבן דרך-ארץ.

צילקע האָט זיך דאָס אַלץ דערוווּסט און זי איז געווען צוטומלט פון דער גאַנצער געשיכטע.

גנבים, ביינאַכט, אויפן בית-עולם...

זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די מענטשן, געטרעטן דעם שניי מיט גרויסע שטיוול, נאָר זי האָט נישט געהערט, וואָס מענטשן רעדן צו איר.

איין זאַך האָט זי געטראַכט, אַז אויך איר מאַמע ליגט דאָ אויפן בית־עולם. אונטער וועלכער מצבה — האָט זי נישט געוווּסט. אַלע מצבות זענען פאַרשאָטן מיט שניי.

זי האָט נאָר געהערט עטלעכע פראַזן:

די גנבים סטראַשען, אַז אויב מען וועט איצט אָנרירן זייער מאַמע, וועלן זיי דאָס גאַנצע שטעטל אונטערצינדן.

—די גנבים האָבן גוט געטון, האַ? צילקע...

דאָס האָט פרויקע באַראַש אַריינגעשריגן צו איר אין אויער אַריין.

און ער האָט זיך צולאַכט.

שטענדיק לאַכט ער, דער פרויקע, און שטענדיק קוקט ער מיט אַזעלכע דורשטיקע אויגן אויף איר.

זי וויל אַוועקגיין פון אים, גייט ער איר נאָך און שפּאַנט פון איר אויסזען, פון אירע שטיוול...

—ווען דו וואָלסט געווען אַ בחור, צילקע, נישט קיין מיידל. ווען דו וואָלסט געווען אַ בחור, וואָלט מען מיט דיר געקאָנט מאַכן אַ גוטן שנאַפּס.

זי אַנטלויפט פון אים. אַ ברוגז'ע און אַן אָנגעשראָקענע.

דערנאָך האָט צילקע לאַנג געהאַט צו רעדן מיט דער אַלטער ניכע וועגן דעמדאָזיקן געשעעניש.

די מומע ניכע האָט געהאַלטן, אַז די גנבים האָבן נישט געטאָרט אויסגראָבן דעם קבר, ווייל דאָס, וואָס די ערד נעמט אַריין, טאָר מען מיט געוואַלט נישט אַרויסנעמען.

און צילקע האָט פאַרטיידיקט די גנבים.

—איך וואָלט אויך אַזוי געטון,—האָט זי געזאָגט צו דער מומען און יענע האָט נישט אָפּגעענטפערט.

עס האָבן זיך איצט געצויגן לאַנגווייליקע נאַסע און נעבלדיקע טעג. דער פרילינג האָט זיך לאַנגזאַם צוגערוקט.

אין וואַלד איז אַלץ נאָס געווען פון צוגאַנגענעם שניי און פון

נעפּל. דאָס טייכל האָט גענומען וואַקסן ברייטער און העכער און איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די וועלט גייט אונטער: אַט אַזאַ שניעק, אַזאַ שמאָל טייכל האָט זיך צו־גאָסן לאַנג און ברייט. אַ שטיק וואַלד האָט [illegible] און די סאָסנעס זענען געשטאַנען ביז די קני אין וואַסער און געשפּיגלט זיך אין זיין [illegible] אין דער הויך האָט געדרוט אַ שטיק בלאָער הימל, [illegible] ווייסע וואָלקנס האָבן פון צייט צו צייט פאַרשלייערט. דאָס וואַסער האָט שוין באַלד דערגרייכט ביז צו איסר׳ס שטוב.

צילקע איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון זייער הויז און געקוקט אויף די שטראָמען, וועלכע האָבן זיך דאָ לאַנגזאַם, דאָרט האַסטיק גערירט. אויפן פלאַך פון וואַסער האָבן זיך געזען פאַראַיאָריקע בלעטער, סכך-נאָדלען און משונהדיקע אויסגעטרו־קנטע גראָזן.

די לופט אַרום איז פייכט און פריש געווען. עס האָט געמינ־טערט דעם גאַנצן וואַלד.

אפשר שוין אַמאָל צען האָט צילקע אויסגעשריגן:

—מומע, קום אַרויס, קום זען דאָס וואַסער.

און די מומע פלעגט צולויפן אויף אַ רגע און זיך גוטמוטיק בייזערן:

—וואָס איז דאָ? קיין וואַסער האָב איך נישט געזען?—און צוריק אַריינלויפן אין שטוב אַרבעטן.

מען האָט נישט געזען פון וועלכער זייט דאָס וואַסער קומט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס שטראָמט פון דר׳ערד אַרויס און צילקע האָט גוואַלדיק געוואָלט, אַז דאָס זאָל נישט אויפהערן. זאָל זיך דאָס וואַסער נישט פאַרקלענערן, זאָל עס זיך אויפהייבן הויך, הויך.

אַז זי מיט דער מומען ניכע זאָלן זיך דאַרפן אויפן בוידעם באַהאַלטן.

שפּעטער איז געקומען שלמה פון דער גוראַלניע, ער האָט זיך געקליבן אין שטאָט אַריין.

—גריסט דאָרט סאַשען, בעט אים ער זאָל קומען אויף

זומער, איך וואַרט אויף איס.

שלמה האָט אַ שמייכל געטון:

—און ער אויף דיר וואַרט אויך?

צילקע איז אומעטיק געוואָרן פון דער פראַגע, נאָר באַלד האָט זי זיך באַרויקט... זומער, זומער... וועט ער מוזן קומען... זומער וועט דאָס זיין גוט.

און זי האָט אַ קוק געטון אין דער טיפעניש פון וואַלד: דאָרטן האָבן זיך געזען עטלעכע הויפנס שניי. האָט זי באַקומען אין דער רגע אַזאַ פאַרלאַנג: כאַפּן אַ בעזעם און אויף גיך־גיך פאַרקערן דעם גאַנצן ווינטער. אויף גיך-גיך פאַריאָגן די לאַנג-ווייליקע טעג.

פאַר סאַשען זאָל קומען דער זומער.

פאַר אַלע אירע אומבאַוווסטע האָפנונגען.

פאַר דער מומען, פאַר דעם שווייגנדיקן טאַטן, וועלכער פאַרט אַלץ צוליב לוריעס ענינים.

זאָל גיכער קומען דער זומער, פאַר דעם וואַלד. פאַר אַלע וועווריקעס, פאַר דער מומען ניכע, וועלכע וועט עפענען אַ פענ-סטער און נעמען דעם טייטש-חומש אין האַנט...

ווי אין אַלע זומערדיקע שבתים.

איבער נאַכט האָט זיך דאָס וואַסער געהאַלטן אויף איין הויך, באַגינען האָט עס זיך גענומען איינציען. די סאָסנעס האָבן באַפרייט זייער קני, דער גאַנצער וואַלד האָט לייכט געאָטעמט מיט אַ קיל ווינטל, דאָס לעצטע ביסל שניי איז פאַרשוווּנדן גע-וואָרן.

און אַלץ האָט אויף עפעס געוואַרט. צילקע אויך.

III

סאַשאַ לוריע.

אַ שטיפער איז ער געוועזן אין זיין קינדהייט. אַ שטאָלצער יינגל, וועמען עס האָט זיך שטענדיק אויסגעדוכט, אַז אַלץ קומט אים, אַז אים, סאַשען, טאָר מען אין קיין זאַך נישט אָפּזאָגן. אין שולע זענען די לערער מיט אים זיך ווייכער באַגאַנגען. זיין רייכן יחוס האָבן אַלע געוווסט, ער איז געווען אַ כעיקער און אַ פּוי־לער, האָט שטענדיק געוואָלט, אַז אַלץ זאָל אַליין קומען אין מויל אַריין.

און שטאָלץ איז ער פון שטענדיק אָן געווען. לערנען האָט ער נישט געוואָלט, נאָר אַז אַ שילער זאָל אים איבעריאָגן, באַ־קומען אַ בעסערן „באַל" פאַר אים, דאָס האָט ער נישט געדולדעט.

אין אַלצדינג אַזוי:

האָט ער געקליבן אַ קאָלעקציע מאַרקעס, האָט זיין קאָלעק־ציע געמוזט זיין די בעסטע. זיינע ליזשוועס צום גליטשן זיך — די בעסטע. זיינע ביכער אין די בעסטע באַנדן.

ער איז דאָך לוריעס אַ זון, אים האָט מען דאָך פון ער־שטן טאָג זיינעם געקעכלט.

די לוריעס...

מיט אַ גרויס דרך-ארץ פלעגט מען דערמאָנען זייער נאָמען. זיי זענען געווען יחסנים, רייכע מענטשן און דערצו מיט גוטע כאַראַקטערן, זיי פלעגן אַלעמען העלפן.

זיי האָבן געהאַט אַ קאָטש מיט צוויי שוואַרצע פערד. די איינציקע יידישע קאָטש אין שטאָט. צום גימנאַזיום פלעגט די קאָטש צופאָרן און סאַשקעלע מיט די ביכער פלעגט, ווי אַ יונגער פרינצל אַהיימפאָרן.

די גאַנצע גאַס פלעגט נאָכקוקן: זעט נאָר! אַזאַ ייגגל נאָך און פאַר אים שפאַנט מען עס איין אַזעלכע צוויי שיינע פערד, אין אַ קאָטש פאָרט ער מיט גומענע רעדער... מען האָט מקנא געווען און מען האָט באַוואונדערט זייער רייכקייט.

די לוריעס...

זיי האָבן געשעפטן מיט אויסלאַנד, דער גובערנאַטאָר קומט אַ גאַסט צו זיי און דאָך זענען זיי נישט קיין שטאָלצע מענטשן, פירן זיך יידישלעך -אויף וויפל אַזעלכע גבירים קאָנען זיך פירן.

סאַשע איז געווען זייער האָפנונג, סאַשען האָט מען זייער ליב געהאַט.

און דאָס רונדע גימנאַזיסטל האָט געהאַט די בעסטע חברים, אַלע האָבן זיך מיט אים געחברט.

דערנאָך, ווען פון ייגגל איז אַ בחורל געוואָרן, האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ גימנאַזיסטין. די שענסטע פון שטאָט איז זי געווען. אַלע גראָדנער האָבן פון איר שיינקייט גערעדט, אַלע— אפילו אָפיצירן—האָבן שטאַרקער צוגעקלאַפּט מיט די שפּאָרן, ווען יענע פלעגט פאַרבייגיין די סאָבאָרנע גאַס. און אפשר דערפאַר, ווייל אַלע האָבן גערעדט פון איר האָט זיך סאַשע אין איר פאַרליבט.

זי איז געווען פון אָרעמע עלטערן און ער פון די לוריעס, נאָר ווי אַזוי עס איז געשען? דאָס מיידל האָט פון אים נישט געוואָלט וויסן:

—דער „בוץ" געפעלט מיר נישט.—סאַשע איז געווען אַ

דיקער, אַ רונדער, כאַטש מיט זייער אַ סימפּאַטישער ווייכער שטים און מיט גלאַנציק-שוואַרצע אויגן.

„בוץ" האָבן אים גערופן זיינע שונאים און די גרעסטע באַליידיקונג איז דאָס געווען פאַר אים, ווען ער פלעגט עס הערן. ער פלעגט דאַן אַריין אין כעס און טופּען מיט די פיס און שרייען.

—דער „בוץ" געפעלט מיר נישט,—האָט די גימנאַזיסטקע געזאָגט און אַרומגעשפּאַצירט מיט אַנדערע בחורים און אפילו מיט אָפיצירן.

מיט אַלעמען, נאָר נישט מיט לוריעס זונדל.

דאָס איז געווען אין זיין לעבן די ערשטע מפּלה.

פאַר דעם ניינצן-יעריקן בחור איז דאָס געווען גענוג, ער זאָל ווערן אויף אַ לענגערע צייט מרה-שחורהדיק און געענדיקט האָט זיך דאָס מיט אַ גרויסער דאָזע מישיאַק, פון וועלכער מען האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט.

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט ער נאָך אַלץ גערעדט, אַז ער וועט זיך דאָס לעבן נעמען, מען האָט אפילו ביי אים שוין געפונען אַ רעוואָלווער, נאָר קיין קוילן האָט ער צו אים נישט געהאַט.

פון די אַלע איבערלעבענישן איז פון „בוץ" געוואָרן אַ תל. ער איז געוואָרן דאַר און שווייגנדיק, האָט אויפגעהערט צו לערנען, איז אַנטלאָפן פון זיינע אַלע חברים.

שפּעטער איז מען מיט אים אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, אַרומגעפירט אים פון בערלין קיין פּאַריז, פון פּאַריז קיין ציריך, דאָרט האָט ער זיך אַ לענגערע צייט פאַרהאַלטן, האָט זיך באַרויקט און גענומען ווייטער שטודירן.

אין ציריך און אין אַנדערע שטעט פון דער שווייץ האָט ער פיל באַקאַנטע און פריינט געהאַט. עס איז געווען אַ צייט, ווען די גאַנצע יוגנט האָט געברענט מיט בלוטיקן האַס צום צאַריזם. עס האָבן זיך גרופירט אַלץ נייע פּאַרטייען, די רוסישע עמיגראַנטן און צווישן זיי טויזנטער יידישע יונגעלייט האָבן געהאַט איין חלום. איין שטרעבונג פּטור צו ווערן פון דעספּאָטיזם,

אָרגאַניזירן די אַרבעטער. יעדן טאָג—מיטינגען, פאָרלעזונגען, רע־פעראַטן. סאַשאַ לוריע האָט זיך אויך געפּלאָנטערט און דעמדאָ־זיקן עולם, נאָר ער איז צו קיינעם נישט צוגעשטאַנען.

ער פלעגט פון צייט צו צייט העלפן מיט באַדייטנדע סומען געלט דע[illegible] און יענעם פון די רעוואָלוציאָנערן.

עס האָבן שוין פיל געמיינט, אַז ער ווערט זייערער. נייןֿ, אויף מאָרגן פלעגט ער גאָר אַוועקפאָרן אין די בערג מיט אַ נייער „באַקאַנטשאַפט”. פרויען האָבן אים ליב געהאַט און געלט האָט ער געהאַט מער פאַר אַלעמען. פון גראָדנע פלעגט מען שיקן איבערגעבונג.

ער האָט געלערנט און זיך געגרייט צו אַ דיסערטאַציע. ער איז אויסגעוואַקסן און זיין פנים האָט זיך אויסגעאיידלט. אין די בערג פלעגן אים די טוריסטן אָננעמען פאַר אַ מזרח-טיפּ. ער פלעגט אָפּשטעלן מיט זיין אויסזען און פלעגט זיך רויק שפּרייזן מיט זיינע בערישע און זיכערע טריט. זעלטן ווען פון עפּעס זיך אָנצינדן, זעלטן ווען אויסערלעך רעאַגירן אויף פיל געשעענישן דאָן, בעת אַנדערע פלעגן זיין איבערראַשט.

אַ וועלט פאַר זיך איז ער געווען. אַזאַ איינער, וואָס האָט מיט זיין אויסערלעכער רויקייט און אָפּגעזונדערטקייט געצווונגען צו אויפמערקזאַמקייט.

אויף פאַרזאַמלונגען, ווו ער פלעגט קומען פון לאַנגווייליקייט, פלעגט ער זיך צוהערן און אָפּקומען מיט אַ לאַקאָנישער פראַזע.

נישט איינמאָל האָט מען פון אים געהערט אַזעלכע פראַזן:

—צופיל מענטשן זענען פאַראַן אויף דער וועלט, צופיל...

מען וועט זיך נישט אָנטיילן מיט גוטס גאָב, מען וועט זיך אייביק רייסן און זאָל מען זיך רייסן, אַמאָל איז עס גאַנץ אינטערעסאַנט.

—אָבער סאַשאַ, איינער אַרבעט פאַר דעם צווייטן, איינער פאַר אַלעמען, אַלע פאַר איינעם...

פלעגט ער באַמערקן, אַז מען וויל אים אַריינפירן אין אַ דיסקוסיע און דאָס האָט ער זייער נישט ליב געהאַט, כאַפּט ער

זיך און רעדט שאַרף אַרויס זיין שטענדיקן פּעסטן: „נאַפּליעוואַט" און רוקט זיך אָפּ פון עולם.

און דאָך האָבן פיל גערעדט, אַז ווען ער וואָלט וועלן — אַ גרויסאַרטיקער אָראַטאָר וואָלט ער געווען — אַ טוער, אַ מענטש וועלכן אַלע וואָלטן געפאָלגט. פאַרשידענע גרופּן האָבן אים גערופן צו זיך. ער פלעגט שמייכלען:

—אַמאָל געפעלט מיר די וועלט, אָט אַזוי ווי זי איז זיך מיט אַלע אירע פריידן און ליידן און דאַן ווען זי געפעלט מיר נישט, געפעלט זי מיר נישט מיט איין אַלעמען, מיט די אַלע, וואָס ווילן זי איבערמאַכן און גייט זיך געזונטערהייט!

קיינער פלעגט זיך אויף אים פאַר זיינע שאַרפע ענטפערן נישט באַליידיקן, נאָר עס פלעגט פאַרדריסן: אַ שאָד, אַזאַ יונגער און באַגאַבטער מענטש און לעבט אָן אַ ציל.

אָפט, אַז ער פלעגט באַקומען פון דערהיים אַ גרעסערע סומע געלט, פלעגט ער אַוועקפאָרן אין מאָנטע-קאַרלאָ און פטר'ן די פּאָר גראָשן און קומען צוריק אַ פריילעכער אַ מונטערער.

—אַ מחיה געווען, אין איין שעה געווען אַ מיליאָנער און ווידער אויס. דער קאָפּ האָט געברענט, די נערוון האָבן געציטערט, אַ וועלט מיט איבערלעבונגען דאָרט אין מאָנטע-קאַרלאָ, אין גיהנם פון גאָלד.

מען פלעגט אויף אים קוקן מיט אַ לייכטער פאַראַכטונג פאַר אַזעלכע מעשים, פאָרט אַ קינד פון דער בורזשואַזיע. ער וועט שוין אַנדערש נישט ווערן.

און דאָך אַזוי נישט לערנענדיק, האָט ער אַ סך דערגרייכט און האָט געענדיקט דעם פאַקולטעט בעסער פאַר אַלעמען. ער האָט שטענדיק געלאַכט פון ביכער און פון די מענטשן און דאָך האָט ער זיך אַזוי, נישט ווילנדיק, איבערגעלייענט כמעט אַלע קלאַסיקער, האָט זיך אינטערעסירט מיט באָטאַניק און אַסטראָנאָמיע און דאָס, וואָס אים איז שוין אַריין אין קאָפּ איז שוין צוריק נישט אַרויס. און פלעגט ער דיספּוטירן, איז ער געווען אַן אָפּאָנענט, מיט וועלכן מען האָט זיך שטענדיק גערעכנט.

נאָר קיין זאַך איז נישט געווען ביי אים דער עיקר, נישט

דאָס לערנען און נישט מאָנטע-קאַרלאָ און נישט אַוואַנטורעס מיט די פרויען.

—צוליב וואָס לעבסטו?—פלעגט מען אים פרעגן.

—אַ מאָדנע פראַגע,—פלעגט ער ענטפערן.

—יעדערער האָט אַ ציל.

—און וואָס האָט מען פון ציל?

—אַי, מען קאָן מיט דיר נישט רעדן, סאַשאַ?

—טאָ רעד נישט...

און זיין אויסגעקעלטער קערפּער פלעגט זיך שטייף אויסציען, ער פלעגט אין אַזעלכע רגע'ס קוקן אָן דער זייט מיט אַ פאַרדרוס פון אַ פרינץ, וואָס מען האָט עפּעס מיט אַ נאַרישקייט געשטערט.

איינמאָל האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ געשיכטע מיט אַ פרוי און צוליב דערדאָזיקער היסטאָריע האָט אים אַ קריסטלעכער סטודענט באַליידיקט מיט אַ גראָב וואָרט. דער גראָדנער לוריע האָט אויפגעהויבן זיין פעסטע האַנט און געפּאַטשט.

איז געוואָרן אַ טומל אין דער קאָלאָניע. אַ דועל, עס וועט זיין אַ דועל.

מען האָט סאַשען אַרויסגערופן זיך שלאָגן אויף שפּאַגעס.

האָט ער זיך קאַטעגאָריש ענטזאַגט:

איך האָב פיינט די קינדערשע קונצן. איך וועל אים אַ קראַץ טאָן אָדער ער—מיר. איך האַלט נישט פון די נאַרישקייטן.

זענען צו אים פיל צוגעשטאַנען:

—עס וועט פאַלן אַ פלעק אויף אונז, יידן זענען פּחדנים—וועט מען זאָגן.—עס האָט געקאָכט און גערודערט און סאַשע האָט זיך געלאָזט איבעררעדן.

—גוט, איך וועל זיך מיט אים שלאָגן, נאָר נישט אויף שפּאַגעס, איך וויל פון דעם קיין שפּאַס נישט מאַכן... אויף רעוואָלווערן.

האָבן זיך ביידע צדדים דערשראָקן: עס קאָן זיך ענדיקן מיט טויט. נאָר סאַשע לוריע האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. און ער האָט אויסגעפירט.

מען האָט אויסגעאַרבעט תּקנות. די סעקונדאַנטן האָבן זיך געסטאַרעט, וואָס לייכטער זיי צומאַכן.

און אין אַ העלן פאַרטאָג איז עפּעס אַ פרעמדער „פּריץ" פון באַוואַריען מיט אַ פרעמדן סאַשאַ לוריע פון גראָדנע געשטאַנען איינער אַנטקייגן צווייטן מיט רעוואָלווערן.

דער ערשטער האָט געשאָסן דער געפּאַטשטער און נישט געטראָפן. לוריע איז געווען זייער רויק, ער האָט שווער פאַרוווּנדעט זיין געגנער. ער האָט נאָך לאַנג געהאַט צוטאָן דאַן מיט דער פּאָליציי פון שווייצאַריען.

ער איז געוואָרן אַ העלד ביי אַ סך. נאָר ער האָט עס געהאַלטן פאַר דאָס נאַרישסטע, וואָס ער האָט אין זיין לעבן אָפּגעטאָן. דאָס איינציקע, וואָס אים האָט געטרייסט איז געווען דאָס, וואָס אין יענעם פרימאָרגן בעת ער האָט געשאָסן איז געווען אַ זעלטן שיינער זונאויפגאַנג און די בערג זענען געווען וווּנדערבאַר באַלויכטן.

עס האָט זיך ביי אים אין הארצן איינגעבאַקן יענער פרימאָרגן.

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס מענטשן האָבן אים געצוווּנגען נאָכצוטאָן זייערע נאַרישקייטן.

נאָך דעם צופאַל מיטן שיסן זיך האָט ער לאַנג געפּייזט איבער איטאַליען. איינער אַליין איז ער אַרומגעקראָכן אין די בערג, ביים ברעג ים. און ליבער פאַר אַלץ האָט ער געהאַט זיך פאַרפּלאָנטערן אין די רואינען פון אַלטע איינגעפאַלענע שלעסער. ער האָט מיט נייגעריקייט געקוקט אויף דאָס חרוב־געוואָרענע און האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עס טוט אים שטאַרק הנאה, בעת ער זעט, אַז אַלץ ווערט חרוב.

נאָך דער רייזע האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן צוריק אַהיים.

אַוועקגעפאָרן איז ער אַ יונג בחורל מיט רונדע פּלייצעס. אַנטלאָפן פון זיין ערשטער מפּלה אין לעבן, פון דער נישט איינגעגעבענער ליבע, און צוריקגעקומען קיין גראָדנע שוין אַן עלטערער בחור מיט אַ דיפּלאָם, וועלכן ער האָט גאָרנישט געפּרוּווט אויסנוצן צו עפּעס.

ער איז געקומען צום רייכן טאַטן און זיך ביי אים אַוועק־
געזעצט.

נאָך די בערג, נאָך דעם אויסלענדישן טומל האָט אים איצט גראָדנע אויסגעזען ווי אַ דערפל, אַלץ—אַלע מענטשן, אַלע הייזער. אַלץ, אפילו זיין אַמאָליקע ליבע. וויאַזוי האָט ער זיך דאָס געקאָנט פאַרליבן און זיפצן פון ליבע און סמען זיך געוואָלט צוליב ליבע? ניין, דעמלט איז געווען אַן אַנדער סאַשע.

וואָס האָט ער געבראַכט פון אויסלאַנד?

אודאי איז ער איצט געווען אַ געבילדעטער מענטש, נאָר קיינעם האָט זיין בילדונג קיין נוצן נישט געבראַכט און אים אליין אויך נישט.

ער האָט גאָרנישט געטאָן.

מיט אַ סקעפּטישער גוטמוטיקייט פלעגט ער באַגריסן מענטשן און גיין צו זיי.

אמת, נישט אָפט, דער גרעסטער טייל פון זיין צייט איז אַריבער אויף דעם טאַטנס ווייכע קאַנאַפּקעלעך, ער פלעגט אַ סך שלאָפן, אַ סך עסן.

אַמאָל אַרויסשלעפּן עפּעס אַ בוך און האַלטן זיך מיט אים אַ ביסל צייט. און ווידער זיך פאַרקלערן.

ווער ווייס פון וואָס.

אַ לאַנדשאַפט פון דער שווייץ, אַ פאַרנאַכט, אַ באַגעגעניש פלעגט פאַרביישוועבן און... מען דאַרף גיין שפּאַצירן אויף דער סאָבאָרנע.

אַזעלכע לאַנגווייליקע טעג און אַזאַ לאַנגווייליקע גאַס די סאָבאָרנע מיט די גימנאַזיסטלעך, וועלכע קוקן אויף אים מיט דרך־ארץ, אַ קלייניקייט! ער האָט אַזוי פיל יאָר אין אויסלאַנד שטודירט, ער איז אַזאַ געבילדעטער!

זעלטן האָט זיך אים איינגעגעבן צו געפינען מיט וועמען צו פאַרברענגען, רעדן, שפּילן זיך אויף דעם רויקן ניעמאַן.

אַ סך מאָל פלעגט מען אים זען איינזאַם זיצן אויף אַ באַנק אין גאָרטן, שטענדיק אין נייע קליידער, נאָר אייביק און אומעטום אין דעם זעלבן אָפּגעקראַכענעם גראָען קאַפּעליוש, וואָס ער־

האָט געבראַכט פון אויסלאַנד.

אַלץ האָבן מענטשן פאַרשטאַנען:

לוריעס קדיש איז געפאָרן קיין אויסלאַנד זיך לערנען, ווער דען זאָל פאָרן לערנען אין אויסלאַנד אויב נישט אַזאַ גבירס אַ זון? לוריעס זונדל איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד אַן אויס-געבילדעטער און טוט גאָרנישט... איז וואָס? נאָר די רייכע קאָ-נען זיך דאָס דערלויבן.

לוריעס זונדל שפילט אין קאָרטן אין קלוב מיט די אָפי-צירן און אַמאָל שכורט ער אויך מיט זיי. מענטשן האָבן דאָס אַלץ פאַרשטאַנען.

נאָר איינס האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס אַזאַ סאַשקע לוריע טראָגט אויף זיך אַזאַ אַלטן אָפּגעקראָכענעם קאַפּעליוש? און דער סאַשקע טוט זיי אַלעמען צו להכעיס. אומע-טום און שטענדיק מיט דעם זעלבן גראָען קאַפּעליוש.

די מיידלעך פלעגן אים שוין פון דערווייטנס דערקאָנען צוליב זיין גראָען הוט...

צום מיינסטנס פלעגט ער שפּאַצירן אַליין אויף די שמאָלע גראָדנער טראָטואַרן, אין די באַשיידענע קרעמלעך האָט מען גע-האַנדלט, מאַמעס האָבן געקלערט וועגן חתנים פאַר זייערע טעכ-טער און די פּראָווינציעלע מיידלעך האָבן זיך געפירט זייערע ליבעס מיט די פאַרליבענישן.

אַמאָל אַ לויה...

אַמאָל אַ חתונה...

אַמאָל אַ שרפהלע, אַ באַנקראָטל!..

מיט וואָס לעבט אַזאַ שטאָט?

נאָר דער דיקער יונגערמאַן מיט זיין אייביקן קאַפּעליוש, מיט זיין בליק, וועלכער האָט, דאַכט זיך, אויף קיינעם און אויף גאָרנישט געקוקט, לוריעס זון האָט עפּעס אַ ניי פאַרב צוגעגעבן צום גראָען לעבן פון דער שטאָט.

און אַז וועלכע עס איז פון די פריילינס פלעגט אַמאָל פאַרבייַשפּאַצירן מיט אים, פלעגט עס אַרויסרופן אַ וווּנדער, אַ נייגעריקייט:

—האַ, האַ! זי שפּאַצירט שוין מיטן גראָען קאַפּעליוש...
—זי שדכנט זיך צו זיין טאַטנס מיליאָנען.

מען האָט שוין אַזאַ מקנא געווען. נאָר סאַשע לוריע האָט נישט געטראַכט פון קיין שדוכים און די גאַנצע שטאָט מיט אַלע אירע זאָרגן און טומלענישן איז אים זייער ווייניק אָנגעגאַנגען.

עס האָט אויסגעדוכט, אַז ער איז פון ערגעץ אַראָפּגעפאַלן אין אַ טאָל אַריין און קאָן זיך פון דאַנעט נישט אַרויסקריגן. עס האָט אויסגעדוכט, אַז ער קומט דאָ אָפּ גלות.

פון אויסלאַנד פלעגט ער באַקומען פיל דייטשע און פראַנצויזישע זשורנאַלן. איינמאָל אין חודש פלעגט ער זיך צוכאַפּן צו דעם — בלעטערן, בלעטערן און אַוועקוואַרפן...

לאַנגווייליק איז אים פיל מאָל געווען און די לאַנגווייליקייט פלעגט אָפּסמען זיין גאַנצן ווילן, צונעמען ביי אים דעם מוט אַוועקצופאָרן פון דאַנעט — זאָל עס גיין, ווי עס גייט.

און ברענגען פלעגט עס צו מאָדנע איינפאַלן:

סאַשע לוריע האָט זיך פאַרליבט אין הינט.

מאָפּסן, בערנאַרדן, יאַגד-הינט. דאָס איז געווען אַ לאַנגע, ליידנשאַפט ביי אים.

ער האָט אָנגעהויבן קויפן הינט, זוכן ביי אַלע יעגערס די בעסטע מינים. פלעגט אים איין „נפש" דערעסן איז באַלד דאָ אַ צווייטער.

דער ליידיקגייער האָט זיך געווילט מיט די כלבים.

די שכנים האָבן געלאַכט און טאַטע-מאַמע האָט עס געדולדיק איבערגעטראָגן. ביי זיי איז ער נאָך אַלץ געווען דער קליינער סאַשעלע, וועמען מען באַדאַרף אַלץ נאָכגעבן.

אין יענע טעג האָט מען סאַשען אַליין קיינמאָל נישט געזען: יעדעס מאָל האָט אים באַגלייט אַ פיר־פיסיקער חבר.

אַז מענטשן האָבן אַזאַ רייכקייט.

אַז קיין זאָרגן זענען נישטאָ.

חברט מען זיך מיט כלבים. פאַרפאַלן! הינט באַדאַרפן אויך לעבן און זיי פילן זיך גאָרנישט שלעכט, ווען זיי פאַלן אַריין אין אַזעלכע הענט.

וויפל מאָל פלעגט זיך ביי די לוריעס עפענען די טיר און „עפּעס" אַן אָפּגעריסענער מענטש פרעגט:

—איר ט'קויפן אַ הונט, אַן עכטע ראַסע...

—נישט איך,—פלעגט זיך דער אַלטער לוריע ווּיצלען,—איך האַנדל מיט וואַלד, דאָס איז מיין זונס מסחר.—און עס פלעגט זיך דערהערן אַ קול:

—סאַשע, קום אַריין, מען האָט דיר געבראַכט סחורה.

און סאַשע פלעגט די סחורה באַטראַכטן און גלעטן...

אָבער אַלץ ביז אַ צייט. דאָס האָט אים אויך דערעסן און די בערנאַרדעס מיט די כאַרטן זענען געלם געוואָרן פון האַרי-זאַגנט. ער איז ווידער געבליבן ביים גראָען אָפּגעקראַכענעם קאַ-פעליוש...

אַמאָל מיט די ביכער.

אַמאָל אין קלוב מיט די אָפיצירן אין קאָרטן.

די שטאָט האָט אים פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט:

—ווען אַזאַ וואָלט וועלן, וואָלט ער דעם בעסטן שידוך געטון.

און געשעפטן... דער טאַטע זיינער ווערט אַלט. פרעמדע מענטשן קירעווען מיט דעם טאַטנס וועלדער און זעג-מילן.

אַזאַ ליידיקגייער.

אַזאַ אוממענטש...

און דאָך, קיין כעס האָט קיינער אויף אים נישט געהאַט.

און רופן פלעגט מען אים נישט אַנדערש ווי „סאַשקע", כאָטש נישט אַלע האָבן אים פערזענלעך געקענט און ער האָט זיך זייער נישט גערן געחברט.

דער טאַטע, די קרובים פלעגן צו אים צושטיין:

—וואַרף שוין אַוועק די שמאַטע.

דאָס האָבן זיי געמיינט דעם גראָען קאַפעליוש.

פלעגט ער לאַכן און גוטמוטיק קוועטשן מיט די פלייצעס.

און אַז מען פלעגט ביים אַלטן לוריע פרעגן וועגן זיין זון—פלעגט ער ענטפערן:

—ער איז געווען אין אויסלאַנד, האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ

פאַרמעגן און געבראַכט האָט ער פון דאָרט אַן אַלטן קאַפּעליוש. אַ, דער קאַפּעליוש.

דער אַלטער האָט אָבער סאַשען זייער ליב געהאַט און געלט האָט ער אים געגעבן וויפל יענער האָט נאָר פאַרלאַנגט.

און אַוועק איז ביי סאַשען אַ פּעריאָד פון קאָרטן-שפּיל. ער פלעגט טעג נאָכאַנאַנד אין דערהיים נישט קומען און דער-ציילט האָט מען, אַז ער קאָן שפּילן דריי טעג נאָכאַנאַנד, ער שלאָפט זיך אויס אויפן שטול און שפּילט ווידער. נעמט וויי-טון דער קאָפּ — בינדט מען אַרום מיט אַ האַנטוך, קאַלט וואַסער לייגט מען צו און ער שפּילט ווידער.

אינדערהיים האָט מען וועגן דעם געוווּסט, נאָר קיינער האָט אים קיין וואָרט נישט גערעדט.

—ס׳וועט איבערגיין, —האָט דער אַלטער לוריע געזאָגט און ער האָט געקענט זיין בן.

אין איין שיינעם טאָג האָט סאַשע די קאָרטן אַוועקגע-וואָרפן. פאַרוואָס?

ער האָט דערפילט, אַז דאָס ווערט ביי אים דער עיקר און פאַר דעם האָט ער מורא געהאַט מער ווי פאַר אַלץ.

ווערן אַ קנעכט פון ליידנשאַפט, האָט ביי אים געהייסן זיין אין גיהנם, און אינדעראמתן האָט ער ליב געהאַט אַביסל עולם-הזה...

פויל איז ער געווען און שלעפעריק צו אַרבעטן און אַן ערציונג האָט ער באַקומען, וועלכע האָט אים צום קאַמף מיטן לעבן נישט געצוווּנגען.

קיין נאַר איז ער נישט געווען. האָט ער זיך אַביסל גע-לאַכט פון דער קליינער גראָדנע און פון דער גאַנצער וועלט...

אויס קאָרטן...

ער האָט אפילו אין קלוב אויפגעהערט צו גיין.

עס איז געווען דאַן זומער, פלעגט ער יעדן פאַרנאַכט נע-מען אַ שיפל און פאָרן ווייט מיטן שטראָם און רייכערן ציגאַרן.

די פּאָלעך מיט די ניידלעך פלעגן שוין פון וויטן אין דער פינסטער זיין שיפל דערקענען.

—דאָס איז דאָך סאַשע...
—דאָס פּיערלט זיך זיין ציגאַר.

נאָר דער גראָען קאַפּעליוש האָט ער נישט אַוועקגעוואָרפן. אַ מאָדנע איינגעשפּאַרטקייט. עס קאָן זיין, אַז דער קאַפּעליוש האָט אים דערמאָנט זיינע סטודענטישע יאָרן אין אויסלאַנד... ס'קאָן זיין, יעדער מענטש האָט אין זיך אַזאַ קוריאָזע איינגעשפּאַרטקייט אין קלייניקייטן.

נאָך די קאָרטן האָט ער זיך עטלעכע וואָכן געגריבלט אין די ביכער, געגעסן און געשלאָפן.

סאַשע איז געשלאָפן ביינאַכט און סאַשע איז געשלאָפן בייטאָג. ער האָט אפשר אַליין נישט געוווסט, ווי אָפּגעהיט זיין שלאָף איז געווען. די דינסטן פלעגט מען אָנזאָגן נישט צו קלאַפּן מיט די טירן, נישט צו רוישן...

און דער טאַטע אַליין פלעגט מיט זיינע סוחרים אַוועקגיין אין לעצטן חדר, כדי דעם בן-יחיד נישט צו שטערן דעם שלאָף.

דער בן-יחיד האָט אָבער גאָרנישט געטון און דאָס האָט מענטשן געריסן די אויגן.

„מענטשן" זאָרגן דאָך איינער פאַר דעם צווייטן.

איז שוין דער אַלטער לוריע פיל מאָל צו אים צוגעשטאַנען:

—פאַר מיט מיר אין וואַלד אַמאָל. איך האָב אַזאַ פאַרמעגן, איך ווער אַלט, פאַר וועמען זאַמל איך דאָס אַלץ,—העלף מיר צו אַביסל...

סאַשע פלעגט קוועטשן מיט די פּלייצעס און גאָרנישט ענטפערן.

איינמאָל אָבער האָט ער אויף דעם טאַטנס בקשה יאָ עפּעס געענטפערט.

ער האָט דעם טאַטן אַ רגע אָנגעקוקט און ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

—אפשר... מיר'ן פאָרן.

פאַר דער אַלטן איז דאָס געווען אַ פרייד. ער האָט וועגן זיין זון געהאַט אַ באַזונדערע מיינונג. ער האָט געטראַכט, אַז סוף כל סוף וועט ער ווערן אַ מענטש, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט

ער דעם גראָען קאַפּעליוש אַוועקוואַרפן און אויסלאַנד מיט די אויסלענדישע משוגעתן וועלן זיך אויסוועבן.

סאַשע וועט נאָך ווערן אַ מענטש.

עס האָט זיך נאָך אַביסל צייט פאַרצויגן.

סאַשע האָט זיך נישט געאײַלט. די ווייסע קאַנאַפּקעלעך האָבן אים, ווי צוגעשמידט צו זיך און דערצו האָט זיך אים עפּעס אויסגעדוכט:

ער איז געווען אין לאָסאָסנע, אויף דאַטשע, האָט ער דאָרט באַמערקט איינע... גאָר אַ פּראַכטפולע פיגור, אַ שווייגעדיקע, אַביסל אין זיין געשמאַק.

איז ער שוין עטלעכע מאָל געווען אין לאָסאָסנע, נאָר ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף דעם.

אין איין קורצער פּראַזע האָט ער איינגעשלאָסן זיין מאָמענ-טאַלע אַנטציקונג און האָט געמאַכט אַ סוף מיט דעם:

„צופיל געבילדעט"

ער האָט זיך דער ערשטער דערמאָנט, וואָס ער האָט צו-געזאָגט דעם טאַטן און אים דערמאָנט:

—ווען לאָזן מיר זיך אין דיינע וועלדער?

—כאָטש מאָרגן!—דער אַלטער האָט אויף קיין רגע נישט געוואַרט, טאָמער קריגט סאַשע חרטה.

פאָרנדיק מיט אים אויף מאָרגן דורך די לאָנקעס אין וואַלד אַריין, האָבן זיי ביידע גערייכערט ציגאַרן און ביידע האָבן גע-שוויגן.

ביז זיי זענען געקומען אין וואַלד. דער אַלטער לוריע איז אַריינגעגאַנגען צו איסרן אָפּנעמען חשבון פון דער אַרבעט און סאַשע איז געבליבן ביים טייכל, וועלכעס איז געווען אַרומגעריגלט מיט הויכע סאָסנעס.

דער וואַלד האָט געזונגען. עפּעס האָט זיך גענומען בענקען ביי דעם בחור סאַשע אין דער נשמה.

ער האָט אַ שמייכל געטון:

„מיין טאַטע האָט וועלדער און ער האַקט זיי אויס".

וואָס פאַר אַ שיין לעבן מען וואָלט דאָ געקאָנט פירן, ווי

רדיק מען וואָלט דאָ געקאָנט שלאָפן.
אָט אַזוי האָט ער געטראַכט.

אין דעם איז אָנגעקומען אַ באָרוועס מיידל, דאָס איז געווען צילקע.

סאַשע האָט זי דערקענט פון זיינע קינדער־יאָרן.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען.

—אַזאַ מיידעלע געווען, אויסגעוואַקסן, האַ!?

דער וואַלד וואַקסט אויך, זאָל אים נאָר אייער פאָטער נישט אויסהאַקן...

עפּעס איז הימלען געוואָרן איינגאַנצן וואַלד. רעדן האָט זיך פאַרוואָלט איינפאַכע גוטמוטיקע ווערטער...

טיף אין האַרצן, אומבאַוווסטזיניק, האָט זיך סאַשע מיט עפּעס דערפרייט.

ווערטער האָבן זיך נישט געפונען.

איז זי אָפּגעגאַנגען צוריק צום טייכל און געקוקט אין דער גרינער העלקייט אַריין, אין טייכל געקוקט און געשוויגן.

זי איז געווען שלאַנק געבויט, און אפילו אין דעם פּראָסטן זומערדיקן קליידל האָט זי אויסגעזען נישט געוויינלעך.

עס געדויערט אַ לענגערע צייט זייער שווייגן. דער וואַלד האָט זיך דערווייל צוגעזונגען.

—איר זענט אַמאָל געווען ביי אונז אין גראָדנע? — האָט זיך סאַשע אָנגערופן.

—און אַנטלאָפן,—האָט צילקע איילנדיק געענטפערט.

—פאַרוואָס?

—איך האָב דעמלט זייער ליב געהאַט דעם וואַלד...

—און היינט?—איז סאַשע צוגעשטאַנען.

—היינט בין איך שוין אַ גרויסע. עס בענקט זיך נאָך מענטשן, עס ווילט זיך אַסך מאָל זען, ווי די וועלט זעט אויס.

—די וועלט איז זייער גרויס און זייער קליין...—האָט סאַשע אָנגעהויבן.

—אַז איר וועט מיט מיר אַזוי רעדן וועל איך גאָרנישט פאַרשטיין, איך בין אַ פּראָסט מיידל.

אין דעם איז ניכע געקומען צולויפן.

—צילקע, מען באַדאַרף פאַר די געסט עפּעס מאַכן צום עסן, קום, העלף מיר.

די פּרידען זענען פאַרשוווּנדן אין הויז אַריין און סאָשאַ לוריע איז געבליבן אַליין ביים וואַסער, וואָס האָט אַן ווילן גע־רוישט און געקייקלט זיך ווייטער.

אַ ציגאַר האָט ער פאַררייכערט און געוואָלט טראַכטן, רויק טראַכטן, ווי זיין שטייגער איז געווען. נאָר עס האָט זיך נישט געטראַכט, ער האָט כסדר געקוקט אויף דעם גרויסן, איינשטאָ־קיקן הויז, וואָס איז געשטאַנען אַזוי נאַקעט. פּראָסטע פענסטער, מיט נישט געפאַרבטע לאָדנס, די שפּאַלטן אין די ווענט זענען גע־ווען פאַרשטאָפּט מיט גרין-שוואַרצן מאָך.

און פון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג, אויפגע־הערט און ווידער...

רייזקע זיצט אין פענסטער\
און אסתר גייט פאַרביי,\
אסתרקע, וואָס מאַכסטו!\
—מיינער איז נישט טריי.

ער האָט זי שוין געהאַט גוט באַטראַכט, ווי אַ מבין, די בלאָע אויגן, דעם באַרג העלע האָר אויפן קאָפּ און די באָרוועסע פיס... אָט ווי מען וואַקסט דאָ אויס אין וואַלד!

עסן האָט ער נישט געוואָלט, איז ער אַוועקגעגאַנגען זיך אין וואַלד. געגאַנגען און געקלאַפּט מיט אַ שטעקן די ביימער, פונקט, ווי ער וואָלט אַלעמען אָנזאָגן: „איך בין געקומען".

מיטאַמאָל פליט דורך אַ געדאַנק ביי אים אין קאָפּ:

„ווען אַזאַ וואָלט זיך ווייזן אין ניצע צי אין מאָנטע־קאַרלאָ!"

„אַזאַ פרישע שיינקייט", „עס באַמערקט זיך אין אירע אויגן דער יידישער בליק. ווען זי וואָלט געווען אַ קריסטין... אויף די ביימער וואָלט זי פון ווילדקייט געקלעטערט".

ווערט ער אין כעס אויף זיך:

„וואָס טראַכט איך אַזויפיל" „יינגלשע שטיק",

ווען ער איז צוועקגעפאָרן צוריק מיטן טאַטן איז צילקע דערביי נישט געווען און סאַשע האָט אַרומגעזוכט מיט די בליקן. די זון איז פאַרגאַנגען און די רויט־מעשענע אָפּגלאַנצן זענען זיי כסדר נאָכגעלאָפן, ווי עמיצער וואָלט אומישנע געפּאָכעט מיט פייער.

קומענדיק צוריק אין גראָדנע, האָט ער פאַר עטלעכע מענטשן דערציילט:

— פאַראַן דאָרט ביים טאַטן אין וואַלד אַ משרת, אַ שוויי־גנדיקער ייד מיט אַ גרויסער באָרד, וואָס פאַרדעקט אים זיין מויל. האָט דער ייד אַ טאָכטער...

און ער האָט גענומען אָפּט פאָרן אין דעם טאַטנס וואַלד, וואָס איז געלעגן לעם דעם שטעטעלע מסטיבאָטע.

ער פלעגט פאָרן אויף דער ליבייקע. די עטלעכע צענדליק וויאָרסט פלעגן זיך דורכפליען.

אַמאָל פלעגט ער אויך פאָרן מיטן טאַטן. דעם אַלטן לוריע האָט שטאַרק הנאה געטון, וואָס זיין זון פאָרט מיט אים.

אמת, סאַשע האָט דאָרט גאָרנישט געטון, ער פלעגט זיצן ביים טייכל מיט צילקען, אָדער אַזוי אַרומבלאָנדזשען לאַנגע שעה׳ן אין די ענדלאָזע לאַבירינטן פון דיביימער.

נאָר זאָלן מענטשן מיינען, אַז זיין יורש מיט דעם אייביק־גראָען קאַפּעליוש אינטערעסירט זיך מיט עפּעס און איז נישט קיין געשווירענער לײדיקגייער.

איינמאָל אויף אַזאַ רייזע האָט זיך סאַשע צום טאַטן אָנגערופן:

— דו ווייסט, טאַטע, אַז אַזאַ צילקע וואָלט אין פּאַריז אָדער ערגעץ אין אַ צווייטער גרויסער שטאָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל...

— וואָס אַזוי? — האָט דער טאַטע איבערגעפרעגט.

— טאַטע, דאָס איז אַ זעלטענער עקזעמפּליאַר... דאָס איז אַ מענטש פון דער נאַטור, אַ פּרוי — אַ קאַץ.

דער אַלטער לוריע, אַזאַ רונדער אויסגעקעכלטער גוטמוטי־קער גביר, האָט מיט אַ רגע פריער געטראַכט וועגן אַ פּלאַן, וואָס די דייטשן פון קעניגסבערג האָבן אים אויפגעגעבן: בויען אַ

טאַרטאַק און ליפערן קיין דייטשלאַנד פאַרטיק געהילץ.

עס האָט געדויערט עטלעכע סעקונדן ביז ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס זיין זונדל האָט אים דאָ אַריינגעזאָגט.

—האָ!—האָט ער איבערגעפרעגט...—צילקע, יאָ אַ ווייל מיידל פון קינדערווייז אָן, נאָר אַ ווילדע. געדענקסט, ווי זי איז אַנטלאָפן קינדערווייז פון גראָדנע צו פוס צוריק אין וואַלד אַריין?... אַ ווילדע איז זי...

נאָר סאַשען האָט שוין גלייך פאַרדראָסן, וואָס ער האָט מיטן טאַטן אָנגעהויבן אַזאַ געשפּרעך און ער האָט גענומען שווייגן און קוקן אין דער ווייט אַריין אויף די פעלדער, אויף די וועלדער...

ביז די ליניייקע האָט זיי געבראַכט צו איסרן דעם משרת.

פון אונטער די ביימער איז געגאַנגען אַ געזאַנג: צילקע האָט געזונגען און עס האָט לאַנג געדויערט ביז סאַשע האָט געפונען איר באַהעלטעניש.

—ביזט שוין ווידער דאָ?

אַזאַ פראַגע.

סאַשע באַליידיקט זיך.

—אויב דו ווילסט, פאָר איך באַלד צוריק, די ליניייקע וואַרט.

—פאָר! פאָר זיך!

נעמט ער שפּרייזן צוריק און זי לאַכט זיך פונאַנדער...

—נאַרעלע!

צו אים, צו אַזאַ גרויסן בחור, רעדט זי מיט אַזאַ טאָן, זי, וואָס גייט קיינמאָל פון וואַלד נישט אַרויס. אַ באָרוועסע. אַן אומאַנטוויקלטע.

און עס איז אים אָנגענעם, דאָך אָנגענעם צו הערן פון איר די צאַרטע ווערטער, דאָס וואַלד-געלעכטער.

ער פאָרט שוין נישט צוריק. זיי האָבן ביידע אַ סך אַרבעט: די מומע ניכע האָט וועש געוואַשן און זיי ביידע, צילקע און סאַשע הענגען אויף די שטיקלעך גרעט אויף שטריק.

דער וואַלד זינגט און זיי רעדן.

—שטענדיק וואַשט זי, דיין מומע, שטענדיק ביים טייכל מיט די גרעט.

—זי איז שוין אַזאַ, נאָר וואַשן און שייערן.

און די מומע ניכע איז דערוויל אומרויק. די ווייס פון שטענדיק, זי ווייס עס, עס איז ביי איר ווי אַ געזעץ. אַ בחור מיט אַ מיידל טאָר מען צוזאַמען נישט לאָזן, מען טאָר נישט.

און אַכטונג צו געבן זענען בלויז פאַראַן איין פּאָר אויגן. דער מומע ניכעס אויגן דאַרפן אַכטונג געבן, אַז עס זאָל צו קיין אומגליק נישט קומען.

זי גייט זיי נאָך, זי רופט זיי אין שטוב. נאָר עס העלפט נישט.

אַלע פאַרלעך האָבן שוין אַזאַ טבע: נאָר זיי ווילן בלייבן באַזונדער, און געהערט האָט זי, די מומע ניכע, ווען דער סאַשעק, אַז ער איז אַ לעב-יונג, שפּילט אין קאָרטן, שכורט מיט אַפּיצירן.

אַ שרעק.

וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון אַזאַ.

האָט זי געפרווט רעדן מיט איסרן:

—דו ביסט אַ טאַטע, האָסט איין קינד, גיב אַכטונג.

איז איטר אין כעס געוואָרן און דער מומען ניכען געענטפערט, בייז איז ער געוואָרן ווי קיינמאָל נישט.

און איז אַפּגעגאַנגען.

זי האָט בלויז געהערט, די אַלטע, ווי איסר האָט זיך געברומט עפּעס.

—מיט מיין קינד... גאָט זאָל אויסהיטן!

די מומע ניכע האָט גענומען מער תהלים זאָגן.

דער וואַלד, אָבער, האָט זיך דערוויל געטרוישט. אויף מילאָנען פרישגרינע בלעטלעך האָבן רוינט און ווינטלעך אויסגעשפּילט זייערע שטומע און קלאַנגלאָזע מעלאָדיען.

וואַלד לינקס, וואַלד רעכטס, פעלדער, וועלדער. די גאַנצע געגנט איז געווען פאַרפלאַנטערט אין אַ נעץ פון קאָמפּרנע סאָסנעס מיט גרינע מיצן.

ערגעץ ווו האָט מען זיי אויסגעהאַקט, די הויכע שטאָלצע ביימער, נאָר די פריילעכקייט איז נישט אַוועק פון די געפּליבענע וועלדער.

די וועווריקעס האָבן זיך איבער צום צווייטן איבערגעקוויטשעט.

און אונטן צופוסנס פון די ביימער, האָבן טייכלעך זיך געשלענגלט און גערוישט.

לולינקע וואַלד, לולינקע וועלט. עפּעס טומלען זיי די מענטשן, שאַפן און בויען, טוען שלעכטס און טוען גוטס.

אָבער מיר פליסיקע זילבער-שלוחים פון דער אייביקייט...

לויפן מיר, שוועבן מיר און שפּיגלען אָפּ אין זיך אַלע וועלדער, אַלע שטעט און די הימלען. מיר קייקלען זיך אונטער דער ערד און איבער דער ערד. מיר גייען אין ימען אַריין און גייען פון ים אַרויס, אויף באַרג, אויף טאָל...

און צו וואָס לויפן מיר, צוליב וואָס עגבערן מיר שטיינער און פעלזן...

גאָט האָט אונז געשיקט.

מיר וואַסערלעך און וואַסערן, מיר זענען דאָס בלוט פון דער ערד. מיר פליסן אין אירע אָדערן און מיר מאַכן אַלץ לעבעדיק.

וועלדער, וועלדער...

די גרינע לאָקן פון דער ערד. און עס פלאָנטערן זיך אין די לאָקן שמעטערלינגען, פייגעלעך, קאָלירטע פיצעלעך לעבן, זינגען זיי און פלאַטערן אין די ליכטיקע טעג...

זיצן אַזוי צוויי מענטשן, אַ יונגערמאַן און אַ יונגע פרוי און זיי לערנען זיך איצט רעדן.

זיי דאַרפן געפינען ווערטער פאַר זיך. איינער דעם צווייטן זאָל פאַרשטיין.

ווייל זיי זענען פרעמדע, פון צוויי באַזונדערע וועלטן.

זיי זענען שוין נאָנט, דאָך איינער פאַרשטייט נאָך נישט איינגאַנצן דעם צווייטן, שפּראַך פעלט.

אפשר וועט דער רויש פון די ביימער זיי אויסלערנען רע-

דן? אפשר דאָס מורמלען פון טייכל!

דערווייל וואַרפן זיי שפּענדלעך אין שישקעס אין וואַסער און לאַכן פון זאַרגלאָזן גאָרנישט.

אַ וועזוריק קוויטשעט, אַ האַק קלאַפּט ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט.

מען האָט געעפנט די צווייטע שטוב, אין וואַלד, ווו סאַשע האָט זיך אַביסל איינגעאָרדנט. ער פלעגט דאָרט זייער אָפט נעכטיקן, געבראַכט ביכער פון דערהיים און פון צייט צו צייט געאַרבעט.

אין דער אמתן האָט אים דער וואַלד שטאַרק געצויגן, ער האָט שוין געהאַט זיינע וועגעלעך, זיך באַקאַנט מיטן שאָסיי-וועכטער, ער איז געווען אין אַלע נאָנטע דערפער און ישובים— אַ סך מאָל מיט צילקען און זייער אָפט אַליין.

צילקע...

איינמאָל שפּאַצירנדיק מיט איר אַזוי, ער — אין העל-גראָען שטאָטישן אַנצוג מיטן אַלטן קאַפּעליוש. זי — אַ באָרוועסע מיט אַ לייכט ווייס קליידל, די האָר פּאַרדעקט מיט אַ פּויערישׁ טיכל. זי האָט געהערט וואָס ער רעדט, און פון אַלץ געלאַכט, מיט-אַמאָל גיט זי אים אַ פרעג:

—סאַשע, מיר פירן אַ ליבע?

איז ער געבליבן שטיין אַביסל צוטומלט. דערנאָך געענט-פערט:

—דו געפעלסט מיר, צילקע, ביסט אַן אמת נאַטור-קינד, ביסט...

—רעד מיר נישט פון קיין אַנדערע זאַכן!

„אַנדערע זאַכן" האָט ביי איר געהייסן אַלץ, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען.

—ניין! צילקע,—האָט סאַשע אין שפּאַס געענטפערט,—דער-ווייל פירן מיר נאָך נישט קיין ליבע, אפשר וועלן מיר נאָך פירן.

—„ווען?" „ווען?"—איז זי צוגעשטאַנען, אַלע מיידלעך אין מסטיבאָווע פירן ליבעס.

—מען דאַרף זיך דאָך פריער פאַרליבן.

צילקע האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע ליכטיקע אויגן. נישט פאַרשטאַנען האָט זי זיינע ווערטער. נאָר אין דער רגע איז ער איר זייער געפעלן געוואָרן. די גרינקייט פון וואַלד האָט געוואָרפן אַ מאַטאָווע שיין אויף זיין געזיכט, די שוואַרצע גוטע אויגן זיינע האָבן אַרויסגעלויכטן און געשמייכלט. ער האָט געטראַכט אין דער רגע, אַז דידאָזיקע צילקע ווייסט נאָך גאָרנישט, אָבער גאָרנישט, נאָר אַז זי וועט זיך אויפכאַפּן פון איר וואַלדשלאָף, אַז זי וועט צום ערשטן מאָל אַרומנעמען אַ מאַן, וועט דאָס זיין אַ פייער, וועט דאָס זיין אַ פייער...

נאָר צילקע האָט עטלעכע סעקונדן אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן און געווען איז דאָס דערפאַר, ווייל די מומע פלעגט איר שטענדיק זאָגן, אַז אַ מענטש באַדאַרף מען אַריינקוקן אין דער נשמה, כדי אים צו דערקענען.

ער פלעגט שפּרייזן לאַנגזאַם מיט בערישע טריט. דערביי דערציילן צילקען אמתע און אויסגעטראַכטע מעשיות. ער האָט זיך געסטאַרעט צופּאַסן צו איר, זי זאָל אים פאַרשטיין:

וואָס האָט ער געוואָלט פון איר?

וואָס האָט ער דאָ געזוכט אין וואַלד?

ער האָט עס נאָך אַליין גוט נישט פאַרשטאַנען. וועלט און מענטש האָט ער שוין אַביסל געקענט, — נמאס איז אים די וועלט נישט געוואָרן, לאַנגווייליקייט פלעגט אים נישט שרעקן — דער ערשטער ציגאַר פלעגט יעדע לאַנגווייליקייט פאַרטרייבן. אָבער דערדאָזיקער מענטש, וואָס האָט נאָך קיין שווערע זאָרג אין לעבן נישט געהאַט, אַ מענטש, וואָס איז נאָך אין קאַמף פון לעבן קיינמאָל נישט געגאַנגען... ער האָט דאָן געהאַט עטלעכע זינגנדיקע סטרונעס אין זיין נשמה און די קלאַנגען זייערע האָבן געזוכט אָפּקלאַנגען.

פלעגט ער זיי געפינען, די אָפּקלאַנגען, אַ סך מאָל אין דער איינזאַמקייט, אין דער רויקייט, אין זיין פאַרטראַכטער אָפּגעווענדערטקייט.

און קלעטערנדיק אויף די שפּיצן פון די אַלפּן, האָט ער אַ סך מאָל געכאַפּט דעם אָטעם פון יונגן פרימאָרגן, אָדער דאָס

לעצטן קלאַנגלאָזן זיפץ פון פאַרגאַנגענעם טאָג...

ער פלעגט זיך דערביי שטאַרק פאַרטראַכטן.

אָנגעשפאַרט אָן אַ פעלז, אַרומגערינגלט איינגאַנצן מיט ווייס־לעכע אָפגלאַנצן פון זון־פאַרגאַנג, פלעגט ער אָפט גאַנץ דייטלעך דערזען זיין איינזאַמקייט.

ער אַליין, נישט אַלע האָבן דאָ אַרויפגעקלעטערט אין דער הויך. פאַרוואָס? פאַרוואָס איז ער נישט געבליבן מיט זיי דאָרטן, מיט זייערע טומלענישן אין טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן.

און ער פלעגט אויף זיך נעמען קוקן, ווי אויף עפעס אַן אַנדערן, אַן אויסדערוויילטן... ביז ער פלעגט זיך פונאַנדערלאַכן פון זיך אַליין און טאַקע גלייך אַראָפגיין אונטן צו אַלעמען.

אפשר דאָך... אפשר איז ער טאַקע אַן אַנדערער? דאָס נישט קענען זיך צונויפגיסן מיט אַלעמען, דאָס אַנטלויפן צו די קאָרטן און דאָס שטענדיקע יאָגן זיך נאָך די פרידען... אפשר איז דאָס צוליב דעם, וואָס ער וויל זיך אַליין פאַרטרייבן פון זיך? אפשר איז ער אַ פּאָעט?

און מיט דעם פלעגט טאָשע לוריע אַ סך מאָל טאַקע זינ־דיקן. ער פלעגט אָפט שרייבן, נאָר גלייך דערמאָנט ער זיך, וואָס ביי די חברה־לייט קומט פאָר. ער דערמאָנט זיך די טיפן מיט די לאַנגע האָר, מיט די באַקן־בערד אין סאַמעטענע קורטקעס און ער פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין, צורייסט ער גלייך דאָס אָנגעשריבענע.

וואָס זוכן זיי פאָרט די זינגענדיקע סטרונעס פון זיין נשמה?

ער האָט אויך אויף דעם געהאַט אַן ענטפער: „אָט דער־פאַר זינגען זיי די סטרונעס, ווייל זיי זוכן עפעס".

און איצט אין וואַלד...

די רויקייט האָט אים אַרומגענומען פון אַלע זייטן. אַ יאָר לעבן אין זומפ פון גראָדנער אָפגעשטאַנענעם לעבן האָט אים זוי איינגעשמידט זיין גאַנצן קערפער, נאָר איצטער, דאָ אין וואַלד, האָט דאָס באָרוועסע מיידל מיט די העלע אויגן, זי האָט אים אויפגעוועקט, אויפגעוועקט, ווי די אמת'ע נאַטור אַליין.

די סטרונעס האָבן זיך צעזונגען...

נאָר דער רויך פון ציגאַר האָט עס פאַרשטעלט, ער האָט זיך אַליין קאָנטראָלירט און... אַלץ מער פאַרבראַכט אין וואַלד.

די זומערדיקע טעג דויערן זייער לאַנג. מען קאָן אַ סך טראַכטן אין אַזוי־פיל שעהן, און דאָס לעבן אַליין איז אַזוי נאָנט... צילקע מיט די באָרוועסע פיס האָט גערייצט.

ער האָט זי נאָכגעפאָרשט און נאָכגעגאַנגען...

שוין מיט אומרויקייט.

שוין ביז אויף זיך פאַר אומבאַפרידיקטע פאַרלאַנגען.

און זי אַליין...

ווי אַ צייטיקער עפל האָט זי אויסגעזען.

ווי אַן עפל, וואָס ווייס אַליין נישט זיין טעם און רייץ,

אַ פייער, וואָס צינדט אָן און ברענט אַליין נישט.

וואָס האָבן זיי אויסגעטראַכט אויף איר, אַז זי איז אַ ווילדע?

ווו ווילדקייט, ווען ווילדקייט?

יידישע מיידלעך זענען נישט ווילד.

סאַשע האָט זיך געבייזערט דערפאַר אויף זיך, אויף איר...

נאָר פון וואַלד פלעגט ער אַוועקפאָרן אויף זייער קורצע טערמינען און באַלד צוריקקומען.

אין דערהיים האָט מען עס באַמערקט.

דאָס אַלטע פאָרפאָלק לוריע האָט צווישן זיך געהאַט אַ שמועס:

—ער לויפט אין וואַלד, איסרס טאָכטער געפעלט אים.—דאָס האָט לוריע אַליין געזאָגט.

און זיין ווייב די יחסנטע האָט זיך פאַרקרימט:

—מיט אונזער משרת טאָכטער.

האָט שוין דער אַלטער לוריע געהאַט אַזאַ פלאַן:

—הלוואי פאַרדרייט זי אים דעם קאָפ, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן, וועט ער דעמלט אַוועקוואַרפן זיין גראָען קאַפעליוש מיט אַלע נאַרישקייטן.

ווען סאַשע וואָלט הערן אַזאַ שמועס... ער וואָלט טאַטע־מאַמע אָפגעזידלט, וואָס מישן זיי זיך אין זיינע ענינים.

ער וואָלט אַ סקאַנדאַל געמאַכט.

אים טאָר מען נישט אָנרירן. האָט מען זיך נאָר געשוש־קעט וועגן דער געשיכטע...

דער אַלטער איסר, דער שווייגנדיקער...

איינמאָל גאַנץ פרי, בעת צילקע איז נאָך געשלאָפן, איז איסר אַרייַנגעקומען צו סאַשען און גלייך צוגעטראָטן:

—איך האַלט דיך פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש. איך ווייס, אַז אין גאָט גלויבסטו נישט, נאָר זי האָסט אַ האַרץ, דאָס פיל איך...

סאַשע האָט אים רויק אָנגעקוקט.

—מער ווי איין קינד האָב איך נישט...

און אין דעם אַלטנס קול האָט זיך געפילט געוויין. ער האָט עס אַרויסגערעדט און האַסטיק אַרויס פון חדר.

—איסר!—האָט סאַשע אַ געשריי געטון און איז צוגעלאָפן צום פענסטער.

האָט ער באַמערקט, ווי דער אַלטער ווישט די אויגן.

—איסר, איך שווער אייך...

וואָס ער שווערט האָט ער אין דער רגע זיך אַליין קיין רעכנונג נישט אָפּגעגעבן. איסר איז שווייגנדיק אָפּגעגאַנגען און סאַשע האָט אַרויסגעקוקט אין פרימאָרגנדיקן וואַלד. די זון-פאַסן זענען איצט געלעגן אַ סך נענטער, ווי באַטאָג. די יונגע סאָס־נעס האָבן געשמעקט און כאָטש ער איז אַביסל צוטומלט פון דער אומגעריכטן באַגעגעניש, דאָך איז אים פריילעך געווען אויף דעם נשמה און ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף צילקען...

דער טאָג האָט זיך מער געלאָזט פילן.

פון פעלד האָט אַ שייגעץ געבראַכט די צוויי קי און זיי זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף עמעס... צוויי ברוינע קי, ווי די סאָסנעס. אַזאַ קאָליר האָבן זיי געהאַט.

און סאַשען איז די ענלעכקייט געפעלן געוואָרן.

„וואַלד לאָזט שפורן":

צילקעס האָר זענען אויך ענלעך צו די סאָסנעס.

שפעטער איז געקומען פון מסטיבאָזשע די מומע ניכע. די

אין, ווייזט אויס, זייער פרי אַוועק איינקויפן. זי איז פאַרבייגע-גאַנגען דעם פענסטער. סאַשע האָט איר אָפּגעגעבן „גוט מאָרגן", די האָט קאַלט געענטפערט.

—ווייט נישט בייז אויף מיר, מומע ניכע!

—איך בין נישט בייז, סאַשע!—און זי איז אין שטוב צו זיך אַריין.

„אין גאָט גלייב איך נישט, נאָר אַ האַרץ האָב איך".

אַזוי האָט געזאָגט איסר...

און אויב ער וועט אַ סך בעטן, וועל איך אין גאָט אויך גלייבן.

„אָבער אַ האַרץ האָב איך."

עס איז גוט צו האָבן אַ האַרץ.

און פילן אַזאַ טייערן פרימאָרגן.

און...

זי שטייט שוין אויפן גאַניק פון איר טאַטנס הויז און זשמו־רעט פון די זון די אויגן און ציט זיך אויס, ווי אַן אויפגע-וואַכטע בייגיקע קאַץ און באַמערקט נישט, אַז לוריעס זון, אָט דער וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד, לוריעס זון, וואָס קומט איצט אַזוי אָפט אין וואַלד... צוליב וואָס קומט ער דאָ, דער סאַשע?

ער שטייט און קוקט אויף איר און באַוואונדערט איר יעדן בייג, יעדער שטראַל פון אירע האַלב-אָפּגעדעקטע גלידער...

אָט אַ פרוי... אַ פיגור. ער האָט וועגן אַזאַ אפילו געחלומט אין זיינע בעסטע חלומות.

מיטאַמאָל נעמט זי רופן:

—מומע ניכע, מומע ניכע! די בהמות וואַרטן — און זי לויפט אַוועק און פלאָנטערט זיך דאָרט ערגעץ אין שטאַל.

נעמט זינגען און הערט אויף. זינגט און הערט אויף.

דער וואַלד אָבער זינגט כסדר.

IV

פֿרויקע...

אין מסטיבאָווע איז זיין טאַטע אַ גאַנצער „מאַכער“. ער איז סטאַראָסטע, גיט אַרויס פּאַספּאָרטן אַלעמען און איז גבאי אין שול.

פרויקע איז אַ בן־יחיד. איין „קדיש“. ער האָט נאָך צוויי קלענערע שוועסטער, וועלכע חברן זיך מיט צילקען פון וואַלד.

פרויקע איז שוין אַלט העכער צוואַנציק, דער טאַטע זיינער האָט אים שוין „אַרויסגעדרייט“ פון פריזיוו און ער וואָלט שוין וועלן, דער סטאַראָסטע באַראַש, אַז זיין בן־יחיד זאָל שוין טון אַ שידוך. שדכנים קומען אַ סך, נאָר פרויקע לאַכט זיך אויס פון דעם.

אין מסטיבאָווע זענען דאָ גענוג שיקסעס און יידישע מיידלעך. ער איז דער פּרינץ פון דעמדאָזיקן שטעטל.

אַ שיינער הויך־געוואַקסענער בחור מיט שעלמישע אויגן, מיט אַ רונד פנים. ער האָט קיין זאָרג נאָך נישט געפילט.

שפּאַצירט ער זיך איבער זיין מסטיבאָווע פון איבער די גאַנצע ישובים אין אַ פּאָר גלאַנציקע שטיוול, זומער—אין אַ טונקל

אויסגעגייט העמדל, ווינטער — אין אַ בעקעשע מיט אַ קאַראַקולן היטל און די פויערים רופן אים נישט אַנדערש ווי „פּאַניטש".

ער איז אַ גוטער רייטער און קען גוט טרינקען.

ער האָט שוין זיין געזעלשאַפט: דעם אוריאַדניק, דעם שרייבערל פון דער גמינע און אַמאָל פאַרפאָרט ער טאַקע צום סטאַנאָוואָי אַליין, וואָס וווינט אין וואָלקאָוויסק.

דער טאַטע גיט אים געלט, נאָר אויסער דעם האָט שוין פרויקע אייגענע פּרנסות: ער טוט ווען אַ טובהלע ביים פּריסטאַוו און פאַר אַזעלכע זאַכן באַצאָלט מען.

מיט אַלעמען איז ער אויף „דו", האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. דער טאַטע זיינער האָט פון אים קיין נחת נישט. און וויפל מאָל האָט שוין פּאַסירט, בעת אַ סקאַנדאַל עפּעס, דער אַלטער האָט אים פאַרגעלייגט אַוועקצופאָרן אין די אַמעריקעס. ער האָט דאָרט רייכע קרובים, נאָר פרויקע האָט איין ענטפער:

— מיר איז דאָ נישט שלעכט. — און ער נעמט זיך מיט דעם גמינע-שרייבער מיט נאָך ווען פון די קריסטלעכע שכנים און גייט אַוועק טרינקען אין דער איינציקער שענק פון מסטיבאָוו. ער עסט דאָרט ראַקעס און קאָלבאַס... אין שטעטל ווייסט מען וועגן דעם, מען ווייס און מען זיפצט טרויעריק.

אַן אָנשיקעניש, אַן אומגליק איז עס, בעת אַ יידישער בחור נעמט זיך חברן מיט שכורים...

ער איז אָבער נישט קיין שלעכטער בחור און דערצו נאָך אַזוי יונג, יונגע מענטשן זענען נישט שלעכט, נאָר פאַר זיינעם אַ קאַפּריז, פאַר אַ באַליידיגונג וועט ער נישט מוחל זיין, ער וועט שוין זוכן און לויערן.

ביז די צייט וועט קומען.

בעת ער איז שכור.

בעת ער ווערט אין כעס, דערקענט מען דעמלט, אַז פון דעמדאָזיקן שיינעם יינגל וועט אַמאָל אַרויסוואַקסן אַן אַכזר, אַ כעסן, וואָס איז גרייט אויף אַלץ.

און דערדאָזיקער פרויקע האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער צילקע, וואָס קומט פון וואַלד.

זי קומט שוין צו זיי אין שטוב אַריין פון אַ סך יאָרן, פון קינדווייז אָן.

איסר, צילקעס טאַטע, איז געווען גוט באַפריינדעט מיט דעם אַלטן פּאָראָש, וועלכער האָט זייער פיל רעספּעקט געהאַט פאַר די לוריעס פון גראָדנע, וועלכע האָבן דאָ כמעט אַלע וועלדער אין דער געגנט.

צילקע פלעגט קומען צו זיי פאַרבײַגײַען, פליקן פעדערן און זינגען לידלעך מיט פרויקעס שוועסטער און מיט נאָך מיידלעך פון שטעטל, וועלכע פלעגן זיך צונויפקלייבן אין דער יחוס-שטוב — ביי פּאָראָשן.

פריער אָבער זענען זיי נאָך קליינע קינדער געווען: פרוי-קע — אַ צולאָזט ייִנגל און צילקע — אַן אָנגעשראָקן וואַלד-מיידל.

איצט, ווען פרויקע האָט שוין אויסגעקושט אַלע מיידלעך פון מסטיבאָווע — ווי ער פלעגט זיך באַרימען — איז אים איין צילקע נישט אונטערטעניק געווען. אינסטינקטיוו האָט זי זיך פאַר אים געשראָקן, ווען ער פלעגט צוגיין צו איר.

ער פלעגט עפּעס, ווי אַ חיה, זײַנע ווײַסע ציין און איין רגע... ער וועט זיך באַלד נעמען בײַסן.

צילקע האָט אים גערייצט. זי האָט געשמעקט מיט וואַלד, מיט יוגנט, זי האָט גערייצט. ער נעמט אָן איר האַנט, זי דער-לאַנגט זי אָבער באַלד מיט אַזאַ אימפּעט אַ ריס אַרויס, אַז יע-נער בלייבט שטיין, ווי מען וואָלט אים מיט אַ קלאָץ איבערן קאָפּ דערלאַנגט.

צילקע האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי האָט מורא פאַר פרויקען. זי האָט נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר צו זיך פלעגט זי נישט דערלאָזן.

אַמאָל פלעגט עס אויך אַזוי טרעפן אין וואַלד. די פויע-רים פירן דורך לאַנגע פורן מיט קלעצער, שטעלן זיי זיך אָפּ לעם זייער שטוב און רעכנען זיך אויס מיט איר טאַטן איסר, וועלכער פלעגט זיי אַרויסגעבן אַזעלכע קוויטלעך, פאַר וועלכע זיי באַקומען געלט דערנאָך.

פלעגט טרעפן צווישן די פויערים אַ יונגערער, אַ דרייסטע-

...ער אין דעם „שרייבערס" טאָריטער פּלעגט אַנאַ פּויער רייצן,
גייט ער צו און וויל זי אַ גלעט טאָן.

—פּאַטשאָלי—גיט זי אַ געשריי און דערלאַנגט אָפּט מיט די הענט דערפֿאַר.

פֿאַרוואָס גלעטן זיי אירן? פֿאַרוואָס קוקן זיי אויף איר מיט אַזעלכע שכורע אויגן.

צילקע האָט עס לאַנג, לאַנג נישט פֿאַרשטאַנען.

איז זי עלטער געוואָרן און אין וואַלד האָט זיך באַוויזן סאַשע לוריע, אָדער דער „אויסלענדער", ווי אין גראָדנע און אין מסטיבאָווע פּלעגט מען אים רופֿן.

אין מסטיבאָווע האָט מען שוין גערעדט, אַז צילקע „פֿירט אַ ליבע מיט דעם „אויסלענדער".

און דאָס האָט אויך געוווּסט דער פּרויקע באַראַש.

עס האָט אים פֿאַרדראָסן, עס האָט אים שטאַרק געקרענקט דאָס, וואָס צילקע האָט דעם לעצטן זומער זיך אײַנגאַנצן שוין נישט באַוויזן אין מסטיבאָווע.

ער איז שוין עטלעכע מאָל געקומען רייטנדיק צופֿאָרן אין וואַלד אַרײַן.

נאָר דעם לוריע האָט ער קיינמאָל נישט באַגעגנט.

צילקע האָט געאַרבעט מיט דער מומע ניכע, געוואַשן וועש, געשייערט דאָס קופּער און אַמאָל פּלעגט זי זיך אָוועקזעצן און לייענען ביכלעך ביים טײַכל.

„אַ גאַנצע באַרישניע"—האָט פּרויקע געטראַכט און געוואָלט אָפּשטעכן פֿון צילקען.

זי האָט אים אויסגעמיטן, האָט פֿאַר אים מורא געהאַט.

די מומע ניכע פּלעגט אים רופֿן: אַרעסטאַנט". די מומע ניכע האָט אויף אים געהאַט אַ באַזונדער כּעס, ווייל בעת פּרויקע איז נאָך געווען אַ יינגל האָט זי געטראַכט, אַז „דאָס" וועט זיין פֿאַר צילקען אַ גוטער שידוך. צום סוף איז „דאָס" אויסגעוואַקסן אַ שיכּור, אַ קאָלבאַס-פֿרעסער.

נישט קיינמאָל איז שוין פּרויקע געקומען מיט זיינע שוועס-טער אין וואַלד אַרײַן. צילקע פּלעגט מיט די שוועסטער גוט

פאַרבּרענגען און פּרויקען אויסמיידן.

ער פלעגט בייסן די ליפּן און געטראַכט פון נקמה.

נאָר איינמאָל האָט ער אַזוי ווי אַריינגעקוקט צו זיך אין דער נשמה און ער האָט דערפילט, אַז ער האָט פאַר איר מורא, פאַר איר, פאַר צילקען האָט ער מורא.

וואָס איז דאָס אַזוינס?

פאַרן טאַטן האָט ער קיין מורא נישט, פאַר אַלע פּויערים און שקצים האָט ער קיין מורא נישט, פון אוריאַדניק לאַכט ער, מיטן פּריסטאַװ—שיכּורט ער...

און פאַר אַזאַ גאָרנישט, פאַר עפּעס אַ וואַלד-מיידל, וואָס לויפט אַרום באָרוועס און שייערט קופּערנע פאַנען ביים טייכל — פאַר איר האָט ער מורא.

און נאָך עפּעס האָט פּרויקע דערפילט, אַז עס ציט אים צום וואַלד, אַז צילקעס נאָמען וועקט אין אים גאָר אַנדערע איבערלעבונגען...

שיקסעס, מיידלעך, בראָנפן און קאָרטן — דאָס אַלץ איז גאָר אַ באַזונדערע זאַך. אַ וואָכנדיקע בייזאַך אין זיין לעבן.

צילקע, אָבער, מאַכט אים אומרויק און יום-טובדיק.

אָט איז ער ווידער געקומען אין וואַלד, געקומען איז ער צופאָרן רייטנדיק. לעם איסרס שטוב איז געשטאַנען אַ ליניייקע, דאָס פערד איז אויסגעשפּאַנט. דאָס פערד האָט זיך רויק געקייט פרישע קאָניטשינע...

טיר און פענסטער ביי איסרן אין שטוב זענען געעפנט, נאָר קיין לעבעדיקן נפש אויסער דאָס פערד זעט מען נישט. איז ער אַריין אין שטוב. ליכטיק, אויפגערוימט. אויפן טיש זענען געלעגן אין אַ סאַמעט-זעקעלע תפילין און אויף די ווענט הענגען עטלעכע בילדער פון רבנים. אין קיך איז אַ גאַנצע וואַנט באַהאָנגען מיט קופּערנע פאַנען, מיט געל-מעשענע מעדניצעס.

פּרויקע האָט געזוכט אַ מענטש און קיינעם נישט געפונען.

אויף איין שטול איז געלעגן אַ גראָער אָפּגעקראָכענער מענער-הוט און אַ בייטש...

מער גאָרנישט. שטיל. פליגן זשומען מעלאַנכאָליש, דורך די-

פענסטער זינגט דער וואַלד. ס'טייכל רוישט זיך צו.

פרויקע איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט אַ בייזן קוק געטון אויפן פערדל און פאַרוואָלט האָט זיך אים אין דער רגע דעם פערד דערלאַנגען מיטן פוס אַ זעץ...

האָט ער גאָר אַ טראַכט געטון וועגן דעם, איז אים דאָס בלוט אין קאָפּ אַריין פון ווילדקייט.

אַ שפרונג געטון...

און דאָס שוואַרצע פערד פון די לוריעס האָט באַקומען זיין קאָפּ מיט פרויקעס שטיוול אין בויך אַריין... דאָס פערד איז אויפגעשפרונגען, אַ הויפן קאַניטשינע איז אים געבליבן שטעקן אין זיין פערדיש מויל... אַ רגע... דאָס פערד האָט זיך באַרעכנט, אַז נישט אים מיינט מען דאָס און עס האָט גענומען ווידער זשוען דאָס פרישע זאַפטיקע גראָז.

פרויקע האָט געקוקט אין אַלע זייטן, אין וואַלד אַריין, צוגעהערט זיך, דערנאָך האָט ער אָפּגעריסן אַ פריש צווייגל מיט סכך-נאָדלען, האָט ער יעדע רגע אָפּגעצופּט אַ נאָדל און געזויגן די ביטערקייט און געשפּיגן.

לאַנג האָט עס געדויערט.

ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז לוריעס זונדל, דער „אויסלענדער" איז דאָ פאַראַן. דאָס וואַלגערט זיך דאָרט אויפן שטול זיין קאַפּעליוש. דאָס האָט ער אויסגעשפּאַנט דאָס פערד...

און איצט שפּאַצירט ער אודאי מיט צילקען אין וואַלד, טיף אין וואַלד.

עס האָט אים עפּעס געבריט די נשמה. אָט אַזוי ווי אַ חיה וואָלט ער איצט וועלן אויף אַלע פיר אַוועקקריכן טיף אין וואַלד אַריין, זיי נאָכקוקן, נאָכקוקן.

דערווייל איז אָנגעקומען ניכע. פון מסטיבאָווע איז זי געקומען, האָט דאָרט איינגעקויפט צום עסן, פלייש, גרינס.

—וואָס טוסטו דאָ, פרויקע?— האָט זי אים געפרעגט.

—איך האָב ליב אייער וואַלד,—האָט ער געענטפערט,— ווו איז איסר? ווו איז צילקע? וועמענס איז דאָס פערד?

ניכע ענטפערט אָן ווילן

—איסר איז אין פרודנער וואַלד אַוועקגעפאָרן. צילקע... ווער ווייסט זי, לוריעס זונדל איז געקומען צופאָרן, איז זי שוין מיט אים אַוועק.

פרויקע הערט אַלץ אויס און מיטאַמאָל גיט ער אַ שפרונג צו צו ניכען, וועלכע וויל שוין אין שטוב אַריין מיטן קאָשיק שפייז, וואָס זי האָט געבראַכט פון מסטיבאָווע.

—הערט נאָר, ניכע!

—וואָס ווילסטו?

—רעדט איבער מיט איסרן, ניכע! איך וועל אַלץ אַוועקוואַרפן, איך וועל ווערן פרום, וואָס איר ווילט נאָר, נאָר זאָל צילקע ווערן מיין כלה, זאָל צילקע ווערן מיין כלה...

דערלאַנגט זיך ניכע אַ ריס פון אָרט, גיט אַ שפיי און רעדט אַרויס,

—האָסט מיך איבערגעשראָקן מיט דיין אימפעט... גיי, גיי אין מסטיבאָווע פרעסן קאָלבאַס.

פלוצלונג האָט ער זיך פאַרשעמט, וואָס ער, אַזאַ יונגער בחור רעדט מיט אַזאַ צוקראָכענער יידענע און זעט אויס, ווי אַ נאַר ביי איר אין די אויגן.

און דער וואַלד אַרום איז געווען פאַרשווערייש שטיל. אַ סך יונגע נייגעבוירענע פייגעלעך האָבן זייערע ערשטע טענער גע-שענקט דער שטילקייט. פרויקען איז עס נישט אָנגעגאַנגען. ער איז געווען בייז און זיין פערד, אויף וועלכן ער איז אַהיים גע-ריטן האָט זיין בייזקייט גוט געפילט.

אין דערהיים האָט מען אים די לעצטע צייט נישט דער-קענט.

מען האָט געמיינט, אַז ער איז קראַנק.

פרויקע איז שווייגנדיק, פרויקע שטיפט נישט,

אַלע האָבן זיך געוווּנדערט אויף דעם...

צילקע האָט פון פרויקען נישט געטראַכט. זי האָט געלעבט מיטן וואַלד.

ווי דער וואַלד...

אַמאָל איז זי שווייגנדיק און אין די גראָלעכע אויגן קומט

צו בלאָקייט און טיפקייט, די ליפּלעך פאַרמאַכן זיך, ווי אַ בלום־בעכער, און מעג זיך די מומע אַ גאַנצן [illegible] שרייען, אַז צילקע זאָל זיך נעמען צו דער אַרבעט, זי גיט [illegible] [illegible]יקן טרייסל מיטן אַקסל און שאָקלט מיטן קאָפּ:

—ניין!

—וואָס, דו ווילסט נישט אַרבעטן? [illegible] גאָרנישט טאָן?—פרעגט די מומע.

—גאָרנישט!—דאָס וואָרט גנבעט זיך אַרויס פון אירע ליפּן און מער קיין ווערטער וועט מען שוין פון איר נישט הערן.

זי פאַרשווינדט.

ווו פאַרברענגט זי? אין פּרודנע? ביים שאָסיי־וועכטער? מיט סאַשען? ביי וועמען?

אין אַן אַנדער אָרט וואָלט איר פאַרשווינדן אַרויסגערופן אומרויקייט. נאָר דאָ אין וואַלד, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, ווו אַלע ווינקעלעך זענען איר באַקאַנט. מען איז שוין צוגעוויינט צו אַלע אירע קאַפּריזן.

אָפט טרעפט, אַז זיי שווייגן ביידע אײנײנעם: זי און דער וואַלד. זי שפּרייזט לאַנגזאַם און דער וואַלד האַלט איין זיינע טע־נער. ביימער ציען זיך נאָך לענגער אויס פון שווייגן. אַ וועוורעק האַקט איבער איר קוויטש אין דערמיט...

פון וואָס קלערט צילקע און פון וואָס קלערט דער וואַלד?

פונקט, ווי דאָס שווייגן וואָלט געווען אַ נויטווענדיקייט, אַ געזעץ פון דער נאַטור...

אפילו דאָס טייכל רוישט היינט נישט אַזוי שטאַרק, באַ־לעקט יעדעס שטיינדל און לויפט ווייטער און גלעט מיט נאַסן סאַמעט די ברעגן.

און זי קוקט אויף די ביימער: פאַרוואָס זעען זיי נישט? פאַרוואָס רעדן זיי נישט? זי קוקט אויף זיי, ווי אויף געשטאַלטן מיט נשמות: אַנדערע פון זיי זעען אויס ווי טאַטעס, ווי מאַמעס, אַנדערע פון זיי זעען אויס ווי קינדער, וואָס וואַקסן אונטער. צווייגן ציען זיך פון איין בוים צום צווייטן, ווי הענט, וואָס גיבן „שלום", ווי הענט וואָס גלעטן...

זי לעבט אין וואַלד און לעבט מיטן וואַלד. אַביסל ווייטער פון זייער הויז פליסט דאָס טייכל טיפער.

נעמט זי זיך באָדן.

עס שווייגט די געגנט. קיין איין מענטש. קיין שום טומל און בלויז איין פרוי באָדט זיך.

אַ שיינע, אַ יונגע אומבאַריִרטע וואַלד-בלום.

און זי האָט לאַנג, לאַנג נישט געוווּסט, אַז איינמאָל האָט סאַשע זי געזען אינגאַנצן נאַקעט אין וואַסער און אויפן ברעג.

ער האָט לאַנג געקוקט אויף איר.

ער האָט נאָר איין זאַך אין דער רגע גאָט און וואַלד געבעטן, אַז זי, צילקע זאָל אים נישט באַמערקן.

ווייל אין דעראַמתן איז זי געווען באַשרעקעדיק שעמעוודיק.

און עס איז אַוועק אַזוי אַ שעה.

זי האָט עס לאַנג נישט געוווּסט.

שפּעטער האָט איר סאַשע דערציילט וועגן דעם, זי האָט זיך באַליידיקט, נאָר ער האָט געקאָנט באַרויקן און איבעררעדן.

אירס אַ פרימאָרגן...

זי שפּרינגט אַראָפּ פון איר געלעגער, ציט עפּעס אויף זיך אַרויף אַ צופליקט קליידל, אַזוי אַז די אָרעמס קוקן אַרויס, ווי בלייכע רונדע פאַקעלן.

זי נעמט זיך זינגען. פון זיך אַליין, אָן אַ סיבה, זינגט, זינגט אָן אַן אויפהער.

די מומע ניכע שלאָפט נאָך, דער טאַטע שלאָפט נאָך און צילקעס זינגען וועקט זיי נישט אויף.

געפינט זי אַן עצה: אויף די ווענט הענגען קופערנע פאַנען, מעדניצעס... כאַפּט זי אַ שטעקן און נעמט פויקן אין דעם מעש...

עס נעמט הילכן איבערן גאַנצן הויז, איבערן וואַלד.

פונקט, ווי מחנות זעלנער וואָלטן אָנגעלאָפן און זיך צוהוליעט, און זיך אין זיגערישן טאַנץ געלאָזט.

כאַ, כאַ, כאַ! זי האָט אַלעמען אויפגעוועקט און אַליין אַרויסגעלאָפן אין וואַלד, געעפנט די שטאַל, אַרויסגעטריבן די

צווי בהמות. דער ריח פון וואַרעמען בהמה-מיסט גייט אַרויס פון שטאַל און צומישט זיך צוזאַמען מיט דעם ריח פון די יונגע צוגעוואַקסענע סאָסנע-צווייגן.

גיט זי אַ וואַרף מיט די אויגן אויף אַלע זייטן און לאַכט שטיל, לאַכט בלויז מיט די העלע גרויסע אויגן.

זי פרייט זיך אָן באַוואוסטזיין און לויפט צוריק אַריין אין שטוב.

באַגעגנט זי די מומע מיט שטראָף-רייד.

—דו האָסט דאָך מיט דיין פויקן אויף טויט געקאָנט דער-שרעקן.

דער טאַטע וויקלט שוין אויף זיך די תפלין. ער שטייט אַנטקעגן פענסטער.

פאַר אַ בלייכער ער איז! זיין פנים שפיגלט זיך אין דער גרינקייט פון וואַלד און ער זעט אויס מאַט-גרין און גרין-בלייך.

צילקע דערמאָנט זיך, אַז אין וואַלד זענען פאַראַן נאָך ביימער, נישט קיין גאָלדענע סאָסנעס. שווייגעדיקע געזונטע דעמ-בעס, פעסטע אָלכעס. זיי זענען, ווי אָפּגעזונדערט פון אַלע ביי-מער, זיי האָבן דאָ פאַרבלאָנדזשעט.

און איר טאַטע, וואָס דאַוונט איצט ביים פענסטער, דער-מאָנט איר איצט אַזאַ אָפּגעזונדערטן בוים.

—מומע ניכע! וואָס וועט היינט זיין?

יעדן טאָג וואָלט זי וועלן, אַז עפּעס זאָל זיין. עס זאָלן קומען געסט, מען זאָל גיין קיין מסטיבאָווע. נאָר די מומע ניכע ענטפערט.

—וואָס וועט היינט זיין? דו ווייסט נישט, מען וועט אָפּ-שאָבן קאַרטאָפל און מען וועט עס עסן מיט פוטער.

דערמאָנט זיך צילקע, אַז זי איז שוין טאַקע הונגעריק און מען נעמט זיך צום פרישטיק.

דער טאַטע דאַוונט שוין נישט, ער האַלט זיין אייביק בי-כעלע און נאָטירט עפּעס.

וואָס גייט עס צילקען אָן?

זי גייט אַרויס פון שטוב, זי באַדאַרף אויספרווון דעם וואַלד.

אויב דער קוקוק וועט אויסשרייען אַ „גראַד"—וועט סאַשע הײַנט נישט קומען, אויב אַן „אום", וועט סאַשע יאָ קומען, און זי וואַרט...

פלוצלונג שטעלט זיך איר דאָס האַרץ אָפּ.

דער „קוקוק" שרייט...

„איינס"

„צוויי"

„דריי"

און אַנטשוויגן געוואָרן.

נעמט דאָס האַרץ קלאַפּן מיט אימפּעט און זי גייט צו דער מומעס ניכע „עפּעס" אַרבעטן. זי גייט מיט פרייד...

שפּעט נאָכמיטאָג איז סאַשע געקומען.

צילקע האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז שוין אין וואַלד. זי איז געזעסן ביים טײַכל און געלייענט.

אַ רויט שטיק גאָלד-פּייער איז געלעגן אויף דעם נאַכטסטן בוים און דער בוים צוזאַמען מיטן פייער האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין שמאָלן וואַסער. דאָס וואַסער האָט געאײַלט איבער די שטיינער און שטיינדלעך און אײַלנדיק צוגעמורמלט אַן אומפאַר-שטענדלעכע אָוונט-תּפילה.

און אויף יענער זײַט פון טײַכל איז געשטאַנען סאַשע מיט אַ טונקל רונד פּנים, וואָס האָט אויסגעזען אין די שאָטנס פון די ביימער מאַט-בלאַס. ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער די ביימער און לאַנג געקוקט אויף אַלע באַוועגונגען פון צילקען.

די אויגן זענען ערנסט געווען ביי אים, די ליפּן צוגע-מאַכט און פאַרשטיין איז שווער געווען צי ער אַנטציקט זיך מיט צילקען, צי ער פאָרשט אויס איר כאַראַקטער, וויל עפּעס דערגיין אַ סוד פון דער צילקען.

ער האָט געקוקט און געטראַכט מיט וואָס האָט זי איז אַזוי איבערראַשט, דאָס דאָזיקע וואַלד-מיידל? „פאַרוואָס אַנטלויפט ער פון שטאָט, ווו אַלץ איז אים איצט לאַנגווײַליק געוואָרן? פאַר-

וואָס האָט ער אָפּגעלייגט זיין רייזע קיין אויסלאַנד צוליב איר?

—צילקע!

זי דערלאַנגט אַ ציטער, דאָס בוך פאַלט אַרויס פון איר האַנט. הייבט זי אויף די אויגן. דערזעעט סאַשען און נעמט לאַכן.

ערשט אין אַ רגע שפּעטער כאַפּט זי זיך צו פאַרדעקן מיטן קלייד די נאַקעטע פיס.

און סאַשע טראַכט:

—ווילדע, ווילד און די פיס, די צופיל אָפּגעדעקטע באַהאַלט זי.

זי באַגריסט אים מיט איר פריילעך געלעכטער.

צוערשט קלינגט דאָס לאַכן פרעמד אין אָוונט-וואַלד אַפּ... איצט, ווען אַלע קלאַנגען האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן אין קליינע נעסטעלעך, ווען די שאָטנס פון דיביימער ציען זיך חבריש צו איינער צום צווייטן.

נאָר באַלד ווערט אַ שטיק וואַלד אָנגעפילט מיט איר לאַכן. עפּעס האָט אָפּגעלעבט און גענומען זיך קייקלען ווייט, ווייט... אַ סעקונדע, אַן עכאָ...

פון שטוב דערהערט זיך אַן אויסגעשריי:

—וואָס לאַכסטו, צילקע, וואָס לאַכסטו אַזוי?

דאָס האָט זיך אָנגערופן די מומע ניכע, וועלכע האָט צוגעגרייט עסן...

—סאַשע איז געקומען,— ענטפערט פריילעך צילקע.

אין שטוב ווערט שטיל:

און סאַשע שפּרייזט איבער דעם קלעצל, וואָס ליגט, ווי אַ בריקל אויפן טייכל.

זיצט ער שוין נעבן צילקען.

—זעסט, איך בין געקומען.

—און איך האָב צו דיר געשריבן. האָסטו מיין בריוו נאָך נישט געקריגן?

—ניין! אָן בריוו בין איך געקומען, עס האָט געצויגן. געצויגן ווי אַ כישוף.

דערבײַ האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און באַטראַכט אַרום זיך אַ שטיק וואַלד: גרינס האָט אין גרינס זיך געשפּיגלט. אַנדע־רע סאָסנעס האָבן געהאַט גלײַכע צווײַגן און בײַ די צווייטע האָבן זיך די צווײַגן משונהדיק געפּלאָנטערט. ערגעץ האָט אַ פּיקהעלץ געקלאַפּט מיט זײַן שנאָבל טעמפּ אַ בוים, אַ דרימלדיקע לויטער־קייט האָט דורכגעשטראַלט דורך עטלעכע צווײַגן...

שטיל...

צילקע האָט אויפגעהויבן אַ צווײַגל מיט פרישע גרינע נאָד־לען, יעדע רגע האָט זי אָפּגעריסן איין נאָדל און שפּילנדיק עס אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער. די דינע נאָדל בלײַבט שטיין אַ רגע אויפן פלאַך פון טײַכל ביז אַ פּאַליע, אַ שטראָמל נעמט עס מיט מיט זיך. פלוצלונג ווערט צילקען מיאוס אַזאַ לאַנגווײַליקע אַרבעט און עס פּאַרדריסט איר אודאי, וואָס סאַשע האָט זיך אויף אַזוי לאַנג פאַרטראַכט.

אַ רגע...

און סאַשע דערפילט, ווי אַ גאַנצער פאָכער מיט פרישע טראָפּנס באַשפּריצן זײַן פּנים. דאָס האָט צילקע מיטן סכך־צווײַגל געגומען אַרבעטן איבערן וואַסער. סאַשע קוקט שוין מער נישט דורך די צווײַגן אין דער לויטערקייט אַרײַן, ער וויל בײַ איר אַרויסרײַסן דאָס צווײַגל און אין גערענגל רירן זײַנע ליפּן אָן צילקעס נאַקעטן אַקסל און ער בלײַבט אַזוי אויף אַ סעקונדע צו־געשמידט צו איר ביז אירע אויגן שטעלן זיך אָן אויף אים:

—וואָס האָסטו געטאָן?

—אַ קוש...

—צו־וואָס?— פרעגט צילקע און די אויגן אירע לאַכן מיט דער גאַנצער טיפקייט.

סאַשע נעמט אויך לאַכן, אַזוי שטיפעריש־יונג נעמט ער לאַכן, עס קליידט זיך נישט אַזאַ לאַכן צו אים, צו אים, וואָס שטעלט אַזעלכע לאַנגזאַמע טריט און קוקט אויף אַלץ אַזוי גלײַכ־גילטיק־רויק.

און גײַ דערציל פאַר דעם נאַאיוון וואַלד־מיידל פון וואָס אַזאַ בחור ווי סאַשע האָט איצט געלאַכט: אַזויפיל פרויען האָט

ער שוין געקושט און קיין איינע פון זיי האָט קיינמאָל נישט געפרעגט: „צו-וואָס".

—און דיך ווילט זיך נישט קושן?—פרעגט שוין סאַשע ביי איר.

„יאָ-ניין"!—ענטפערט זי, און פאַרשעמט זיך...

דער וואַלד, דאָס טייכל און סאַשע לוריע פון גראָדנע, אַלץ זעט און פאַרשטייט, אַז זי ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס זי האָט זיך פאַרשעמט ביי דעמדאָזיקן זינגדיקן „יאָ-ניין".

פון אונטער די ביימער, דאָרט, שטראָמט דאָס וואַסער פון טייכל און נעמט מיט אין זיין לויפן אַזויפיל גרינע שאָטנס פון דעם סכך און נעמט מיט דאָס קלאַפּן פון צוויי הערצער. אַזעלכע הויכע-הויכע זענען ביימער און די מענטשן אַזוי קליין אַנטקייגען זיי.

סאַשע האָט דרך-ארץ פאַר דעם גרויסן אַלטן וואַלד און אין זיינע שאָטנס האָט ער געקומען טראַכטן, שוין לאַנג נישט-געטראַכטע געדאַנקען.

אַז ער, וואָס האָט פיל מאָל געמיינט, אַז די וועלט איז זיינע פילט זיך גאָר אין דער אמתן ווי אַן איבעריקער אויף דער וועלט...

נאָר...

זי איז אַזוי דרייסט צו אים די צילקע. זי נעמט אים טרייסלען און שטראָפן:

—פאַרקלער זיך נישט, הערסט! דער וואַלד שווייגט, די מומע ניכע שווייגט, דער טאַטע שווייגט און דו וועסט אויך שווייגן?

—ניין, עס טראַכט זיך אַביסל, דאָ איז אַזוי רויק...

—פון וואָס טראַכסטו? פון דיינע שטעט? פון וועמען טראַכסטו, פון וואָס טראַכסטו? זי לאָזט אים נישט איינזיצן.

און אַז ער קלערט נאָך אַלץ פון „זיינע שטעט", דער סאַשע, ווערט זי שוין גאָר ברוגז און זי כאַפּט זיין גראָען קאַפּעליוש, וואָס וואַלגערט זיך לעם זיי ווי אַן עדות פון פאַרגאַנגענע צייטן און זי וואַרפט אים אַריין אין טייכל.

און לאַכט און פּאַטשט מיט די הענט.

דער קאַפּעליוש פּאַלט אויפן פּלאַך פון וואַסער מיטן דעק צרָאָפּ און שעפּט נישט אָן קיין וואַסער, נעמט ער שווימען לאַנג-זאַם-לאַנגזאַם.

סאַשע הייבט זיך אויף פון אָרט און וויל אַרויסראַטעווען זיין „טאַליסמאַן" — ווי זיין מוטער האָט אַמאָל אָנגערופן זיין גראָען הוט. צילקע לאָזט אים נישט.

דער קאַפּעליוש שווימט און זיי גייען אים נאָך אַ שטיק וועג.

צילקע גייט באָרוועס, זי וואָלט קאָנען אַריינלויפן און אים לייכט אַרויסנעמען, נאָר עס ווילט זיך איר רייצן דעם סאַשען, וואָס וויל זיך נישט שיידן מיט אַזאַ אַלטן קאַפּעליוש.

אַ שטיק וועג אין וואַלד אַריין. דאָס טייכל האָט זיי פּאַר-פירט, אָבער דער קאַפּעליוש שעפּט אַלץ מער וואַסער אָן און נעמט שוין זינקען. לויפט דאַן צילקע אַריין אין טייכל מיט די באָרוועסע אָפּגעדעקטע פיס און קומט צוריק מיטן גראָען הוט.

און סאַשע מוז אים אַזוי אָנטון דעם קאַפּעליוש מיטן וואַ-סער אויפן קאָפּ. עס העלפן נישט קיין רייד. זי לאַכט בעת עס ווערט אים קאַלט און נאָס אין קאָלנער. זי האָט אויסגעפירט און איז גליקלעך.

„אַז איך וועל זיך אַזוי לאָזן" — טראַכט סאַשע, וועט זי פון מיר מאַכן אַ פיינעם סך-הכל". און אין האַרצן טוט אים שטאַרק הנאה, וואָס אַזעלכע קינדערשע שטיפערייען פרייען אים אויך און עס טוט אים טאַקע הנאה דאָס, וואָס ער האָט איצט אויף אַן אמת פאַרגעסן „זיינע שטעט" מיט אַלצדינג.

זי הייבט איוף יעדע רגע אויף אים די אויגן, פונקט ווי זי וואָלט וועלן דערגיין פון אים עפּעס אַזוינס, וואָס זי ווייסט נאָך נישט און בעת אירע גראָ-בלאָע אויגן קוקן אַריין אין זיי-נע, דוכט זיך אים דאַן, אַז די זון קוקט אַריין אין וואַלד, אין אַלע פאַרשאָטנטע ווינקלעך קוקט זי אַריין און עס ווילט זיך באמת נעמען זינגען, שפּילן...

פּלוצלונג דערהערן זיך אַ סך טריט און אַ סך שטימען. ביי-דע, צילקע און סאַשע, הייבן אויף די אויגן און זיי דערזעען, ווי

עס קומט אָן אַ גאַנצע מחנה פויערים מיט זעגן און העק. אַנ־דערע גייען באָרוועס, אַנדערע אין פּאַסטעלעס. זיי רעדן און קוקן אויף דר׳ערד.

סאַשע באַטראַכט זיי נייגעריק און צילקע דערקלערט אים, וואָס דאָס זענען פאַר אַ מענטשן:

—דאָס זענען האָלץ־העקערס. דאָרטן ווייט האַקט מען אויס אַ שטיק וואַלד, זיי גייען איצט צו דער אַרבעט.

און אין דער רגע וואָלט שוין סאַשע וועלן, אַז זיין טאַטע זאָל נישט האַנדלען מיט די וועלדער און מען זאָל זיי נישט אויסהאַקן.

אין וואַלד איז גוט. נאָר אין וואַלד קאָנען אויסוואַקסן אַזעלכע צילקעס. און ווו וואָלט ער איצט אַזוי גוט־רויק פאַר־בראַכט? צילקע רופט זיך ווידער אָן:

—דער טאַטע דערציילט אָפט, אַז אויך אונזער וואַלד וועט מען פאַרקויפן און אויסהאַקן. נאָר עס גלייבט זיך נישט:

—טאַקע, עס גלייבט זיך נישט,—ענטפערט סאַשע,—וואָס וועט זיין מיט אַלע וועוועריקעס און מיט צילקען וואָס וועט זיין?

דערהערט זי: „וועוועריק״—דערלאַנגט זי אַ שפּרונג, איז שוין לעם אַ בוים און נעמט קלעטערן, פלינק, פלינק... שוין הויך אַרויפגע־קלעטערט און מיטאַמאָל אַ שפּרונג אַראָפּ. און לאַכט...

סאַשע איז געשטאַנען אַן איבערראַשטער, אַן אַנטציקטער פון איר פלינקייט...

דאָס פּנים אירס האָט קינדיש און שעלמיש געלאַכט. זי וויל שוין נישט איינשטיין אויף איין אָרט, זי וויל שוין לויפן און סאַשע זאָל איר נאָכיאָגן.

אָט אַזוי שטענדיק: צוליב דעם. דאַכט זיך, איז זי געבוירן געוואָרן, עמיצער זאָל איר שטענדיק נאָכיאָגן און זי זאָל זיך רייצן מיט עמיצן.

זיי יאָגן זיך. זי איז פלינקער, און ער ווערט גיך מיד:

—שעם זיך, סאַשע, שעם זיך, שעם זיך!

מיטאַמאָל דערפילט ער מיט פרייד, אַז וואָס אַ טאָג ווייטער פאַרגעסט ער זיך אַלץ מער, אַז ער איז שוין נישט „ער״.

און אַליין האָט ער געטראַכט, אַז ער איז שוין געווען אַן ערנסטער מענטש, אפילו שוין אַביסל צו ערנסט, צו סקעפּטיש, צו אַלץ, צו אַלע פרייד פון לעבן און מיטאַמאָל אַזאַ ייִנגלשע געשיכטע.

לויפן אין וואַלד צו אַ באָרוועס מיידל, צו איר, דעם משרת טאָכטער.

לויפן אָן קאָפּ, אָן איבערקלערן. וואָס איז דאָס? וואָס טוט זיך דאָ מיט אים.

וואָס דאָ איז?

ער איז דאָ רויק, ווי ביי דער בעסטער מאַמען, ווי ביים בעסטן פריינט. יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט, קומט אַרויס פון אַ באַרויקטער נשמה. אָט ציט ער זיך אויס אונטער די ביימער. קוקט אויפן טייכל און אויף דעם פלאָנטער פון די צווייגן, קוקט אויף צילקען, רעדט און שווייגט און ס׳איז אים גוט.

מיטאַמאָל רייסט צילקע איבער די שטילקייט:

—די מומע ניכע לאַכט פון מיר. זי זאָגט, אַז דו האָסט אין שטאָט שענערע מיידלעך פאַר מיר, דו ועסט, זאָגט זי, מיט מיר נישט חתונה האָבן.

האָ! חתונה האָבן. פון וואַנען האָט זיך געגומען צו איר אַזאַ געדאַנק, צו איר?

און ער דערמאָנט זיך סאַשע, אַז איינמאָל האָט ער צו איר געזאָגט, אַז אויב אים וועט זיך וועלן, וועט ער מיט איר חתונה האָבן און ער וועט ביי קיינעם נישט פרעגן.

יאָ, נאָר ער האָט עס שוין פאַרגעסן, און עס ווילט זיך איצט וועגן דעם נישט רעדן.

—ניין, צילקע, נישטאָ קיין בעסער מיידל פאַר דיר—דו—דו—

ער געפינט נישט קיין וואָרט און צילקע העלפט אים אַרויס. זי נעמט ווידער לאַכן.

איצט קומט שוין די מומע ניכע אַרויס, זי באַטראַכט זיי מיט אַ לייכטער ביזקייט, זי איז אומרויק, וואָס דער סאַשע קומט אין וואַלד.

דאָס מיידל איז אַ יתומה און מען דאַרף גוט אַכטונג געבן.

די מומע ניכע האָט עפּעס אַ ברום געטון און איז צוריק אַריין אין שטוב.

—זי איז בייז דיין מומע?—האָט סאָשע געפרעגט.

—זי איז אַ גוטע. נאָר ווען דו קומסט ווערט זי גאָר אַן אַנדערע.

דערווייל איז נאַכט געוואָרן. אַ וואַנט איז געוואָרן פון שוואַרצן וואַלד און בלויז דאָס טייכל האָט געריעדט. איצט האָט עס אַלץ דערציילט, וואָס באַטאָג איז געשען—אַז וועווריקעס האָבן געקוויטשעט און געשפּרונגען, אַז ווייט-ווייט האָט מען אַ סך ביימער אויסגעהאַקט און אַז צילקע האָט אַ גאַנצן טאָג גע-בענקט...

—מיר דאַכט זיך—זאָגט צילקע,—אַז קיינמאָל וועל איך זיך קיין אָרט נישט געפינען. מענטשן שרעקן מיך און דאָ אין וואַלד איז אַמאָל אַזוי אומעטיק, אַזוי איינזאַם.

דער טאַטע איז שווייגנדיק, די מומע ניכע ווערט אַלץ על-טער, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן.

סאָשע האָט זי לאַנג שווייגנדיק אויסגעהערט און געריי-כערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן.

—צילקע! וואָס וואָלסטו וועלן מער פאַר אַלץ אויף דער וועלט?—האָט סאָשע ביי איר געפרעגט...

—איך ווייס אַליין נישט. באַנאַכט ווייס איך נישט, וואָס איך וויל. באַנאַכט, ווען דער וואַלד שלאָפט, איז מיר אומעטיק, באַטאָג טראַכט איך פון קיין זאַך נישט...

—און איך וויל, דו זאָלסט שטענדיק לאַכן. שטענדיק זאָרג-לאָז זיין.

אינדעם איז אָנגעקומען די מומע ניכע און גערופן עסן. פון דער גרויסער הילצערנער געביידע האָבן געקוקט העלע פיי-ערלעך. צילקע איז די ערשטע אַריינגעלאָפן אין שטוב און גע-נומען זינגען.

סאָשע האָט אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע, נאָר די מומע ניכע האָט געוואָרפן בייזע פייערלעך אויף ביידן.

און די גאַנצע נאַכט איז זי נישט געשלאָפן, ווייל צילקע

מיט סאַשען זענען אַזוי אָפּגעזעסן ביים טייכל ביז פֿאַרטאָג.

פון וואָס האָבן זיי גערעדט? און פון וואָס האָבן זיי נישט גערעדט אין די לאַנגע שעה'ן פון וואַלד-פינסטערניש?

גערעדט האָט מער סאַשע. ער האָט שוין איצט געוווּסט, זיי צוצוגיין צו איר נשמה אַזוי, אַז זי זאָל אים פֿאַרשטיין. און באַטש אַ סך מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן צו הויך, ער איז אַוועק רעדן איבער מענטשן, איבער ווייטע פֿאַרגאַנגענע צייטן; פֿלעגט אָפּט „פֿאַרמסר'ן" די גאַנצע וועלט. גראָד פֿאַר איר האָט זיך אים געוואָלט עפֿענען זיין נשמה. דערציילן אין וואָס ער גלייבט נישט.

זי האָט געהאָרכט און געלאָזט אים רעדן וועגן „עפּעס אַנדערש". ביסלעכווייז, לאַנגזאַם האָט זי אָנגעהויבן פֿאַרשטיין אַ סך פון דעם „עפּעס אַנדערש" און פֿרעגן פֿלעגט זי ביי סאַשען אַ סך פֿראַגן, וועלכע האָבן אים פֿריילעך געמאַכט ביז צום לאַכן.

איינס האָט שטאַרק גערייצט סאַשע לוריע: זי, די טאָכטער פון דעם שווייגנדיקן יידן איסר, זי, דאָס וואַלד-מיידל, וואָס לעבט אַזוי נאָנט דאָ לעם דער נאַטור, מיט דער נאַטור — זי ווייסט נאָך גאָרנישט.

זי ווייסט נישט פֿאַרוואָס ער, סאַשע, קושט זי אַזוי הייס, פֿאַרוואָס אים איז אַזוי טייער איר האַנט, בעת ער האַלט איר אין זיין האַנט, פֿאַרוואָס אים רייצט איר יעדעס פּיצעלע אָפּגעדעקטער קערפּער...

זי ווייסט נישט?

און אפשר ווייס זי עס יאָ, נאָר דאָס איז בלויז אַ פֿרויען-שפּיל, אַ קאָקעטעריי, מיט וואָס זי וויל אים נעמען.

ניין, פון די אַלע שמועסן, פון די אַלע באַאָבאַכטונגען זיינע האָט סאַשע אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס, אַז זי איז טאַקע נאַאיוו, נאַאיוו ביז דעם קינדערשן נישט-וויסן...

עפּעס פֿילט זי יאָ. דאָס בלוט איז שוין רייפיק און עס פֿאָדערט עפּעס אַזוינס, פון וואָס מען ווערט שעמעוודיק און רויט, נאָר דאָס איז אַלץ ביי איר אַזוי אומבאַוווּסטזיניק, אַזוי אומ-פֿאַרשטענדלעך, און...

סאָשע זיצט מיט איר ביים טייכל אַ גאַנצע נאַכט. פון שטוב האָט צילקע אַרויסגעטראָגן אַ קאָלדרע און זי אויסגעשפּרייט אין וואַלד. זי פאַלט צו צו סאָשען, טוליעט זיך צו מיט טריי־שאַפט פון אַ קינד און נעמט שווייגן, רייסט איבער דערנאָך די שטילקייט מיט אַזאַ פראַגע:

—דער טאַטע איז שוין מער ווי אַ וואָך אין דערהיים נישט געוועזן.

צו זיך אַליין האָט זי עס געזאָגט. צום וואַלד, צום טייכל, אָבער נישט צו סאָשען, וועלכער האָט דאָ אין וואַלד גענומען מאָדנע טראַכטן, אַריין איז ער אין זיך. די שטילקייט האָט אויף אים שטאַרק געווירקט און נישט איינמאָל האָט ער דאָ שוין איבער־געשאַצט אַלע ווערטן. ער האָט זיך געאַמפּערט אין די געדאַנקען זיינע מיט דער וועלט, וועלכע האָט פון אים עפּעס געפאָדערט און פון וועלכער ער האָט נאָכמער געפאָדערט... מיטאַמאָל דערשפּירט ער, אַז לעם אים, כמעט אויף זיין האַרץ קלאַפּט אַ צווייט האַרץ.

צילקע שלאָפט, און ער, דער, וואָס האָט שוין אַזוי פיל פרויען באַגעגנט און געשיידט, ער האָט רויק איר שלאָף אָפּגע־היט און עס איז אים אַזוי טייער די רגע.

אפשר איז דאָס געווען די ווירקונג פון דער נאַכט, וועל־כע האָט דאָ אין וואַלד זיך אָנגעטון אין אירע שוואַרצסטע קליידער.

און אין דערהיים איז איינע אַליין געשלאָפן די מומע ניכע. איר גרויער קאָפּ האָט אַ סך מאָל אין אומרו זיך געוואָרפן אויפן געלעגער: דעם לוריעס סאָשקע איז ווי אַ בייזער וואָלף אין וואַלד דאָ אַריינגעקומען.

נאָר וואָס קאָן זי, אַן אַלטע יידענע העלפן. קיינער, אפילו די נאַכט האָט אירע זיפצן נישט געהערט.

די נאַכט רוקט זיך שוין אַוועק. אָט האָט זיך אַ העל גע־טון צווישן דיביימער אין וואַלד און דאָס טייכל קוקט אַרויס, ווי אַ לאַנג שטעגל אַ באַלויכטענס.

דאָס טייכל לויפט און ציוקעט זיך צום פרימאָרגן אין זיי־

נע אייגענע וואַסערן.

דער שאָסיי-וועכטער איוואַן איז געקומען ביי סאַשען פרעגן, צי ער וועט באַלד פאָרן אין שטאָט, ווייל ער דאַרף עס וויסן. ער באַדאַרף דאָך איינשפּאַנען דאָס פערד. און סאַשע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט דאָ אַ פערד מיט אַ ליניייקע, אַז ער באַדאַרף טאַקע היינט זיין אין שטאָט.

צילקע כאַפּט זיך דערוויייל אויף, און אַז זי דערהערט וועגן סאַשעס אַוועקפאָרן ווערט זי אומעטיק.

—פאָר נישט, סאַשע. דער טאָג ציט זיך אַזוי לאַנג, ווען דו ביסט נישטאָ. פאָר נישט, סאַשע.—בעט זי זיך ביי אים און דאָ פאַרדריסט עפּעס סאַשען: ער באַדאַרף דאָך יאָ פאָרן צייטיק אין שטאָט און ווען זי בעט אים, ער זאָל בלייבן, נעמט ער זיך קווענקלען און ער פאַרלירט אַביסל זיין גלייכגעוויכט. עס פאַרדריסט אים אומבאַוווסטזיניק.

נאָר ער געפינט זיך און דרייט זיך אַרויס מיט אַ צוזאָג:—מאָרגן, נאָכמיטאָג, קום איך ווידער און איך וועל שוין פאַרבלייבן דאָ אויף עטלעכע טעג.

זי באַגלייט אים ביז דעם שאָסיי-וועכטערס הייזל. עס איז נאָך גענוג פרי. דער וואַלד איז, אָבער, שוין גענוג באַלויכטן און זון מיט לייכטן ווינטל פאַרצוקן די לעצטע טוי-טראָפּנס. וואַלד שמעקט מיט פרישע צוגעוואַקסענע צווייגלעך. אַ קאָלירטער שמע-טערלינג פלאָנטערט זיך צווישן דיביימער, באַווייזט זיך און פאַרשווינדט, באַווייזט זיך און פאַרשווינדט.

אַמאָל פלעגט צילקע זיך יאָגן נאָך אַזאַ שמעטערלינג, נאָכ-לויפן ביז די טיפעניש פון וואַלד. און איצט שטייט זי און קוקט, ווי סאַשעס ליניייקע לויפט אַוועק מיטן וויטן שאָסיי. ער קוקט זיך אום, סאַשע, און לאַכט מיט זיינע גרויסע אויגן און מאַכט מיט די הענט...

גייט זי צוריק פאַרטרויערט, נישט פאַרטרויערט, פריילעך, נישט פריילעך. ער זינגט דאָך אַזוי האַרציק, דער וואַלד, עס איז אַזוי ליכטיק, יונג-פרימאָרגנדיק, ווי קאָן מען זיין אומעטיק? ער איז דאָך, אָבער, אַוועקגעפאָרן סאַשע און ביז מאָרגן נאָכמיטאָג

וועט זי וואַרטן אויף אים און די מומע ניכע וועט די גאַנצע צייט וואַרפן שווייגנדיקע בליקן, בייזע בליקן און אויב דער טאַטע וועט קומען, וועט ער אויך זיין שווייגנדיק... ווי קאָן מען זיין פריילעך?

גייט זי אַריין אין שטוב. די מומע ניכע איז שוין אין מסטיבאָווע אַוועק איינקויפן צום עסן. די קופּערנע פאַנען לייכטן פון דער זון, וואָס רייסט זיך אַריין אין צימער. די געלעגערס זענען נישט אויפגעבעט, פונקט ווי קיין מענטש איז דאָ שוין לאַנג נישט געווען. עטלעכע פוילע פליגן זשומען... ווערט איר לאַנגווייליק און שווער...

שטיל אויף דער וועלט, אַזוי שטיל אין וואַלד.

און אין דער שטילקייט דערהערט זי, ווי דאָס טייכל רוישט און רופט. דערמאָנט זי זיך, אַז זי האָט זיך נאָך היינט נישט געוואַשן, כאַפּט זי זייף און האַנטוך און גייט צום טייכל...

צום ערשטן שפּיגלט זי זיך גוט אָן אין וואַסער און ווען עס דערעסט איר, ווייזט זי זיך אַליין אַ צונג און זי ווערט פון אַזאַ שפּאַס אויפגעמונטערט. נעמט זי שווענקען די פיס און אַזוי שטיפערין וואָלט וועלן, אַז דאָס וואַסער זאָל זיך צוליב איר אָפּשטעלן, זי וואָלט וועלן רעדן מיטן וואַסער, מיט די ביימער — זי איז דאָ אַליין, אַליין...

דערנאָך האָט זי אָפּגעדעקט טיף דעם האַלדז און גענומען שעפּן מיט די הענט גרויסע הויפנס וואַסער און ווי אַ קאַטשקע זיך געפּליעסקעט כסדר, כסדר... אַזוי, אַז די מומע ניכע, וועלכע איז איצט אָנגעקומען פון מסטיבאָווע, האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און גענומען לאַכן מיט איר אַלט קול... די מומע ניכע לאַכט און צילקע האָט זיך דערפרייט, אַבי זי וואַרפט נישט קיין בייזע בליקן וועט שוין זיין אַ גוטער טאָג.

און דער טאָג און די נאַכט זענען אַריבער רויק אין אַרבעט, אין זינגען און אין שלאָפן. צילקע האָט געוואַרט אויף סאַשען און די מומע ניכע האָט זיך געפרייט, וואָס סאַשע איז אַוועקגעפאָרן.

סאַשע איז דערווייל שוין געפאָרן צוריק אין וואַלד, אַליין

איז ער געפאָרן אויף זיין ליגייקע. ער האָט מיטגענומען עטלעכע ביכער, געטראַכט אַביסל צו אַרבעטן.

עס האָט אים געפרייט, וואָס ער האָט וואָרט געהאַלטן און דאָס, וואָס צילקע וועט זיך פרייען מיט זיין קומען.

ער האָט געטראַכט, אַז עס איז גוט, ווען עמיצער בענקט און וואַרט אויף דיר. דער שאָסיי האָט זיך געצויגן אַן אויסגעפוצטער, אַ גלאַטער, מיט וואַלד פון ביידע זייטן. האָט דאָס פערדל געוואָלט איז עס געלאָפן פלינקער, האָט זיך עס פאַרגלוסט — האָט עס גענומען שטעלן לאַנגזאַמע טריט. סאַשע לוריע האָט עס נישט געיאָגט... דער וואַלד מיט צילקען וועלן נישט אַנטלויפן. ער האָט זיך גאַנץ רויק געטראַכט...

וועגן וואָס?

טאַקע וועגן צילקען.

צי געהערט זי צו „זיינע" מענטשן?

ער האָט זיך געהאַט אַ באַגריף וועגן מענטשן, וועלכע ער האָט צוטיילט אויף „זיינע" און „נישט זיינע".

„זיינע" מענטשן האָבן ביי אים געהייסן אַזעלכע, וואָס האָבן נשמות מיט סטרונעס, זינגנדיקע נשמות. מענטשן, וואָס מען קאָן פון זיי שטענדיק עפעס דערוואַרטן אַ נייעם קלאַנג, אַן אומגעריכטע באַוועגונג, אַ ציטער, אַן אויפרעגונג; מענטשן, נישט איינגאַנצן אַנטפלעקטע, נישט קיין פאַררונדעטע, נישט קיין פאַרענדיקטע. אַזעלכע, וואָס דערזאָגן נישט אַלץ און וואָס גיבן אַלץ נישט אַוועק. רייכע זענען אַזעלכע מענטשן, רייך אפילו אין אָרעמקייט... מיט איין וואָרט: מענטשן מיט „סטרונעס". און אַז מען האָט סטרונעס קאָן מען דאָך אויף זיי שפילן אַלע מעלאָדיעס, אַרויסבאַקומען אַלע קלאַנגען און שטענדיק בלייבט נאָך איבער אין זיי מוזיק, דאָס נישט געשפילטע, דאָס נישט אַרויסבאַקומענע.

די איבעריקע אַלע, די „נישט זיינע" — האָט ער גערופן „קוואַדראַטן", פאַרמאַכטע פון אַלע זייטן, פירקאַנטיקע, פאַרענדיקטע טרומנעס.

פון אַזעלכע איז סאַשע אַנטלאָפן.

צילקע האָט יאָ סטרונעס און כמעט אַלע נישט קיין גע-

רירטע. בעת אַזאַ וועט דערפילן, וואָס דאָס איז אַזוינס ליידנ־שאַפט, וועט עס זיין אַ פייער... בעת זי וועט זיך אַביסל באַקאָנען מיטן לעבן...

סאַשע לוריע האָט זיך אַזוי געפירט זיינע געדאַנקען... פלוצלונג האָט מיט אים פּאַסירט אַזוינס, וואָס אים האָט זיך מיט אַ רגע פריער און מיט יאָרן פריער נישט געחלומט.

פון וואַלד זענען אַרויסגעלאָפן דריי פויערים מיט שטעקנס, באָרוועסע פויערים, זיי זענען צוגעלאָפן צו זיין פערד, אים אָפּגעשטעלט און מיט אַלע כּוחות גענומען שלאָגן סאַשען מיט די שטעקנס, מיט די הענט. עס איז געווען אַזוי אומגעריכט, ער האָט אפילו נישט באַוויזן צו פרעגן: „פאַרוואָס", ער איז בלויז פון דער ליבּייקע אַראָפּגעשפּרונגען און פאַר זיינע אָנפאַלערס איז דאָס נאָך געווען בעסער, זיי האָבן ערשט איצט אים געקאָנט ווי געהעריק דערלאַנגען מיט די שטעקנס.

גיך, פלינק האָבן זיי אים אָנגעשלאָגן און אַריינגעלאָפן צוריק אין וואַלד...

סאַשע איז אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט אַ צומישטער, דער קאָפּ זיינער איז געווען צובלוטיקט, דער קאַרק, די הענט האָבן ווי געטון. ער האָט געוואָלט זיין רויק און איז געווען רויק. נאָר ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין... וואָס איז דאָ אַזוינס געשען? אפשר איז דאָס אין חלום: ניין, דער קאָפּ טוט צו שטאַרק וויי און ס'איז עפּעס אַזוי מיאוס אויף דער נשמה: צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער קלעפּ באַקומען. ער האָט זיך טיף פאַרשעמט פאַר די רויקע וועלדער, פאַרן הימל, פאַר זיין פערד, וואָס האָט צוגעזען די גאַנצע געשיכטע...

אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבן אים פרעמדע מענטשן געשלאָגן?

ער איז דאָך געווען רויק, איז ער צוגעפאָרן צו אַ וואַסער און אָפּגעוואַשן דעם קאָפּ, וואָס שטייט אַביסל אין דער זייט פון שאָסיי.

צילקע האָט אים שוין אָפּגעוואַרט, זי האָט זיך דערפרייט און באַלד זיך דערשראָקן, בעת זי האָט דערזען די בלוט־פלעקן

אויף זיינע בגדים...

—וואָס איז געשען?

סאַשע האָט לאַכנדיק דערציילט דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויפן שאָסיי, די מומע איז אַרויס און זי האָט אַלצדינג אויסגעהערט. זי איז געלאָפן ברענגען פון שטוב וואַסער מיט לייוונט. מען האָט סאַשען דעם קאָפּ איבערגעבונדן.

—אָבער ווער און פאַרוואָס?

צילקע האָט אַ רגע געטראַכט און פּלוצלונג אַ געשריי געטון:

—דאָס איז פּרויקעס אַרבעט... פּרויקעס, פּרויקעס אַרבעט.

—ווער איז דאָס דער פּרויקע?—איז סאַשע צוגעשטאַנען.

און צילקע האָט גענומען דערציילן וועגן מסטיבאָווע, וועגן די לאַנגע ווינטער-נעכט מיט דעם פּליקן די פעדערן, וועגן פּרויקען, וועגן די מיידלעך, וואָס ער פלעגט קושן. די גאַנצע קינדער-געשיכטע אירע האָט פאַרבייגעשוועבט פאַר סאַשען פון איר דערציילונג.

זי האָט אַ סך געפּלאַפּלט, זי האָט, דאַכט זיך, פאַרגעסן אין דער רגע אָן סאַשען און אַז ער איז פאַרוווּנדעט. סאַשע אַליין האָט פאַרגעסן, וואָס מיט אים האָט אויפן שאָסיי פּאַסירט, אַזוי לעבעדיק אויפגעלייגט האָט זי גערעדט און געמאָלט זומער נאָך זומער, ווינטער נאָך ווינטער; טעג, יאָרן זענען פאַרבייגעשוווּמען און אין די טעג האָט זיך איינגעפלאָנטערט עפּעס אַ פּרויקע מיט גלאַנציקע שטיוועלעך; אַ בחור, וואָס קושט אַלע מיידלעך און שיכורט מיטן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו; אַ פּרויקע, פאַר וועלכן די גאַנצע געגנט האָט מורא. און דער פּרויקע זאָל דאָס האָבן אָנגעשיקט אויף סאַשען די דריי פּויערים, זיי זאָלן אים אָנברעכן די ביינער דערפאַר, ווייל זי, צילקע, לאָזט זיך נישט קושן... זי האָט טאַקע אַזוי געזאָגט די צילקע: „ווייל איך לאָז זיך נישט קושן".

—און פאַרוואָס לאָזטו זיך נישט קושן פון אים, אַלע מיידלעך לאָזן זיך דאָך יאָ...

האָט צילקע געשוויגן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אין דעם זעלבן אָוונט איז געקומען איסר אין וואַלד און

איז פאַרבליבן אויף עטלעכע טעג. אויף מאָרגן איז אויך אַראָפּ־געפאָרן דער אַלטער לוריע מיט סוחרים. אין וואַלד האָט אַביסל געטומלט פון שטאָטישע מענטשן. די מומע ניכע האָט געאַרבעט, צילקע אויך.

סאַשע האָט געלייענט און געבלאָנדזשעט אַליין, דער וואַלד האָט אים זייער באַרויקט, נאָר זייער אָפט פלעגט ער זיך דער־מאָנען די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען.

עס האָט אים רוען נישט געלאָזט און ער האָט זיך איינ־מאָל אָפּגעטראַכט אַזאַ שטיקל אַרבעט: ער איז געווען קיין מסטי־באָווע.

גייענדיק האָט ער זיך געלאָזט דערמאָנען פאַרשידענע אי־בונגען פון „פייט", וואָס אים האָט אַמאָל געלערנט אַ חבר אין די בערג:

„מיט דער רעכטער האַנט שלאָגט מען דעם געגנער, מיט דער לינקער פאַרטיידיקט מען זיך. דערלאַנגען מעג מען אומע־טום, נאָר נישט נידעריקער פון פּאַס. אויב דער געגנער טראָגט ברילן, טאָר מען אין פּנים נישט שלאָגן..."

אַ שאָד נאָר וועט זיין, אויב דער פרויקע טראָגט ברילן. ניין, אַזאַ לעב־ייִנגל טראָגט אודאי נישט קיין ברילן. מענטשן מיט ברילן האָבן קיל בלוט...

איז זיך סאַשע געגאַנגען און געטראַכט:

אַ מענטש האָט הענט און ער מוז זיי אַמאָל אויסנוצן.

געקומען אין מסטיבאָווע האָט ער אַרויסגערופן פרויקען.

„אָן ברילן"—האָט ער אַ טראַכט געטון.

—איך בין אַלעקסאַנדער לוריע,—האָט ער זיך פאָרגעשטעלט,— פון גראָדנע, סאַשע לוריע. מיין טאַטע האָט דאָ וועלדער, איצט האָט ער געקויפט אַ נייעם וואַלד ביי סוויסלאָטש, מיר באַדאַרפן אַ מענטשן...

פרויקע האָט אויף אים כיטרע אַ קוק געטון און גענומען שפּרייזן.

—וואָס ווילט איר פון מיר?

—מען האָט מיר דערציילט, אַז איר גייט אַרום אָן אַרבעט,

אפשר וואָלט איר וועלן אָננעמען די שטעל...

—איך אין וואַלד!—האָט זיך פּרויקע געוווּנדערט.

סאַשע איז מיט אים דערווייל אָפּגעגאַנגען אַלץ ווייטער פון זייער שטוב און אַלץ נענטער צום פעלד און דאָס איז טאַקע געווען סאַשעס כוונה: אים אַרויספירן אין אָפענעם פעלד אַריין.

און אין פעלד...

סאַשע איז גלייך צוגעטרעטן:

—פאָרנדיק מיט אַ וואָך צוריק אין וואַלד אַריין זענען מיך באַפאַלן דריי פּויערים און זיי האָבן מיך געשלאָגן... קיינער קאָן מיך דאָ נישט, קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון, עס איז אָבער פאַראַן אַ חשד, אַז דאָס האָט איר אונטערגעשטעלט די פּויערים...

פּרויקע האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

ביי סאַשען האָט פּרויקעס שווייגן צוגענומען דעם כעס. אַ מענטש, וואָס שווייגט האָט חרטה און דאָס אַנטוואָפנט. איז ער צוגעשפּרונגען און אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

—איר זענט זיך מודה, יאָ? איר זענט באַגאַנגען...

—נאָר פּרויקע האָט פּלוצלונג אַרויסגעכאַפּט די האַנט און זיך גענומען גרייטן צום קאַמף.

איין רגע...

און סאַשעס פויסטן האָבן זיך גענומען שיטן אויף פּרויקעס פּנים און קערפּער. ער איז געווען דער אָנפאַלער, דער ערשטער, און אים האָט זיך איינגעגעבן, כאָטש פּרויקע האָט זיך געוואָרפן מיט זיין גאַנצער בריה'שקייט אויף אים. זיי האָבן זיך שוין געשלאָגן אָן יעדער מעטאָדע, געהאַקט זיך מיט די פיס, מיט די הענט, געביסן זיך...

סאַשע—דער ברישער, דיקער יונגערמאַן—האָט געזיגט. ער איז געלעגן אויף פּרויקען און נאָר געוואַרט, אַז יענער זאָל זיך אונטערגעבן, און ווי נאָר אַ ריר—כאַפּט פּרויקע פרישע קלעפּ.

דערנאָך האָט זיך סאַשע אויפגעהויבן. פּרויקע איז געבליבן ליגן אויף דר'ערד אַ צובייזלטער. אַ שטיק פעלד איז פון זייער

געשלעג צוגעקערט געוואָרן.—סאַשע האָט גערעדט בייז און אויפ־גערעגט:

—אָנשיקן אויף איינעם דריי מיט שטעקנס, אָנשיקן אויף איינעם דריי, דאָס איז אַ נידערטרעכטיקייט און אָט האָב איך באַצאָלט...

פרויקע האָט געשוויגן. דאָס גאַנצע געשעעניש איז פאָרגע־קומען אַזוי אומגעריכט און קלעפּ האָט ער באַקומען נישט קיין קליינע. ער האָט געשוויגן, ווי יעדער שולדיקער פחדן און סאַשע האָט זיך לאַנגזאַם גענומען גיין צוריק און איז אַוועק פון מסטי־בעווע אַ באַרויקטער, אַוועק צוריק אין וואַלד, ווו ער האָט קיי־נעם פון דער געשיכטע אַ וואָרט נישט דערציילט.

אין דעם זעלבן אָוונט איז איסר אַוועקגעפאָרן. די מומע ניכע איז ווידער שטאַרק אומרויק געווען און צילקע מיט סאַשען האָבן אָנגעצונדן אַ שייטער אין וואַלד און געזעסן ביים פייער. שפּעטער איז געקומען דער וואַלד־וועכטער, ער האָט זיך געבייזערט, וואָס מען לייגט אָן פייער אין וואַלד. נאָר ווען ער האָט געזען, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט לוריעס זונדל, האָט ער אַראָפּ־גענומען דאָס היטל און זיך אַוועקגעזעצט רעדן וועגן וועלדער, וועגן פריצים און וועגן יאַגד...

און אין רעדן האָט ער אַליין, שוין דער וועכטער פון וואַלד, צוגעוואָרפן טרוקענע צווייגן...

V

צילקע דערוויסט זיך...

פרויקע האָט פאַרשוויגן די גאַנצע געשיכטע און קיינער האָט אין שטעטל נישט געוווסט זיין מפּלה, און ער אַליין האָט נישט שטאַרק געליטן, וואָס דער יונגער לוריע האָט אים אָנגעבראָכן די ביינער.

דאָס איז דאָך פּאָרט לוריע. ווען אים, פּרויקען, וואָלט אַ צווייטער אָנגעשלאָגן, אַזאַ איינער פון זיין גלייכן, דעמלט וואָלט ער אַ סך מער געליטן און ער וואָלט עס נישט פאַרשוויגן.

נאָר אין אַלגעמיין איז אין פּרויקען פאָרגעקומען אַ גרויסע איבערקערעניש. ער איז געוואָרן רויקער, פון צייט צו צייט פלעגט ער נאָך מאַכן אַ געזונטן שנאַפּס, אַ הוליע טאָן... ער האָט אָבער אויפגעהערט זיך נאָכצוּיאָגן נאָך יעדער שיקסע, האָט אויפגעהערט אָפּצולאַכן פון אַלעמען און האָט שטאַרק גענומען העלפן דעם טאַטן אין זיינע געשעפטן, האָט איבערגעשריבן זיינע פּאַפּירן און געפּאָלגט אַלץ, וואָס דער אַלטער באַראַש האָט געהייסן.

אַ סך מאָל האָט מען אים געזען זיצן פאַרן הויז אָן אָפּגעזונדערטן. שווייגנדיק איז ער געזעסן מיטן פּאַפּיראָס אין מויל

און האָט געטראַכט, געטראַכט...

אָט דאָרטן, דריי וויאָרסט פון דאַנעט, אין לוריעס וואַלד...

אָט דאָרטן... אַ באָרוועסע לויפט זי אַרום אין אַ לייכט קליידל...

און דער לוריע, וואָס האָט זיך מיט אים געשלאָגן קוקט אויף אירע נאַקעטע פיס, אויף איר אָפּגעדעקטן האַלדז. זיי בלייבן אַליין גאַנצע שעה׳ן און קיינער זאָגט זיי אַ וואָרט נישט... ער איז דאָך לוריעס זון, דעם גבירס זון, דער געבילדעטער, דער „אויסלענדער״.

כעס מיט ווייטיק האָבן אים געפּייניקט. ער האָט געשוויגן און געריי בערט, דער פּרויקע, און געקוקט אויף זיינע שטיוועלעך, וואָס גלאַנצן שוין היינט נישט אַזוי ווי אַמאָל. עפּעס איז ער צו אַלץ גלייכגילטיק געוואָרן, צו דער גאַנצער וועלט מיט אַלע מיידלעך.

און די מיידלעך אין מסטיבאָווע האָבן דערפילט, אַז זייער „שמשון״ איז אויס העלד געוואָרן, מען האָט גענומען לאַכן און שפּאַסן אין די ווינקעלעך און אַמאָל אויך אין די אויגן:

—פּרויקע, דו ביזט פאַרליבט...

—פּרויקע, צילקע איז אַ ווויל מיידל. נאָר גראָדנע געפעלט איר בעסער, ווי מסטיבאָווע, אמת?

ער פלעגט ביז אָפּענטפערן און זיך אַוועקלאָזן שפּילן אין קאָרטן.—מיטן שרייבערל פון דער גמינע, מיטן בעקערס זון. געשפּילט האָט מען איצט, אין זומער-צייט, אין די קאָרן אונטערן שטעטל. ווו-נישט-ווו האָט מען שוין די קאָרן אַראָפּגענומען. אין אַנדערע ערטער האָט מען זיך איצט ערשט גענומען צו דער אַרבעט—און דאָ ליגן זיך אין שאָטן פון אַ בוים עטלעכע ליידיקגייערס און מען שפּילט לאַנגע שעה׳ן.

פּרויקע פלעגט כמעט שטענדיק געווינען, נאָר גייענדיק צוריק פלעגט ער זיך איצט אָפּטיילן פון זיינע חברים, און קעשענע קלינגען די געוווּנענע מטבעות, נאָר עס פרייט אים נישט ווי אַמאָל. עס נאָגט און עס נאָגט אינעווייניק — ער בענקט נאָך צילקען.

און יענע וויל אפילו נישט רעדן מיט אים.

אין וואַלד דאָרטן, ביי זיי, נישט ווייט פון איסרס שטוב, האָט זיך איצט באַזעצט אַ ציגיינערישע משפחה. אַ מאַן צען דערוואַקסענע מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע יונגע ציגיינערלעך, וואָס לויפן אַרום נאַקעטע אין וואַלד ווי חיהלעך...

זיי לעבן אין וואַלד אונטער די ביימער. אויף דר׳ערד זענען אויסגעשפּרייט גרויסע פּלאַכטעס פון לייוונט. דאָ שטייען צוויי פורן מיט אויסגעשפּאַנטע פערד, עטלעכע הינט ליגן און שווייגן לעם די פורן, ווו עס זענען אָנגעוואָרפן מעשענע קעסעלעך, קווערט, עמער און עפּעס צופליקטע משונהדיקע בגדים פון אַלטן סאַמעט.

איין ציגיינערין זייגט אַ קינד. זי דעקט אינגאַנצן אָפּ אירע בריסט און פון וואַלדס שאָטן זעט איר לייב נאָך טונקעלער אויס, מאַטער...

צילקע קוקט מער אויף איר, אויף דער מוטער-ציגיינערין. אַ מאָדנע בייגעריקייט האָט זי צו איר. און דאָס קליינע ציגיינערל האַלט פאַרמאַכט די אויגן און זייגט, זייגט...

די עלטערע ציגיינער שנאָרכן און בלאָנדזשען ערגעץ אַרום אין דער געגנט, איבער די דערפער. די קליינע נאַקעטע יאַטלעך פליען אַרום איבערן וואַלד, טאַנצן אין טייכל און באַלד-באַלד, דאַכט זיך, וועלן זיי נעמען קלעטערן ווי די וועווריקעס אויף די ביימער...

פאַר צילקען איז עס אַ פרייד, וואָס די ציגיינער זענען געקומען אין איינזאַמען וואַלד, ווייל סאַשע איז שוין עטלעכע טעג אין גראָדנע.

פאַרוואָס איז ער אַוועקגעפאָרן?

זי ווייסט נישט, זי פאַרשטייט אים נישט.

אָט קומט ער מיטאַמאָל צופאָרן און רעדט צו איר די בעסטע רייד, דערציילט פאַר איר אַ סך זאַכן, וואָס נישט אַלץ פאַרשטייט זי.

און מיטאַמאָל ווערט ער שווייגנדיק, ווי גאָר אַ פרעמדער, ווי גאָר אַ פרעמדער און אַנטלויפט פון וואַלד.

פאַרוואָס?

אודאי ווערט אים דאָ לאַנגווײליק, אָדער ער האָט דאָרטן אין שטאָט אַנדערע מענטשן, צו װעלכע עס ציט אים.

צילקע איז איצט גאַנצענע טעג פאַרנומען מיט די ציגײנער און מיט די ציגײנערלעך, כאָטש די מומע בײזערט זיך, — מען טאָר מיט זײ נישט האָבן צו טון; זײ עסן טאַבאַק און זײ זענען מכשפים—מען דאַרף זיך היטן פאַר זײ.

מען האָט מורא געהאַט, זײ זאָלן נישט באַגנבענען. איז שלמה פון „גוראַלניע" געקומען און גענעכטיקט בײ איסרן אין שטוב, דער שאָסײ-װעכטער האָט אױך געהאַלטן אױג אױף די ציגײנער.

באַנאַכט איז דער װאַלד געװען באַלױכטן פון דעם ציגײנערישן שײטער. זײ האָבן געקאָכט עסן און געריײבערט ליולקעס אַרום פײער.

שװאַרצבערדיקע מענטשן מיט קאָלטאַנעװאַטע האָר, האָבן זײ גערעדט אױף זײער האַרט פרעמד לשון, אָפט האָבן זײ געזונגען אַלע אין כאָר. נאָר אײנער דער עלטערער, אַ בלינדער אױף אײן אױג, „קאַראַהאָ"—האָט ער געהײסן, װאָס אױף ציגײנעריש באַטײט עס: בלינדער—ער האָט שטענדיק געשריגן. און אױסגעדוכט האָט זיך, אַז ער װײסט אַ סך שרעקלעכע סודות.

צילקע פלעגט צוקומען, רעדן מיט זײ און מיט נײגעריקע גרױסע אױגן געפאָרשט די „ברואים", װי די מומע פלעגט זײ רופן.

פון מסטיבאָװע און פון די נאָענטסטע פאָלװאַרקן פלעגן קומען מײדלעך מיט בחורים, קוקן אױף די ציגײנער און „לײגן קאָרטן."

פרױקע איז אױך געקומען פון מסטיבאָװע, ער האָט זיך גאַנץ גיך אױפגעחברט מיט דער גאַנצער באַנדע, געטרונקען מיט זײ און געשפּילט אין קאָרטן. אײנמאָל האָט ער זיך געלאָזט אין טאַנץ מיט אַ יונגער ציגײנערין. יענע האָט געטראָגן עטלעכע גערדיכטע שנורן מיט רױטע קרעלן און איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ געפלעקט בלומען-קלײד, װאָס האָט זיך געשלעפּט ביז דר'ערד.

זי האָט געהאַט אַ רונדלעך טונקל פּנים מיט גרויסע גרינע אויגן, ווי צוויי נישט צייטיקע וואַלד-עפּעלעך. דער האַלדז האָט אויסגעזען ווי מיט סמאָלע אָנגעשמירט — אַזוי שוואַרץ און גלאַנציק איז ער געווען. אַ שטייפע שלאַנקע פיגור, האָט זי איינמאָל אַרומגעכאַפּט דעם בחור פון מסטיבאָווע און אַוועק מיט אים טאַנצן, האָט עפּעס געשריגן צו אירע חברים און יענע האָבן אָפּגעענטפערט מיט געשריי, דערביי געלאַכט און גערייכערט.

צילקע איז דאַן צוגעקומען. עס האָט איר עפּעס אַ צי געטון צו די צוויי טאַנצנדיקע מענטשן, זי האָט זיי אין דער רגע מקנא געווען.

איין קאַראַהאָד, צוויי...

און פּרויקע מיט דער ציגיינערין האָבן ביסלעכווייז אַוועקגעטאַנצט פון עולם טיפער, טיפער אין וואַלד-פלאָנטער.

קיינער פון די ציגיינער האָט זיך מיט די צוויי פאַרשווונדענע מער נישט אינטערעסירט. נאָר ביי צילקען האָט דאָס האַרץ שטאַרקער געגומען קלאַפּן פון אַן אומפאַרשטענדלעכער נייגעריקייט. זי האָט כסדר אַריינגעקוקט אין וואַלד אַריין, דאָרט וווּ פּרויקע האָט אַוועקגעטאַנצט, נאָר זי האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען.

דאָס איז געווען פאַרנאַכט און ווען די נאַכט איז שוין געווען אין וואַלד, איז נאָך פּרויקע צוריק מיט דער ציגיינערין נישט געקומען...

צילקע האָט זיך דאַן קיין אָרט נישט געפונען. זי האָט געטראַכט פון פּרויקען, פון דער ציגיינערין. אים, פּרויקען, האָבן אַלע מיידלעך ליב און אַלע לאָזן זיך קושן פון אים — פאַרוואָס איז זי צו אים אַזוי פרעמד געווען און פאַרוואָס טראַכט זי איצט פון אים און עס שוועבט איר אַלץ פאַר די אויגן, ווי ער פאַררייסט דעם קאָפּ און טאַנצט.

די נאַכט האָט זי פאַרבראַכט אומרויק.

עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט. געזען האָט זי, ווי דער וואַלד-וועכטער איז פאַרביי און מיט די פיס צוטרעטן די לעצטע פונקען, וואָס זענען פאַרבליבן, פון דעם

ציגײַנערישן שײַטער, דערבײַ האָט ער געברומט און געשאָלטן.

אויף מאָרגן איז פּרויקע ווידער געקומען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום איסר׳ס שטוב, נאָר ווען ער האָט באַגעגנט צילקען האָט ער זיך געמאַכט, אַז ער איז דאָ גאָר צופעליק.

—פאַרוואָס קומסטו נישט אין מסטיבאָווע?— האָט ער געפרעגט בײַ איר.

צילקע איז בייז געוואָרן און געענטפערט:

—גיי, גיי צו דײַן ציגײַנערין,—און אַליין איז זי געגאַנגען זוכן דער מומע ניכע.

פּרויקע איז געבליבן שטיין אַ רגע פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער אַ פײַף געטון, אַ זיגערישן פײַף...

כאַ, כאַ, כאַ, עס פאַרדריסט זי. דאָס איז גוט.

און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער חברה ציגײַנער, וועלכע האָבן געבלאָנדזשעט און געזוכט יאַגדעס אין וואַלד.

נאָכמיטאָג. צילקע האָט געבענקט נאָך סאַשען און דאָס, וואָס פּרויקע פּלאָנטערט זיך דאָ אין וואַלד מיט דער ציגײַנערין האָט איר אומרויק געמאַכט. דער טאַטע איז הײַנט געקומען אויף עטלעכע שעה און באַלד צוריק אַוועקגעפאָרן. די מומע איז פון שטוב נישט אַרויס—געהיט האָט זי זיך פון די ציגײַנער.

צילקען איז עפּעס לאַנגווײַליק שווער און זי האָט זיך געקליבן צוגיין קיין פּרודנע.

עס איז שוין געווען אין שפּעטן זומער. אין וואַלד זענען צוגעקומען אַ סך נײַע טענער פון די אונטערגעוואַקסענע פייגל, די יונגע טענער האָבן זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון די אַלטע. נאָר דער וואַלד האָט כּסדר געזונגען. עס האָבן זיך געהערט לאַנגע און קורצע קלאַנגען פון די פייגל, האַלבע קלאַנגען. זינגענדיקע מינוטן און סעקונדן, רגע׳ס פריילעכע און פאַרבענקטע. עס האָט אויסגעדוכט, אַז איין פויגל רופט וועמען און אַן אַנדער פויגל שטראָפט וועמען מיט זײַן קלאַנג... און דאָ האָט אַ גריל אין אַ טונקעלן וואַלד-ווינקל געמיינט, אַז עס איז שוין אָוונט און ער האָט זיך גענומען זעגן די לופט און באַלד איבערגעריסן — עס ביז נאָך טאָג.

צילקע איז געגאַנגען קיין פּרודנע. זי איז שוין אַריבער דעם שאָסיי, האָט אַ קוק געגעבן אויף זיינע צוויי ווייסע אומ-ענדלעכקייטן אויף רעכטס און לינקס און איז ווידער אַריין אין וואַלד. פּלוצלונג האָט זי דערזען אַ פּאָר נאַקעטע פיס און באַלד נאָך אַ פּאָר פיס אין שטיוול...

פּרויקע און די ציגיינערין...

זיי זענען געלעגן נאָענט איינער צום צווייטן. דער ציגיינערינס האָר זענען געווען צוואָרפּן, די גרינע אויגן האָבן זיך צוגעשטעלט אויף צילקען מיט אַזאַ שפּאָסיקער בייזקייט... פּרויקע האָט גענומען פייפן.

זיין שוואַרצע בלוזע איז געווען פונאַנדערגעשפּיליעט און אַ שטיק פּאַרוואַקסן לייב האָט אַרויסגעקוקט. האָט ער באַמערקט, אַז צילקע פאַרקירעוועט האַסטיק אָן דער זייט און גייט אַוועק, איז ער אויפגעשפּרונגען און זי גענומען נאָכיאָגן...

—צילקע! — האָט ער אַ געשריי געטון.

זי איז געבליבן שטיין.

—וואָס ווילסטו?

אויסגעדולט האָט זיך איר, אַז פּרויקע איז שיכור און זי איז שוין גרייט געווען זיך צו פאַרטיידיקן. זי, אַ באָרוועס מיידל, די „קאָזקע", ווי אַלע פלעגן איר רופן.

זי האָט געהאַט אַ פּאָר שטאַרקע הענט און זאָל ער נאָר פּרוּוון, דער פּרויקע.

—וואָס ווילסטו?—האָט זי נאָכאַמאָל געפרעגט און געוווּנדערט האָט זי זיך אַליין אויף דעם: זי האָט איצט געוואַרט אויף אַן ענטפער, געוואָלט עפּעס הערן פון אים.

און פּרויקע האָט געוואָלט דערציילן מיט איין געשריי... אַלצדינג אויסזאָגן, אַלע זיינע טרויערן, אַז דאָס לעבן האָט אים דערעסן אָן צילקען. זאָל זי נאָר זאָגן איין וואָרט, וועט ער אַ שפּיי טון אויף דער ציגיינערין און אויף אַלעמען. נאָר אָנשטאָט דאָס אַלץ האָט ער אַרויסגערעדט איין פראַזע:

—דער לוריע, דער אויסלענדער, וועט דיר בלויז דעם קאָפּ פאַרדרייען, ער וועט דיך אומגליקלעך מאַכן...

אין דער רגע האָט די ציגיינערין זיך אויפגעהויבן פֿאָרט, צוגעלאָפֿן צו פּרויקען און אים דערלאַנגט אַ צי - זיך, זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און שוין נישט אָפּגעלאָזט...

צילקע האָט זיך דערווייל אָפּגערוקט ווייטער, שפּעטער האָט זי זיך אומגעקוקט: דער ציגיינערינס הענט האָבן זיך געפֿלאָכטן אַרום פּרויקען, דערנאָך האָט ער אויך זיינע הענט אויסגעשטרעקט און זי צוגעפֿאַלן קושן...

זי איז געגאַנגען, געוואָלט האָט זי טראַכטן פֿון סאַשען... יאָ, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט ער קומען און וועט בלייבן אויף עטלעכע טעג, ער וועט...

אָבער אין דעמדאָזיקן טראַכטן דערזעט זי מיטאַמאָל צוויי פּאָר אויגן אויף זיך. דער ציגיינערינס אויגן און פּרויקעס.

פּרויקעס אויגן... „ער וועט דיר בלויז דעם קאָפּ פֿאַרדרייען, דער אויסלענדער". צוליב וואָס האָט ער איר דאָס געזאָגט?

זי טרייבט אַוועק די געדאַנקען און שוין לעם פּרודנע, דוכט זיך איר ווידער אויס, אַז זי זעט זיי ביידע ליגן צוזאַמען און זיי פֿלעכטן זיך צונויף מיט זייערע הענט.

צוטומלט עס איר און דאָס האַרץ קלאַפּט...

זי איז געקומען קיין פּרודנע.

זי פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אַראָפּקומען אַהער אין פֿאָל-ווארק. זי האָט דאָרט געהאַט חברטעס — דעם פֿאַכטערס טעכטער.

דאָס זענען געווען צוויי געזונטע הויך-וואַקסיקע מיידלעך מיט פֿאַרגרעבטע פּנימער. אויסגעזען האָבן זיי מיט צען יאָר על-טער, ווי אין דער אמתן. שטענדיק אַביסל פֿאַרשלעפּערט, די קליידער פֿלעגן אויף זיי הענגען אָן אַן אָרדנונג. זיי פֿלעגן אַ סך אַרבעטן, נאָר אַלץ לאַנגזאַם און פֿויל, פֿאַרשלאָפֿענערהייט...

און צילקע?

צילקע, וואָס קומט צו די „פֿאַרשלאָפֿענע מיידן" — אַזוי פֿלעגט מען זיי רופֿן, צילקע האָט געזוכט מענטשן. פֿון צייט צו צייט באַפֿאַלט איר אַזאַ בענקשאַפֿט: אַנטלויפֿן צו וועמען, הערן אַ פֿרעמד קול, אַ פֿרעמד לאַכן.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז געווען אַזוי צוגע-

בונדן צום איינזאַמען וואַלד, אַזוי איינגעלעבט מיט דער שטיל־קייט, דאָך פלעגט זי ליבן קיין מסטיבאָווע, אָדער קיין פּרודנע.

זי האָט עס אַזוי איינגעטיילט:

ווינטער פלעגט זי גיין קיין מסטיבאָווע, ווו מען פליקט גאַנצע טעג און נעכט פעדערן. זומער—קיין פּרודנע.

ביים פאַכטער איז געווען אַ גרויסע שטוב מיט אַ סך פענס־טער. זומער זענען אַלע פענסטער געווען אָפן און טויזנטער פליגן האָבן באַלאַגערט יעדעס ברעקל שפּייז. אויף די אויסגעקאַלכטע ווענט זענען געהאָנגען עטלעכע אַמעריקאַנער פאָטאָגראַפיעס און צוויי זעקלעך מיט תפילין. שטענדיק איז די שטוב ליידיק געווען. טיר און פענסטער—אָפן. אַלע פון דער משפחה האָבן ערגעץ גע־אַרבעט. דער פאַכטער מיטן זון פלעגן פירן אין שטאָט אַריין די „פאַרשלאָפענע מיידן" מיט דער פאַרשלאָפענער מאַמע, האָבן געוואַשן די קאַנען פון מילך, שטענדיק זענען זיי פאַרנומען און פאַרשמייעט געווען.

אַביסל ווייטער פון פאַכטערס הויז איז געשטאַנען אַ צווייט הויז מיט געפאַרבטע לאָדנס און מיט ברוינע גזימסלעך איבער די פענסטער. אין דעמדאָזיקן הויז האָט געלעבט דער אַרענדאַר פון גאַנצן פאָלוואַרק, אַ קריסט, אַ בייזער מיט שפּיציקע וואָנסן, מיט קליינע בייזע אייגעלעך. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט צוויי גרויסע הינט און שטענדיק האָט מען אים געהערט שרייען אין דעם אָדער יענעם ווינקל פון „הויף".

דאָרט איז אויך געווען אַ גרויסער סאָד, אַ גערטנער און נאָך מענטשן.

פאַר צילקען פון דעם ליידיקן וואַלד איז דאָ געווען אַ סך צו זען און צו הערן. דערפאַר טאַקע פלעגט זי דאָ אָפט אַראָפּ־קומען.

אין די צוויי „פאַרשלאָפענע מיידן" פלעגט זיך דאָך אַמאָל אויפכאַפּן אַ פונק פון יונג-לעבן און דערצו נאָך מיט דער שטי־פערישער צילקעס אינאיינעם.

זיי פלעגן אָנדערציילען צילקען זאַכן, וואָס קומען פאָר אין מסטיבאָווע און אין גראָדנע—פון דער גרויסער גראָדנע פלעגן

זיי רעדען.

אָפּט אַרויסגעגאַנגען מיט איר אין פעלד. זומער—נאָנטע און ווייטע קאָרן-שטרעקעס, און אין די קאָרן-פעלדער אַרום זיי שוואַרצלען זיך קליינע און גרויסע וועלדער, ווי טונקעלע שיפן אויפן באַשטראַלטן ים.

ווי צוימען, ווי שוואַרצע פּאַלאַצן זעען אויס די וועלדער.

יונגע שקצים גייען פאַרביי און וואַרפן ווערטלעך צו די דריי פרויען, וויצלען זיך און לאַכן.

און איינמאָל, אָנהייב זומער — צילקע געדענקט עס גוט: איינע פון דעם פאַכטערס טאָכטער האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיי און האָט זיך באַהאַלטן אין די קאָרן. צילקע האָט געהערט אַ לאַכן פונם קאָרן, זי האָט אויפגעציטערט, געשוויגן און גאָרנישט געפרעגט ביי דער צווייטער שוועסטער... און נישט פאַרשטאַנען האָט זי דאָס, וואָס זי האָט שוין יאָ קוים פאַרשטאַנען. עפּעס איז נאָך געבליבן אַזוינס, וואָס זי ווייסט נישט.

פאַרוואָס וואַרפט זיך פרויקע באַראַש מיט אַזאַ ווילדקייט קושן אַלע מיידלעך? פאַרוואָס פאַרשעמען זיך די מיידלעך בעת מען קושט זיי?

די דאָזיקע שקצים פון די פרודנער פעלדער...

זיי קוקן מיט אַזאַ נייגעריקייט אויף די מיידלשע באָר-וועסע פיס... פאַרוואָס?

און זי, צילקע אַליין, ווען זי האָט געהערט, ווי דעם פאַכטערס טאָכטער לאַכט אין די קאָרן, האָט אויפגעציטערט ביי איר דער גאַנצער קערפּער און דאָס בלוט נעמט בריען אין די אָדערן.

זי שפּרייזט אויף דער אָנגעוואַרעמטער ערד, זי גייט אינ-איינעם מיט דער צווייטער „פאַרשלאָפענער מויד", יענע בייגט זיך צו די קאָרן, רייסט אַ בלימל און וויל גאָרנישט רעדן.

צוויי פרויען שווייגן איינע צו דער צווייטער, בעת די דריטע לאַכט דאָרט אין די קאָרן מיט דעם יונגן פויער...

איצט איז צילקע ווידער אין פרודנע.

זי איז צוגעקומען צו דער שטוב און האָט געהערט ווילדע

געשרייען פון אינעווייניק. האָט זי צרייגעקוקט אין פענסטער און געזען האָט זי דאָרט אַזאַ בילד: דער פּאַכטער מיט דעם גראָבן ווייב זיינס, דעם פּאַכטערס זון, אַלע אינאיינעם האָבן גע־שלאָגן די „פאַרשלאָפענע מויד", וועלכע האָט זיך דאַן אין יענעם טאָג באַהאַלטן מיט דעם יונגן פויער אין די קאָרן.

די קליידער אויף איר זענען געווען צופליקט, דאָס לייב צובלוטיקט, די האָר צוואָרפן, זי איז געשטאַנען אַנטקייגן זיי אַ גרויסע, אַן אומגעלומפּערטע מיט אַזעלכע מידע אויגן און מידע באַוועגונגען, פונקט ווי זי וואָלט וועלן שלאָפן.

און טאַטע־מאַמע מיט ברודער האָבן געשלאָגן און געשאָלטן:

אַ ממזר וועט זי אונז ברענגען, אַ ממזר.

די צווייטע טאָכטער האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער שטובּ; צילקע איז צו איר צוגעגאַנגען.

—פאַרוואָס שלאָגט מען דיין שוועסטער?

—פאַרוואָס? דו פאַרשטייסט נישט, זי וועט געבוירן אַ קינד...

—אַ קינד... זי וועט געבוירן אַ קינד, דערפאַר שלאָגט מען זי? און אַז איך וועל געבוירן אַ קינד וועט מען מיך אויך שלאָגן?

—אַי, נאַר...—האָט זיך געבייזערט די צווייטע „פאַרשלאָפענע מויד".

—אָבער דערצייל מיר, פאַרוואָס שלאָגט מען דיין שוועסטער?

—דאָס וועט דאָך זיין אַ ממזר. דו גערענקסט אָנפאַנג זו־מער אין די קאָרן, איז זי מיטן כלאָפּ... דו געדענקסט, ווי זי האָט געלאַכט?

צילקע האָט גאַנץ גוט געדענקט, נאָר געגוי האָט זי אַלץ נישט פאַרשטאַנען. און פון שטוב האָבן זיך נאָך אַלץ געהערט די געשרייען, ווי שיכורע האָבן זיי דאָרט געליאַרמט. זי איז פון דעם אַלעם צוטומלט און דערשראָקן געוואָרן.

אין וואַלד, צוריק אין וואַלד אַריין.

ביימער און שאָטנס פון ביימער, זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין די שאָטנס. שוין באַלד נאַכט, שוין באַלד פינסטער, נאָר זי האָט גוט געוווסט דעם וועג צו איר טאַטנס הויז, יעדער דורכ־גאַנג צווישן די ביימער איז איר גוט באַקאַנט.

נאָר די וועגן צו די מענטשן, צו זייערע טומלעדיקע און לײַדנשאַפטן,—זיי זענען איר אַזוי פרעמד, אַזוי אומבאַקאַנט.

זי האָט געבראַכט פון דעם טאָג אַהיים אַ פול האַרץ מיט פראַגן.

און מיט וועמען רעדט מען, וועמען פרעגט מען?

די מומע ניכע הערט אַלץ אויס און בײַזערט זיך פאַרוואָס צילקע ווערט פאַרפאַלן פון שטוב.

אָבער איצט, אין די שעה'ן פון פאַרנאַכט און נאַכט, טרעט צילקע נישט אָפּ פון דער מומע ניכע.

פאַרוואָס און פאַרוואָס?

פאַרוואָס האָט מען דעם פאַכטערס טאָכטער אַזוי געשלאָגן?

און וואָס איז דאָס אַזוינס „ממזר"?

די מומע ניכע שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ:

—דער פאַכטער מיט זײַנע קינדער...

—זיי לעבן ווייט פון ייִדן, לעבן בלויז מיט די פּויערים און ווערן אַליין ווי פּויערים, ווי די חיות ווערן זיי.

—אָבער מומע ניכע, מיט וואָס האָט דעם פאַכטערס טאָכטער געזינדיקט?

די מומע ניכע קווענקלט זיך און פאַררעדט זיך, דערבײַ שמייכלט זי אַזוי אַלט און גוטמוטיק צו צילקען. און פּלוצלונג ווערט דער שמייכל יונגער, יונגער... כמעט אַ מיידלשער חן גיסט זיך אויס אויף דער מומעס פּנים:

—מען זאָגט אויף דיר, צילקע, אַז דו ביזט אַ קאָזקע און דאָס איז אמת... דו ווייסט נאָך גאָרנישט...

—וואָס ווייס איך נישט?

—דאָס, וואָס אַלע מיידלעך אין דײַנע יאָרן ווייסן שוין יאָ.

—וואָס ווייסן זיי, מומע?

עס איז שוין געווען נאַכט, כאָטש דורכן פענסטער, דורך די ביימער האָט דורכגעקוקט אַ שטיק רויטס, אַן אָפּגלאַנץ פון אַ פאַרשפּעטיקטן וואָלקן-פלאַם און עטלעכע קופּערנע כלים אויף די ווענט האָבן קאַלט מיטגעברענט.

גרילן האָבן געגרילט, ווי עמיצער וואָלט לאַנגזאַם געפּויקט

אויף קלײנע פײקלעך.

די מומע ניכע האָט אין יענעם אָוונט לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק דערצײלט פאַר צילקען פון איר יוגנט, פון איר חתונה.

אײנגעהאַלטן-פרום מיט האַרץ-קלאַפּעניש האָט זי צילקען פאַרטרויט דאָס, „וואָס אַלע מײדלעך אין אירע יאָרן װײסן שױן יאָ." צילקע האָט זיך צו איר צוגעטוליעט, צוגעמאַכט די אויגן און געהערט, װי די מומע רעדט...

פונקט, װי דער אַלטער װאַלד האָט לשון באַקומען און ער זאָגט איר אויס דעם סוד פון לעבן... און צי דען האָט זי עס נישט געװוּסט: נײן! זי האָט עס, דאַכט זיך, יאָ געװוּסט, נאָר זי האָט נישט פאַרשטאַנען, זי האָט עס געפילט, נאָר נישט פאַרשטאַנען.

אַ גליק, װאָס עס איז פינסטער אין שטוב און די מומע זעט נישט, װי צילקע װערט רויט יעדע רגע.

און די מומע דערלאַנגט אָפּט אַ זיפץ, און דער זיפץ באַטײט:

—קינד, קינד! יאָרן גײען, יאָרן לויפן, פון אַזעלכע צילקעס װערן מאַמעס, און פון די מאַמעס װערן באָבעס... יאָרן לויפן...

און זי גלעט איר קאָפּ, אירע האָר, װאָס דער װאַלד-טוי האָט פײכט און שמעקעדיק געמאַכט, זי גלעט און דריקט צו זיך די יתומה פון װאַלד און דערמאָנט זיך, אַז זי איז אַלײן אַמאָל יונג געװען...

די מומע האָט געװאָלט אָנצינדן פײער, האָט זיך צילקע דאַן אַרויסגערוקט פון שטוב, אַװעקגעשטעלט אויפן גאַניק און געקוקט אין װאַלד. די ציגײנער האָבן זיך עסן געקאָכט, נאָר עס האָט איר צום שײטער נישט געצויגן...

—אַזוי גאָר...—האָט זי צו זיך עטלעכע מאָל אַ זאָג געטון. — „איך האָב דאָס אַלץ געװוּסט"—און דער קערפּער אירער גיט אַ צאַפּל... — „איך האָב דאָס נישט געװוּסט"—טראַכט זי װײטער און דערמאָנען דערמאָנט זי זיך איצט אַ סך בילדער פון פאַרגאַנגענע טעג. פון מסטיבאָװער מײדלעך, װאָס פּלעגן אָפּט רעדן אַזעלכע

אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און זיי האָבן געמיינט, די מיידלעך, אַז זי, צילקע, פאַרשטייט עס, זיי האָבן געלאַכט און זי האָט מיט־געלאַכט אַ סך מאָל, כאָטש זי האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס און פון וואָס מען לאַכט...

דערפאַר האָט זיך דאָס דעמלט די „פאַרשלאָפענע מויד" באַהאַלטן אין די קאָרן...

און פרויקע מיט דער ציגיינערין הייגט אין דער פרײ!

און דאָס, וואָס סאַשע קושט זי אָפט, דאָס פּנים, דעם האַלדז, דעם קאַרק... אַך, זאָל ער נאָר קומען, זי וועט אים אויך קושן, זי וועט אים אַ סך קושן.

דערשרעקט זי זיך פאַר דעם געדאַנק: „אפשר טאָר מען נישט" און זי גייט אַוועק שלאָפן פול מיט זיסער אומרויקייט. אין שלאָף יאָגט זי ווער אויפן פעלד אין די קאָרן. זי אַנטלויפט און וויל שטאַרק, אַז יענער זאָל זי כאַפּן—דאָס איז דאָך פרויקע מיט די שטיוועלעך, מיט דעם שוואַרצן העמדל. זי לויפט און לאַכט... לויפט און לאַכט...

איר לויפן האָט קיינער נישט געזען, נאָר איר לאַכן אין שלאָף האָט די מומע דערהערט און זי איז צוגעלאָפן צו איר געלעגער:

—צילקע, וואָס איז מיט דיר, וואָס לאַכסטו?

כאַפּט זי זיך אויף פון שלאָף און נעמט זידלען פרויקען.

—וואָס פרויקע, ווו פרויקע, מיינע שונאים...

—די מומע שפייט דריי מאָל אויס און נעמט עפּעס מור־מלען.

שפּעטער שלאָפן די פרויען ווידער איין. אויפן גאַניק שלאָפט שלמה פון גוראַלניע, ער היט די שטוב פאַר די ציגיינער. דער וואַלד שלאָפט, די גאַנצע וועלט שלאָפט, און אַז דאָס ווינ־טעלע האָט חשק, גיט עס אַ טרייסל די סכך־צווייגן, — צוקושן זיי זיך און שלאָפן ווידער איין.

אַ גרויסע שטילקייט האָט זיך צולייגט אין וואַלד און אויבן עמיצער זיפצט אין אַזאַ רויקער נאַכט אין וואַלד איז דאָס די שטילקייט אַליין...

פריער פאַר דער מומע גיכע האָט זיך צילקע אויפגעכאַפּט, האָט זי אַ קוק געטון אויף דער מומעס בעט, אויף דער מומעס אַלטן פּנים און אויף איר גראָען קאָפּ — עפּעס אַ טיפן רחמנות האָט זי דערפילט צו דער אַלטער: „זי, די מומע, וועט זיך שוין מיט קיינעם מער נישט קושן, זי האָט שוין אָפּגעלעבט".

פּאַרזיכטיק האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב, אַרויס אויפן גאַניק. שלמה'ס געלעגער איז שוין געווען ליידיק, שלמה אַליין אין שוין אודאי אַוועק אין גוראַלניע...

האָט זי גענומען זוכן מיט די אויגן די ציגיינערישע יאַט-לעך, וואָס פלעגן שטענדיק אין דער צייט שוין אַרומלויפן אין וואַלד און טומלען. קיינער איז אָבער נישטאָ, קיינער נישט...

איז זי אַראָפּגעלאָפן פון גאַניקל, אַ קוק געטון אין וואַלד אויף רעכטס, אויף לינקס... פּוסט, ליידיק. דאָרט ווו די ציגיי-נער האָבן זיך אויפגעהאַלטן איז איצט געווען אַ ליידיקער פּלאַץ מיט שוואַרצע אויסגעברענטע פלעקן אויף דער ערד. עס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט עטלעכע קעפּלעך פון געשאַכטענע עופות, אַ שטריקל, אַן אָפּגעריסענער אַרבל פון אַן אַלטן בגד... און מער גאָרנישט.

צילקען איז אויף אַ רגע זייער אומעטיק געוואָרן — אַלץ, וואָס גייט אַוועק און פאַרשווינדט פון די אויגן; אַלץ, וואָס איז געכטן געווען און היינט איז עס שוין נישטאָ — לאָזט איבער אַ פּיינלעכע בענקשאַפט אין איר נשמה...

נישטאָ שוין די ציגיינער — אומעטיק אין וואַלד. עס זענען בלויז געבליבן די זעלבע סטיעזשקעס צווישן די ביימער, די איי-ביקע גרינקייט פון די נאָדלען און דאָס טייכל...

דאָס טייכל...

שטענדיק האָט עס איין שפּראַך, אייביק לויפט עס מיט דעם זעלבן וועג און טראָגט אויף זייערע געהויקערטע פּלייעס די שאָ-טנס פון די הויכע סאָסנעס און ווייל זיך נישט אָפּשטעלן אויף איין רגע און אויספרעגן ביי אַזאַ צילקען, וועלכע שטייט איצט ביים ברעג מיטן פינגער אין מויל, ווי אַ יונג מיידעלע...

— צילקע, פון וואָס טראַכסטו?

קיין איין בוים, קיין איין פויגל—קיינער פרעגט נישט ביי צילקען, פון וואָס זי טרוימט און טרויערט, און פאַרוואָס זי שעמט זיך איצט אַריינצוגיין אין שטוב און קוקן דער מומען אין די אויגן...

נעכטן באַנאַכט האָט די מומע איר פּאָרטרויט מאָרגנע זאָגן...

כאַ, כאַ, כאַ...

און עס דאַכט זיך איר אויס, אַז נישט נעכטן אין אָוונט האָט עס איר די מומע פּאָרטרויט, נאָר שוין לאַנג-לאַנג מיט יאָרן צוריק און צילקע האָט זיך געהאַט פאַרגעסן. איצט האָט זי זיך דערמאָנט... איצט.

—צילקע!

דאָס רופט זי די מומע, מ׳באַדאַרף אַרבעטן, היינט וועט אוראי קומען דער טאַטע.

אַרבעטן זיי ביידע שווייגנדיק, רוימען אויף אין יעדן ווינקעלע, די בעטן זענען שוין פאַרבעט און פאַרפּוצט מיט ווייסע קישנס, ליכטיק-ציכטיק, עסן זיי אָפּ און די מומע נעמט דעם קאָשיק און גייט שוין קיין מסטיבאָווע.

פאַרן אָוועקגיין פאַרריכט זי זיך דאָס שייטל און קוקט אפילו נישט אין שפּיגל אַריין. פאַרן אָוועקגיין גייט זי צו צו צילקען און גלעט איר עטלעכע מאָל איבערן קאָפּ.

און אַז די מומע גייט אַרויס פון שטוב נעמט צילקע ווייַנען. אָן אַ פאַרוואָס, אָן ווייטיק וויינט זי און עס ווערט איר אַזוי גוט אויפן האַרצן, נאָכדעם. ווי די טרערן הערן אויף צו פאַלן.

אַליין איז זי איצט, צילקע, אין גרויסן וואַלד, די פענסטער זענען אָפן און די גרינקייט פון די נאָדלען און דאָס גאָלד פון די סאָסנעס מאַכן פול די שטוב מיט וואַלד, מיט רויקן וואַלד.

זי זעצט זיך אָוועק ביים פענסטער, קוקט אויף די עופות, וואָס קריכן דאָ אייניציקווייז און זוכן זיך שפּייז, קוקט אויף דעם און אויף יענעם בוים, — וועלכער פון זיי האָט מער צווייגן.

פלוצלונג נעמט זי אינערלעך שמייכלען און דער שמייכל צולייגט זיך לאַנגזאַם אויף איר געזיכט, אויף די ליפּן, אין די

אויגן... דער שמייכל ציט זיך צו יעדן בוים, צום גאַנצן וואַלד און עס ענדיקט זיך מיט אַ קורצן קלינגענדיקן „כאַ, כאַ, כאַ“.

פון וואָס? פאַרוואָס? פון וועמען האָט צילקע איצט געלאַכט? דער וואַלד ווייסט נישט, און דער וואַלד פרעגט נישט.

די זון שווימט דערווייל איבער דער וועלט. אַמאָל פאַלט אַריין אין וואַלד אַ גאַנצער ים מיט ליכט און דעמלט קלינגען העכער די פייגלשע טענער. די שטראַלן מיט די קלאַנגען מישן זיך אויס אינאיינעם און עס קלינגט זילבערדיק יעדער טאָן, יעדער טרעל. רוקט זיך די זון ערגעץ אַוועק און שאָטן לייגט זיך אויס אויף אַלע ביימער, אויף אַלע שטעגן און אין דעם פאַרשאָטנטן וואַלד גייט דורך אַ לייכט קיל-וואַרעם ווינטל. אַלץ ווערט דעמלט איינגעהאַלטענער. מען טרויערט נישט אין וואַלד. דער פייגל-כאָר שווייגט נישט, נאָר מען פרייט זיך נישט ביז די זון נעמט ווידער שיטן ליכט אויף פאַרשידענע שטיקער וואַלד, זילבערנע שלאַנגען וויקלען זיך אויף די ביימער, און אויף אַלע שפּיצן פון די נאָדלען בליצט אַן אָנגעצונדענער דימענט... און דעמלט דערהערן זיך אַלץ מער נייע טענער, אַזעלכע קלאַנגען, וואָס רעדן זיך צונויף בלויז מיט די שטראַלן, בלויז מיט דער ווייט-הויכער בלאָקייט, וואָס פליסט אַזוי רויק פאַר אַלעמען, פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר קיינעם נישט...

צילקע איז לאַנג אַזוי געזעסן און געטראַכט. זי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס סאַשע איז נאָך נישטאָ...

סאַשע...

וואָס איז ער פאַר אַ מענטש? און צי איז דאָס אמת, וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אויב זי, צילקע, וועט וועלן וועט ער מיט איר חתונה האָבן. בלויז איינמאָל האָט ער דאָס געזאָגט, נאָר זי געדענקט עס גוט. נו, און אויב יאָ, אויב זי וועט וועלן און אויב ער וועט יאָ מיט איר חתונה האָבן, ווו וועלן זיי דעמלט לעבן: דאָ אין וואַלד אָדער אין גראָדנע? אין גראָדנע. סאַשע וועט דאָ נישט קענען איינזיצן. נאָר דאָרט אין גראָדנע וועלן זיין אַזויפיל פרעמדע מענטשן און די הייזער מיט די גאַסן — אַלץ וועט איר פרעמד זיין.

זי טראַכט אַזוי פון סאַשען און פּלוצלונג גיט אַ שווּעב
מאַר די אויגן פּרויקע מיט דער ציגיינערין, ווי זיי טאַנצן אַזוי
אַוועק ווייטער און ווייטער אין וואַלד אַריין...

ניין, אין וואַלד זענען שוין די ציגיינער נישטאָ. דער
אוריאַדניק מיט עטלעכע פּויערים זענען צוגעקומען צו איסרס
שטוב און אויסגעפרעגט ביי צילקען:

ווען זענען זיי אַוועקגעפאָרן, די ציגיינער?

וויפל צייט זיי זענען דאָ געווען און וואָס צוגעגנבעט?

ווייל אַרום אין די דערפער און אין די נאָנטע פאָלווארקן האָבן
זיי אָנגעמאַכט אַ חורבן...

ניכע איז געקומען פון מסטיבאָזש, זי האָט זיך היינט זיי-
ער לאַנג געזאַמט דאָרטן אין שטעטל.

פאַרוואָס?

זי דערציילט איצט פאַר צילקען, אַז די באַראַשעס האָבן
פאַרבעטן צו זיך אין שטוב דער מומע ניכע און לאַנג גערעדט
מיט איר. גערעדט האָבן זיי וועגן צילקען טאַקע. אַזאַ מיידל
באַדאַרף שוין חתונה האָבן און ביי זיי איז פאַראַן אַזאַ דער-
וואַקסענער זון...

ער איז טאַקע איצט נאָך צולאָזן, דער פּרויקע, אָבער ער
וועט ווערן אַ מענטש, ער האָט עס אַליין געזאָגט. שוין עטלעכע
מאָל האָט ער גערעדט מיט ניכען, און ניכע האָט שוין גערעדט
וועגן דעם מיט איסרן, איז איסר בייז געוואָרן: „מיט דעם קאָל-
באַסניק״— האָט ער געשריגן — „וועט מיין טאָכטער נישט חתונה
האָבן״.

און צילקע שטעלט זיך אַוועק אינמיטן צימער, ציט זיך
אויס, ווי פון פוילקייט און פאַרשלאָפנקייט און רעדט צו דער
מומען:

—לאָז איצט מיט די חתנים, לאָז צורו דעם פּרויקען, ער
האָט זיך דאָ קנאַפּ אָנגעטאַנצט מיט דער ציגיינערין.

—וווּ האָט ער געטאַנצט? ווען האָט ער געטאַנצט?

זי נעמט דערציילן וועגן אַלץ, וואָס זי האָט געזען אין
וואַלד, וועגן פּרויקען מיט דער ציגיינערין.

אינדעם דערהערן ביידע פרויען, אַז עס פאָרט וועד צו, די מומע שרייט אויס:

—אודאי דער טאַטע...

נאָר צילקע דערקענט די טריט פון לוריעס פערד.

—ניין, דאָס איז סאַשע.—און זי איז שוין אין דרויסן און איר גלעכטער קלינגט שוין פאַרן גאַנצן וואַלד.

—ווי זי האָט זיך דאָס דערפרייט מיט אים, עס וועט נאָך זיין אַן אומגליק, אַן אומגליק וועט זיין...

און סאַשע האָט אָנגעבראַכט צוקערקעס, שאָקאָלאַדקעס מיט ביכלעך. זיי האָבן דאָס אַלץ געלאָזט ליגן אויף דר׳ערד און אַליין זענען זיי אַוועק צום שאָסיי-וועכטער, איוואַן, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיטן פערד.

זיי זענען געגאַנגען געלאַכט און גערעדט. צילקע האָט דערציילט פון די ציגיינער און פון די פרודנער „פאַרשלאָפענע מיידן”, נאָר זי האָט פאַרשוויגן דעם גאַנצן געשפּרעך מיט דער מומען, פאַרשוויגן די חלומות באַנאַכט. פלוצלונג, אָבער, האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און האָט זיך ווידער אַליין, צו זיך, און מער צו קיינעם נישט, פריילעך פאַנאַנדערגעלאַכט...

—וואָס לאַכסטו? — האָט סאַשע געפרעגט.

—איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט.

—וואָס האָסטו זיך דערמאָנט?

—אַז פון די מיידלעך ווערן מאַמעס און פון די מאַמעס ווערן באָבעס...

—וואָס? וואָס פלאַפּלסטו?—האָט סאַשע נייגעריק געפרעגט.

אָן אַן ענטפער האָט צילקע אַ שפּרונג געטון, אַ שפּרונג געטון צו סאַשען און אים געוואָלט אַ קוש געבן, נאָר אָנשטאָט דעם קוש האָט זי אים דערלאַנגט אַ ביס אין האַלדז...

ער האָט איינגעהאַלטן אַ געשריי פון ווייטיק צי פון פרייד.

זי האָט גענומען לויפן, די באָרוועסע, ער האָט זי נאָכגעיאָגט און דערביי האָט ער געטראַכט:

—דער וואַלד, דער וואַלד כאַפּט זיך אויף...

זי איז געלאָפן און די באָרוועסע פיס האָבן איילנדיק געלויכטן

אויף די פאַרשאָטנטע שטעגן פון וואַלד.

זי איז ווייט פון אים אָפּגעלאָפן און פון ווייטן נישט אויפ־געהערט זיך צו רייצן:

—האָסט מיך נישט געכאַפּט...

סאַשע האָט זי מער נישט נאָכגעיאָגט. ער איז געבליבן שטיין, באַטראַכטנדיק צילקען פון דערווייטנס. פאַר דער צייט פון זומער איז זי פיל רייפער און שענער געוואָרן. די העלע האָר האָבן זיך אַביסל פאַרטונקלט, די אויגן זענען טיפער גע־וואָרן, פאַרשנדער. די אויגן... אין שאָטן ווערן זיי פון גראָ — בלאָ און סאַשע האָט אייגנטלעך נישט געוווסט, ווי אָנצורופן אירע אויגן. די פאַרב פון זיי האָט זיך שטענדיק געביטן.

צילקע איז געשטאַנען אַנטקעגן סאַשען, האָט נישט גע־וואָלט צוגיין צו אים. עפּעס מאָדנע האָט זי געקוקט אויף אים.

—וואָס, דו זעסט מיך צום ערשטן מאָל, צילקע?

צילקע האָט געענטפערט:

—אָפּט גיב איך אַ טראַכט פון דעם: וואָס טוט ער דאָ, סאַ־שע, אין וואַלד? ווי קומט ער דאָ? צו וועמען? און ווי לאַנג וועסטו דאָ נאָך קומען?

—וואָס פאַלט דיר איין? דו דאַרפסט פון קיין זאַך נישט קלערן, אָט אַזוי ווי דער וואַלד אַזוי באַדאַרפסטו זיין...

—דער וואַלד קלערט אויך, דער וואַלד זיפצט אָפּט. אפשר אַנדערע הערן דאָס נישט, איך ווייס נישט, אָבער איך... אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז דער וואַלד וויל נעמען רעדן, אויסדערציילן אַ גרויסע בענקשאַפט... און די צווייגן ציען זיך צו וועמען ווי הענט...

סאַשע האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס זי האָט זיך פאַררעדט און איז צוגעשפּרונגען צו איר, אַרומגעכאַפּט און אַ קוש געטון...

צום ערשטן מאָל האָט סאַשע דערפילט, אַז זיין קוש האָט זיך טיף אין איר אָפּגערופן: זי האָט אַ ציטער געטון און צוגע־פאַלן צו אים. זי האָט געאָטעמט אים אין פּנים, און די אויגן האָבן עפּעס געפרעגט און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי גע־

ברענט מיט אַ נײַ בײַז פֿײַערל פֿון אַ ווילד חיהלע.

אַ הוסט האָט זיך נאָנט דערהערט: דאָס איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דער שאָסיי-וועכטער.

—איוואַן!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעהערט דעם באַפֿעל אויסצושפּאַנען דאָס פֿערד. ער איז אַוועקגעגאַנגען פֿאָלגן.

סאַשע מיט צילקען זענען געגאַנגען נאָך אים: ער האָט דערציילט בײַעס פֿון שטאָט. פֿון דערהיים זענען אַלע אַוועק קיין אויסלאַנד. אין שטוב איז ליידיק, בלויז אַן אַלטע דינסט איז דאָרט געבליבן און סאַשע רעכנט דאָ איצט צו ווײַלן אין וואַלד ביז סוף זומער.

זיי זענען געקומען צוריק אַהיים. דאָרט האָבן זיי איצט געפֿונען איסרן, וועלכער האָט שווײַגנדיק געגעסן. צילקע האָט זיך אויפֿריכטיק דערפֿרייט מיטן טאַטן. דער אַלטער איז געווען אויפֿגעלייגט און האָט אַרויסגערעדט עטלעכע איבעריקע ווערטער, נאָר צילקע האָט אָנגעשטעלט אויגן און אויערן בעת זי האָט די דאָזיקע ווערטער דערהערט. דער טאַטע האָט אַזוי געזאָגט:

—איר ווייסט,— ער האָט גערעדט צו אַלעמען,— איר ווייסט, אַז „מיר" האָבן פֿאַרקויפֿט דעם וואַלד.—„מיר" האָט בײַ אים געהייסן די פֿירמע לוריע.—„מיר" האָבן פֿאַרקויפֿט דעם וואַלד און אינגיכן וועט מען אים נעמען אויסהאַקן.

צילקע, איסר און די מומע ניכע וועלן אַוועקגיין פֿון דאַנעט, אַוועקגיין פֿון טײַכל, פֿון שאָסיי-וועכטער, פֿון מסטיבאָווע.

זיי וועלן זיך אַריבערטראָגן קיין סוויסלאָטש, ווו דער אַלטער לוריע האָט אַנדערע וועלדער.

סאַשע איז געשטאַנען בײַ דער טיר, ער האָט זיך אַ ביסל מורא געהאַט פֿאַר דעם שווײַגנדיקן איסר. צילקע איז געווען פֿאַרטרויערט פֿון דעם טאַטנס בשׂורה און סאַשע האָט איר מיטגעפֿילט.

—ר' איסר — האָט ער זיך אָפּגערופֿן,— אַז איך וועל בעטן דעם טאַטן מײַנעם, וועט ער אפֿשר לאָזן דעם וואַלד.

—דער וואַלד איז שוין פֿאַרקויפֿט, עס איז שוין פֿאַרפֿאַלן,— און ער האָט כמעט ווי אַ שמייכל געטון, דער אַלטער איסר. עס

האָט אים אַביסל געוווּנדערט, וואָס סאַשע נעמט זיך אינטערעסירן מיט דעם טאַטנס וועלדער.

דערנאָך האָט דער איסר אַרויסגענומען אַ ספר פון שאַנק און זיך איינגענורעט אין אים: ער האָט, דאַכט זיך, פאַרגעסן, אַז ער האָט אַ טאָכטער, אַז ער האָט אַ בעל-הבית לוריע, וועלכער פאַרברענגט אין קאַרלסבאַד, און דער לוריע האָט אַ זונדל סאַשע,— אַ ליידיקגייער, וועלכער קומט איצט יעדע פּאָר טעג אין וואַלד... צו וואָס און צו ווען?

דעם טאַטנס שווייגן האָט אַביסל געשראָקן און אין דער זעלבער צייט האָט עס אויסגעזען, ווי אַ שטיקל הסכמה. צילקע מיט סאַשען זענען אַוועק אין וואַלד, די מומע—צום טייכל שייערן די כלים.

שפּאַצירנדיק אַזוי מיט סאַשען האָט צילקע פּלוצלונג גענומען שמייכלען און לייכט לאַכן...

—וואָס, צילקע!

—גאָרנישט — ענטפערט זי און לאַכט נאָכמער. און סאַשע ווערט נאָכמער פאַרוווּנדערט, ווען זי פאַלט צו אים אַ צווייט מאָל צו און דערלאַנגט אים ווידער אַ קוש מיט אַ ביס אינאיינעם...

און עס ווערן אַזוי שפּילנדיק און פריילעך די שעה'ן. זיי שפּילן זיך, פון יעדער קלייניקייט פרייט מען זיך. געפונען אַ יאַגדע — פאַרבייסט מען עס מיט אַ קוש... נאָר מיטאַמאָל דערמאָנען זיי זיך ביידע, אַז אין שטוב זיצט דער שווייגנדיקער טאַטע.

גייט מען לאַנגזאַם אַהיים. דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן. שוין אַוועקגעפאָרן...

—ער איז אין כעס געווען? — פרעגט צילקע ביי דער מומע ניכע.

—ווען איז ער נישט אין כעס? ער איז אַוועקגעפאָרן קיין סוויסלאָטש, אויף עטלעכע וואָכן אַודאי...

צילקע גיט אַ קוק אויף דער וואַנט. די תפילין זענען נישטאָ און דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ לענגערע צייט. אין האַרצן טוט עס איר הנאה, און סאַשע נעמט פּלוצלונג זינגען. ער האָט זיך דערמאָנט אַ ליד פון די בערגלייט. צילקע מאַכט אים נאָך און ביי דער מומע ניכע פאַלן די כלים פון די הענט אַרויס...

VI

שפּעט־זומער...

אין מסטיבאָווע האָט מען דערווייל געהאַט וואָס צו רעדן: דער יונגער לוריע, דער אויסלענדער, איז ביי אַלעמען אין מויל געלעגן.

—און אַז מען האָט שוין יאָ אַ רייכן טאַטן, מעג מען שוין אַלצדינג טון?

—האָט זיך צוגעזעצט אין וואַלד מיט דעם אומבאַשיצטן מיידל...

—עס וועט אַן אומגליק זיין, עס וועט זיין אַן אומגליק!

—אַ רחמנות אויף דעם אַלטן איסר, איין קינד האָט ער...

—ער איז אַליין שולדיק, אין אַלץ שולדיק: פאַרוואָס איז ער אַוועק קיין סוויסלאָטש און געלאָזט זיין טאָכטער מיט לוריעס קדיש?...

און אַז די מומע ניכע פלעגט אַראָפּקומען קיין מסטיבאָווע איינקויפן שפּייז, איז זי שטענדיק אַרומגערינגלט געוואָרן פון נייגעריקע:

—וואָס הערט זיך אין וואַלד? ער איז נאָך דאָרט... יאָ...

און צילקע? הלואי זאָל זיך עס גוט ענדיקן.

די מומע ניכע פלעגט ברייט אויפעפענען די אויגן, פונקט ווי די מענטשן וואָלטן איר איצט דערמאָנט, אַז די סכנה איז נאָנט. און זי פלעגט שוין איילן צוריק אַהיים, נישט ענטפערנדיק קיינעם.

די מיידלעך פלעגן איר באַגלייטן מיט נייגעריקע אויגן:

—די אַלטע ווייסט אַלץ, נאָר זי וויל נישט דערציילן, זי שווייגט, ווי אַ מכשפה.

אומעטום האָט מען זיך געשושקעט און גערעדט אויפן קול, אַז לוריעס זונדל „פירט" אַ ליבע מיט צילקען.

און פרויקע פלעגט אָנשטעלן אויערן און כאַפּן אַ וואָרט. אַ מאַכטלאָזע בייזקייט האָט אים געפייניקט:

ווען נישט דער לוריע. צילקע וואָלט פון אים נישט גע־לאָפן, צילקע וואָלט אים נישט אָפּגעשטויסן. און אַזאַ בלינדער איז ער געווען, פריער האָט ער זי גאָרנישט באַמערקט — געווען אַ מיידל, ווי אַלע מיידלעך, אַביסל ווילד, אַביסל שווייגנדיק...

אָבער איצטער איז זי אַזוי שלאַנק אויסגעוואַקסן, אַזוי שיין, אַז אפילו דער שטאָטישער לוריע, דעם גבירס זון טרעט פון וואַלד נישט אָפּ.

און אין וואַלד...

דער וואַלד איז עלטער געוואָרן, שווייגנדיקער. גייט אַוועק דער טאָג — ציט זיך אַראָפּ אויף אים אַ שוואַרצער ליילעך, באַ־שאָטן מיט גאָלדענע פינטעלעך און אַלע קלאַנגען, אַלע טענער, אַלע זיפצן פון וואַלד קנוילן זיך צונויף אין אַ גרויס שווייגן און שאַ...

דאָס ווינטל האָט דאָ עטלעכע נאָך נישט-פאַרענדיקטע סודות. אַ האַלב-טויטער זשוק דראַפּעט די קאָרע פון אַ סאָסנע. דער זשוק איז שוואַרץ, די נאַכט איז שוואַרץ און צו די גאָלדענע פינטע־לעך פון שוואַרצן ליילעך איז אַזוי ווייט, אַזוי ווייט...

דערנאָך רוקט זיך די שוואַרצקייט אַוועק, אַוועק... און אין דער בלייכקייט פון דעם נייעם פרימאָרגן נעמען אַרויסקוקן די שפּיצן פון די ביימער, און נאָך אַביסעלע שפּעטער טיילט זיך אָפּ איין

בוים פון צווייטן — גענוג דיך צו קושן אין דער פינסטערניש. יעדער בוים פאַרנעמט זיין נעכטיקן פּלאַץ, ציט זיך אויס, ווי אַ זעלנער אויף זיין פּאָסטן און וואַרפט שאָטן.

נאָר אויב דיביימער שווייגן — רעדן פאַר זיי די ווערעקעס און די פייגעלעך. די לעצטע שמעטערלינגען פון זומער פּלאָנטערן זיך באַגינען צווישן די ביימער — אומזיסט זענען זיי אַוועק פון פעלד: דאָ איז ווייניקער זון.

און וועמען פון די אַלע גאָטס דראָבנע באַשעפענישן גייט עס אָן, וואָס עס טוט זיך אין וואַלד?

באַטאָג ברענט נאָך די זון, און ווו זי געפינט נישט קיין באַשאָטנט ווינקל, קאָנצענטרירט זי אירע אַלע שטראַלן און ציט אַרויס יונגע גרעזלעך פון דער ערד, אַזוי ווי אין אָנהייב פון פרילינג.

דאָך ערגעץ-ווו איז שוין ליידיק אַ נעסט און פון צייט צו צייט פליט פון דאָרטן אַרויס אַן איבערגעבליבן פעדערל, אַ פאַרטרוקנט שאָלעכצל פון אַן אויסגעפּיקט אייעלע, און שפּינוועבספעדעם שוועבן אין דערלופטן, שוועבן און פאַרפּלאָנטערן זיך צווישן די צווייגן, ביז דער ווינט רייסט זיי אָפּ און לאָזט זיי ווידער זיך שלענגלען אין די פּאַליעס פון דער לופט.

די נאַכט גייט אַוועק און לאָזט איבער אין באַלויכטענעם וואַלד איר גרויס שווייגן. וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ ערנסטער און טיפער ווערט דאָס שווייגן. פייגל רייסן איבער זייער געזאַנג אינמיטן. די גרילן הערן זיך שוין זעלטן. בלויז דער ווערעווריק מיט זיין קעציש שרייען וויל נישט וויסן פון איינגעהאַלטנקייט און זיין געשריי הילכט נאָך איצט דייטלעכער, ווילדער... עפּעס אַזוי ווי אַן אָנזאָג, ווי אַן אויסרוף קלינגט זיין געשריי.

שוין עטלעכע וואָכן זיצט סאַשע אין וואַלד און ער וויל נישט און קאָן שוין נישט פון דאַנעט אַרויס. עס איז געשען, ער האָט נאָך פריער געפילט, אַז ער וועט פון דאַנעט נישט אַרויס. אַ שטיק לעבן האָט אים אַרומגענומען מיט פעסטע צווייגיקע אָרעמס און צוגעשמידט... צילקע איז זיינע...

עס זענען געווען ביי אים באַוווסטזיניקע מאָמענטן, בעת

ער האָט פּעסט באַשלאָסן, אַז ער מוז פון דאַנעט אַנטלויפן. נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער געפילט, אַז ער וועט דאָס נישט איבערלעבן, אויב זי וועט צו אים נישט געהערן. און זי אַליין איז אים אַנטקייגן געלאָפן, קיין רגע פון אים נישט אָפּגעטרעטן. אירע ליפן האָבן זיך געצויגן צו זיינע, אירע אָרעמס האָבן אים געהאַלדזט... ווערטער האָט זי דאָך שטענדיק געהאַט ווייניק — האָט זי ווייניק גערעדט נאָר אַלץ טיפער, טיפער מיט אירע אויגן אַריינגעקוקט אין זיינע... געקושט און געשוויגן און אַמאָל — גע-לאַכט. שטיל-שטיל איינגעהאַלטן געלאַכט, און דאַכט זיך, אַז זי האָט זיך גערייצט מיט סאַשען...

און איינמאָל האָט זי אַריינגעוואָרפן אַזאַ פּראַזע:

— פאַרוואָס קושסטו מיך נישט אַזוי ווי פּרויקע האָט זיין ציגיינערין געקושט?

— וואָס פּרויקע? וועלכע ציגיינערין? — האָט זיך סאַשע גע-וווּנדערט.

און זי האָט אים דערציילט, וואָס זי האָט אַנומלט געזען אין וואַלד.

סאַשע האָט זיך פאַרטראַכט און טיף-טיף אין האַרצן האָט ער זיך אַביסל פאַרשעמט פאַר דעם וואַלד-מיידל... זי פלעגט אים אָבער נישט לאָזן טראַכטן, און שרעקן פלעגט עס אים בעת זי זאָגט:

— פון דאַנעט וועסטו שוין נישט אַוועקגיין, מירן דאָ בלייבן אין וואַלד.

— דעם וואַלד וועט מען אינגיכן אויסהאַקן, צילקע!

— וועלן מיר אַריבערפאָרן קיין סוויסלאָטש.

— אַזוי טראַכסטו?

— יאָ, יאָ, יאָ, און יעדן „יאָ" באַגלייט זי מיט אַ קוש. ער פילט און זעט, וואָס עס טוט זיך מיט איר: אַ לעבן האָט זיך אויפגעכאַפּט צום לעבן, אַ פייער, אַ פאַרבאָרגן פייער האָט זיך אָנ-געצונדן און ער ווערט אַלץ מער אַליין פאַרבלענדט און געפאַנ-גען. ער האָט געטראַכט, געטראַכט...

ביז ער האָט אויפגעהערט צו טראַכטן.

טאָג און נאַכט האָבן זיך צונויפגעגאָסן. פון זיין קאָפּ האָט זיך פּלוצלונג אויסגעווישט אַלץ, וואָס ער האָט אין זיין לעבן דורכגעמאַכט: זיין „אויסלאַנד", זיין „קוק אויפן לעבן", זיין רויקע שווערקייט. ער האָט אויפגעעפנט זיינע אָרעמס, ער האָט אויפגעעפנט זיין האַרץ און ברייט פאַרן גאַנצן וואַלד, פאַר דער גאַנצער וועלט אָפּגעאָטעמט... עס זענען אַוועק טעג און נעכט פון ליידנשאַפט, פון פאַרגעסונג. פריער פלעגט אים אַמאָל פאַרדריסן, וואָס צילקע פאַרשטייט אים אַזוי ווייניק, וואָס ער מוז זיך צופּאַסן צו איר, אויסזוכן ספּעציעלע ווערטער, נאָר איצט האָט ער דערפילט, אַז מען באַדאַרף נישט, מען באַדאַרף נישט קיין ווערטער, קיין געדאַנקען... נאָר טיפער, טיפער זיך אַריינקוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן, איינבייסן זיך מיט די ציין בעתן קושן זיך און דאָס איז די בעסטע שפּראַך, דאָס ווילטיקסטע, דאָס היילקסטע...

און צילקע האָט זיך געביסן ווילד, דורשטיק, אומגעריכטערהייט... עס האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט ביי אַ וועווריק צוגענומען די שאַרפע ציינדלעך און איצט נוצט זי עס אויס אויף סאַשעס ליפּן, אויפן האַלדז... ער פלעגט זיך טאַקע פאַרטיידיקן פון איר, ווי אַ בער פון אַ פלינק חיהלע. באַרויקן פלעגט ער איר, גלעטן, שמייכלען, לאַכן צו איר, ווי אַן עלטערער קליגערער ברודער און צום סוף — אַליין נעמען בייסן און זיך אינגאַנצן פאַרגעסן...

איסר איז די גאַנצע צייט געווען אין סוויסלאָטשער וואַלד. נ כּע זיפצט און אירע זיפצן ווערן אַלץ שווערער, פול מיט פּחד.

די פאַרליבטע צילקע האָט זיך אויסגעלערנט אָפּנאַרן דער אַלטער: באַנאַכט פלעגט זי זיך לייגן שלאָפן און נאָר אָפּוואַרטן, אַז די מומע מיט די גראָע האָר, וואָס קריכן אַרויס פון אונטערן שייטל, זאָל איינשלאָפן. און דעמלט ציט זי אַרויף אויף זיך צוריק דאָס קליידל און לויפט אַריין אין דער צווייטער שטוב, צו סאַשען...

ער פלעגט זי אָפּוואַרטן. איז די נאַכט וואַרעמער — פאַר-

ברענגען זיי אין וואַלד. דעמלט הערט מען בלויז, ווי דאָס טיי-כל קייקלט זיך איבער די שטיינדלעך און רעדט, רעדט אויף דעם אומפאַרשטענדלעכן וואַסער-לשון. אַמאָל נעמען די באָדל-צווייגן לייכט רוישן, ווי עפּעס שטערט זיי אין זייער וואַלד-חלום.

זיי שלאָפן אין וואַלד צווישן די ביימער, רוען ווי די אייביק אויסגערוטע, ביז דער האָלץ-העקער וועט קומען מיט זיין שאַרפער האַק. אַ ווינטל גייט פאַרביי און דאָס ווינטל ווייסט דעם סוד פון אַלע לעבעדיקע און טויטע.

טוליעט זיך צילקע צו סאַשען, פּלאַפּלט, וואָס אין קאָפּ קומט אַריין. זי האָט אָנגעהויבן איצט צו רעדן. פּלעגט ביי סאַ-שען אַלץ אויספרעגן, פּונקט ווי זי איז איצט ערשט געבוירן געוואָרן. און ביי סאַשען וויל זי דערגיין: וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט? וואָס זענען דאָס פאַר אַ מענטשן אין שטאָט?

און איינמאָל, אין אַ רגע, ווען זייערע אָרעמס האָבן זיך נאָר וואָס פאַרנאַנדערגענומען און סאַשע האָט אין דער פינסטער צונויפגעקליבן אַ געדיכטן פלאָנטער פון אירע האָר, האָט זי ביי אים אַ פרעג געטון:

—סאַשע, אַלע מענטשן זענען אַזוי?

—ווי „אַזוי״?—האָט סאַשע אין דער שטילקייט פון וואַלד איבערגעפרעגט.

האָט זי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

—אָט אַזוי, ווי מיר,—און זי האָט אים ווידער גענומען קושן. און איר צאַפּלדיקער קערפּער איז צוגעפּאַלן צו זיינעם. דער וואַלד אַליין האָט אויסגעהערט איר פאַר׳חלש׳ט פייערדיק מור-מלען: „אָט אַזוי, אָט אַזוי, אָט אַזוי״. און עס איז ערגעץ אַוועק-געגאַנגען, ערגעץ אַוועקגעלאָפן דער מורמל, ער איז צוגעפאַלן צו די ביימער, ווי סאַמעט, ווי זייד, ער האָט געוואַרעמט די לופט...

„אָט אַזוי!״

דערנאָך איז זי אַ רויקע לעם אים איינגעשלאָפן אין איר וואַלד, צווישן אירע ביימער, וועלכע האָבן אירע ערשטע טריט געזען און געהערט איר ערשט לאַכן. נאָר סאַשע איז דאָ גע-

וועגן אַ פרעמדער, אַ ווייטער פון גראָדנע. פון אויסלאַנד איז ער געקומען מיט אַ סך איינגעשטילטע ספקות און פאַרלאַנגען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט. אין די אויערן האָבן נאָך געקלונגען צילקעס ווערטער... יאָ, יאָ—„אָט אַזוי" איז די גאַנצע וועלט. און מאָדנע געפילן האָבן זיך ביז באַגינען געראַנגלט אין אים. פון איין זייט איז ער עפּעס שטאָלץ געווען ביי זיך, וואָס אַזאַ צאַפּלדיקע צילקע, אַזאַ קינד פון דער נאַטור איז אַריינגעפאַלן צו אים אין די הענט, און פון דער צווייטער זייט האָט ער שוין געפילט, אַז זיינע הענט זענען צוגעשמידט צו איר... עטלעכע מאָל האָט ער דערפילט אַ גרויסע אומרויִקייט אין זיך, נאָר ער האָט עס געטריבן פון זיך, ער האָט נישט ליב געהאַט צו ליידן.

אָט שלאָפט זי רויִק — אודאי חלומט זיך איר דער באַטאַגיקער וואַלד — וואָס האָט זי געזען אין איר לעבן?

ביז דער פאַרטאָג איז אָנגעקומען און סאַשע האָט געקאָנט אַריינקוקן אין איר פּנים, וואָס די נאַכט האָט אַזוי בלייך געמאַכט. און אין דער רגע האָט ער אַ טיף גוט געפיל געהאַט צו איר. אַ רחמנות, ווי צו אַ קינד. ער וועט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, ער וועט זי היטן פון לעבנס שלעכטס. אַזוי האָט ער געטראַכט אין דער גוטער רגע...

און באַטאָג...

סאַשעס גראָער קאַפּעליוש האָט זיך כּסדר געוואַלגערט איבערן וואַלד אָדער אין שטוב. ער האָט אים די גאַנצע צייט נישט אָנגעטון. די מומע ניכע האָט צוגעגרייט עסן מיט ציטערדיקע הענט, מיט אומרויִקע בליקן. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט שיקן שלמה׳ן פון גוראַלניע, ער זאָל צופאָרן קיין סוויסלאָטש צום אַלטן איסר און אים דערציילן, אַז דער סאַשע זיצט נאָך אַלץ אין וואַלד און טרעט נישט אָפּ פון צילקען, אַז קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען.

וועגן די נעכט, דאָס וואָס צילקע גנבעט זיך אַרויס האָט זי נאָך גאָרנישט געוווּסט.

איינמאָל האָט סאַשע געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן אויף אַ טאָג אַריינלויפן קיין גראָדנע: קיינער איז אין דערהיים נישטאָ,

אפשר זענען בריף אָנגעקומען פאַר אים.

איז צילקע בלייך געוואָרן. די שטאָט מיט די בריף, וואָס ער וואַרט אָפּ, האָבן איר דערשראָקן. און גלייך, וואָס געטראַכט באַלד אַרויסגערעדט:

—דו פאָרסט אַוועק און איך האָב מורא, אַז דו וועסט שוין מער צוריק נישט קומען.

—וואָס פאַלט דיר איין, נאַריש קינד. — אָט דאָסדאָזיקע מיידל וועט אים שוין, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט אָפּלאָזן. ער האָט זיך נאָכמער דערשראָקן פאַר צילקען און איז אין זיך אַריין, אין כעס געוואָרן אויף איין סעקונדע און באַשלאָסן נישט צו פאָרן. צילקע האָט זיך דערפרייט.

שפּעטער פאַרנאַכט איז זי צו אים צוגעשטאַנען, מיט אַ פראַגע, וואָס האָט סאַשען שטאַרק צוטומלט:

—סאַשע, אַז איך וועל געבוירן אַ קינד, וועט עס זיין אַ ממזר?

ער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געוואָלט פאַררעדן, אָפּווענדן איר פראַגע, נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזט:

—אין פרודנע האָב איך געזען, ווי מען האָט געשלאָגן דעם פאַכטערס טאָכטער, ווייל זי האָט געדאַרפט געבוירן אַ ממזר.

אַ שווער געראַנגל איז אין אים פאָרגעקומען, ער האָט נישט געהאַט פאַר איר קיין ענטפער. די גאַנצע ווירקלעכקייט פון לעבן איז צוגעגאַנגען צו אים מיט דער איינער קורצער פראַ־גע: „וואָס וועט זיין?" און ווען ער האָט געזען, אַז צילקעס פנים פאַרטרויערט זיך, האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך און טריי אַרויסגערעדט:

—קינד, קיינער וועט דיך נישט שלאָגן, איך וועל דיך נישט לאָזן באַליידיקן, עס וועט אַלץ גוט זיין.

און שפּעטער, ווען ער איז אויף אַ קורצער צייט געבליבן אַליין, איז ער אַוועק אין וואַלד און גענומען טראַכטן, באַטראַכטן זיין לאַגע. עס האָט אים אַלץ אויסגעזען אַזוי שרעקלעך מאָדנע, אַזוי אומגעלומפּערט שרעקלעך: ער האָט זיך אַליין אַזוי פאַרפלאָנ־

טערט, ער. וואָס איז שטענדיק אַנטלאָפן פון דעם „עיקר" און נישט געוואָלט זיך לאָזן באַזיגן — איצט האָט אים דער „עיקר" געכאַפּט און געשמידט הענט און פיס, ווייל...

צילקע איז דאָך נישט און וועט דאָך נישט זיין גלייך צו זיינע אַלע פריערדיקע באַגעגענישן מיט פרויען... דאָרט אין אויסלאַנד — נישט זיי האָבן פון אים אַ סך פאַרלאַנגט, יענע פרויען, נישט ער פון זיי, — קורצע באַגעגענישן, קורצע ליידנשאַפטן, וועלכע האָבן צו גאָרנישט פאַרפליכטעט. נאָר צילקע איז אַן עלנדע יתומה. איסר איז ביי זיי אַ משרת און איסר האָט מיט אים שוין אַמאָל גערעדט און טרערן האָבן זיך דעמלט געשטעלט ביים שווייגנדיקן יידן אין די אויגן...

ער האָט אַזוי שפּאַצירט מיט זיינע לאַנגזאַמע טריט אַלץ טיפער אין וואַלד אַריין. געטראַכט האָט ער פון זיין איינזאַם לעבן, האָט זיך געשטראָפט אין דער רגע פאַר זיין פוילקייט און נישט-צוגעפּאַסטקייט צום לעבן. דוכט זיך, אַזוי יונג, עס פעלט אים נאָך פיל צו דרייסיק יאָר, און אַלץ האָט ער שוין איבערגעקלוגט, פון אַלץ זיך אויסגעלאַכט. און צו צילקען? וועלכע געפילן האָט ער צו איר? וואָס איז דאָס? ליבע, אָדער בלויז ליידנשאַפט? ער האָט זיך קיין רעכנונג נישט געקענט אָפּגעבן. גיכער פאַר אַלץ איז דאָס געווען ביי אים אַן ענטציקונג, ער האָט דערזען אַ זעלטענעם נישט-גערירטן עקזעמפּליאַר און איז פאַרבלענדט געוואָרן...

און צילקעס געשטאַלט שוועבט פאַר די אויגן. ער פּרוווט זי פאַרגלייכן מיט אַלע פרויען, וואָס ער האָט ווען באַגעגנט. ער פאַרגרעסערט און פאַרקלענערט איר שיינקייט, איר יונג פייער, וואָס האָט אים אָנגעצונדן. ער שטעלט זיך קלאָר די פראַגע, צי וועט ער קאָנען איצט אַוועקגיין, אַוועקפאָרן אין דער וועלט אַריין און זי פאַרגעסן? און ער פילט, אַז אַן אומבאַקאַנטע בענקשאַפט נעמט אַרום זיין גאַנץ וועזן... אפשר איז דאָס טאַקע ליבע? אַזאַ געפיל האָט ער נאָך נישט געהאַט...

וואָס וועט דאָ זיין? וואָס וועט דאָ זיין?

ער קוקט זיך אום אין וואַלד. אַ גרויסע רויקייט ליגט דאָ

צווישן די ביימער און איבער די ביימער. שטיקער זון פאַלן מיד אַראָפּ אויף יעדן שטיק באַפרייטן ווינקל פון וואַלד און ערגעץ זינגט זיך, זינגט זיך פון זיך אַליין.

ער וואָלט שוין וועלן אָט דידאָזיקע גרויסע רויקייט אַריינגעמען צו זיך אין האַרץ — דאָס טראַכטן מאַכט אים מיד. ער קאָן נישט ליידן און וויל נישט ליידן.

מיטאַמאָל דערהערט ער זיין נאָמען. דאָס רופט אים צילקע, זי פּאַטשט מיט די הענט און שרייט „סאַשע”.

רופט ער זיך אָפּ, גייען זיי שוין צוריק צוזאַמען. לאַכט זי, זי הייבט גאָרנישט אָן צו וויסן, אַז סאַשע איז אומרויק, איר לאַכן גיט זיך אים איבער, ער כאַפּט זי אויף די הענט אַרויף און טראָגט זי אַ שטיק וועג אין וואַלד. צו ערשט ראַנגלט זי זיך, דערנאָך מאַכט זי צו די אויגן און נעמט הייס אָטעמען. דאָס לייכטע קליידל פּלאָנטערט זיך ביי סאַשען אין די הענט. מיט די פינגער זייַנע רירט ער אָן דורכן קליידל איר קערפּער און עס ברייט זיך אָפּ זיין גאַנץ וועזן. די גרינע ביימער שימערן אין די אויגן, די זון-שטראַלן פּלאָטערן צווישן די ביימער. נאָך אַ פּאָר טריט און ער פאַלט אום מיט צילקען.

אַליין, אַליין, ווייט פון אַלע מענטשן. זאָל נאָר דער פויגל, וואָס זינגט אויפן בוים זיי נישט אַרויסגעבן.

דערנאָך ווען צילקע עפנט אויף די אויגן, אין וועלכע די גאַנצע גרינקייט פון וואַלד שפּיגלט זיך אָפּ, רופט זי זיך אָן צו סאַשען...

—דו?.. דו... איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז פרויקע...

—וואָס פרויקע? ווי קומט דאָ פרויקע?—וווּנדערט זיך סאַשע. נאָר צילקע ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. אַ סך מאָל האָט עס שוין מיט איר פּאַסירט: ווען סאַשע צינדט זיך אָן און נעמט זי שטאַרק קושן, ווען ער טראָגט איר אויף די הענט אַזוי פלינק אַזוי לייכט, שוועבט מיטאַמאָל פאַר איר אַרויס דער פרויקע באַראַש, פאַר וועלכן זי האָט זיך שטענדיק מורא געהאַט... ווייל ער האָט זי שטענדיק געוואָלט קושן, און איצט איז מיט איר דאָס זעלבע געשען, זי האָט אויפגעעפנט די אויגן, געקוקט אויף סאַשען און געזען פרויקען מיט זיין פונאַנדערגעשפּילעטער שוואַצער

בלוזע. ער האָט געקוקט אויף איר און אַביסל בייזלעך געשמייכלט.

סאַשע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען... און זי האָט שוין ווי-דער געשטרעקט די הענט צו אים, געלאַכט און געשטיפט ביז די זון האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אויף אַ צווייט שטיק וואַלד. פון דעם בוים, אונטער וועלכן זיי זענען געלעגן האָבן לאַנגזאַם גע-טריפט פעך-טראָפּנס, ווי גרויסע בורשטין-טרערן. דאָס האָט די זון, פאַר איר אַוועקגיין, מיט די שטראַלן אויסגעזויגן דעם זאַפט פון בוים...

זיי זענען געגאַנגען צוריק. סאַשע האָט אַלץ פאַרגעסן, וואָס ער האָט נאָר וואָס געטראַכט. זי האָט פיל געלאַכט און איר לאַכן האָט געכוונטערט. יעדע רגע פלעגט ער ברייט אויפעפענען די אויגן און באַוווּנדערן איר שפרונג, איר זאָרגלאָזיקייט.

די מומע פלעגט זיי שטענדיק צוגרייטן עסן, נאָר אַליין פלעגט זי זיצן אָדער שטיין פון דערווייטן. טיף אין האַרצן איז זי בייז געווען אויף ביידן. זי האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט און האָט שוין ביידע געהאַלטן פאַר זינדיקע. זי איז געווען מאַכטלאָז, האָט גאָרנישט געקענט העלפן און זי האָט זיך אינגאַנצן פאַר-לאָזט אויף גאָט. איין האָפנונג האָט זי יאָ געהאַט; דער זומער רוקט זיך אַוועק און דער סאַשע וועט דאָ לאַנג אין וואַלד נישט בלייבן.

טעג האָבן זיך געצויגן טרוקענע, געזונטע, און נעכט—פינס-טערע, טויט-שווייגעדיקע. און איינמאָל אין אַזאַ נאַכט האָט די מומע ניכע דערהערט אַ שאַרך אין צימער. זי איז פון מידקייט באַלד ווידער איינגעשלאָפן, נאָר דער שלאָף איז שוין געווען אַן אומרויקער. עס האָט געדויערט אַביסל, דערנאָך האָט זי אויפגע-עפנט די אויגן, גענומען זיך אַרומקוקן אין דער פינסטער און אויסגערופן:

—צילקע.

קיין ענטפער. איז זי אויפגעשטאַנען, אָנגעצונדן פייער... צילקע איז נישט געווען, דאָס בעט אירס איז ליידיק און צו-וואָרפן. די אַלטע איז בלייך געוואָרן פון שרעק... איז זי צוגע-

לאָפן צו דער טיר און נאָכאַמאָל אויסגערופן: „צילקע". אין וואַלד איז נאַכט געווען און די נאַכט האָט נישט געענטפערט.

אין דער רגע האָט זי אַלץ געוואָלט וויסן, אַלץ דערגיין. זי איז פול געווען מיט פאַרדאַכט און צאָרן, די מומע ניכע, אָט די צילקע, וואָס אויף אירע אַלטע הענט האָט זי זיך אויסגעהאָדעוועט, אָט די צילקע נאַרט איר. פון שטוב גנבעט זי זיך אַרויס אינמיטן נאַכט... זי איז אַרויס אין וואַלד און איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט אויף לינקס, עטלעכע טריט אויף רעכטס. עס איז געווען אַביסל קאַלטלעך פאַר אירע אַלטע ביינער און זי האָט צוגעציטערט. דאָס ווינטל האָט געצופּט אירע גראָע האָר. זי האָט מער צילקען נישט גערופן, ניין, ניין. זי וויל דערזען דעם סוד. זי וויל וויסן צי די זינד איז שוין געשען. ווי אַ פאַרשווערין האָט זי זיך געגנבעט, צום טייכל איז זי צוגעגאַנגען. דאָס וואַסער האָט זיך געמאַכט זיין שטענדיקן וועג און עפּעס אומרויק צוגעמורמלט. אַזוי שטום איז די נאַכט פאַר דער אַלטער. אַזוי אָנגעזאָפּט מיט פּחד. באַטאָג פילט זי גאָר קיינמאָל נישט אַזוי איר אַלטקייט ווי איצט אין דעם חושך צווישן די ביימער. זי פאַרגעסט אויף אַ רגע אָן צילקען און טראַכט פון איר אייגן לעבן, פון אַזוי פיל עלנדע יאָרן, און פילן פילט זי, אַז צום בית-עולם איז שוין אַזוי נאָנט, אַזוי נאָנט. פאַר וועמען האָט זי געלעבט און ווער וועט נאָך איר וויינען?

צילקע...

זי האָט איר אָפּגעגעבן די גאַנצע נשמה און איצט האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט זינדיקן.

אין וואַלד געפינט זי איר נישט. אפשר זענען זיי אַוועקגעגאַנגען נאָך ווייטער, האָט זי נישט קיין כּוח מער צוגיין, די אַלטע, און די אויגן זעען קיין זאַך נישט — גייט זי צוריק. אינדעם דערהערט זיך צילקעס קול, צילקעס פאַרשטיקט לאַכן. די אַלטע ציטערט אויף. זי לאַכט פון סאַשעס צימער. פון דער צווייטער שטוב, וואָס שטייט אין וואַלד קומט דאָס לאַכן...

זי גנבעט זיך צו נענטער און שטייט עטלעכע רגעס אונטערן פענסטער, שטייט און ציטערט אויף ביי יעדן קלאַנג, וואָס

זי הערט אויס — אַלץ איז קלאָר. אַלץ איז שוין זיכער און די נאַכט ווערט טאָפּלט פינסטער פאַר איר, די פיס ברעכן זיך איר אונטער, זי וויל שוין גיין צוריק, דערהערט זי ווידער צילקעס לאַכן. האַלט זי נישט אויס און נעמט קלאַפּן אין פענסטער און רופן: „צילקע, צילקע, צילקע“.

עס ווערט שטיל אינעווייניק ביי סאַשען אין חדר. אינגאַנצן וואַלד, אויף דער גאַנצער וועלט ווערט שטיל. די אַלטע שלעפּט זיך צוריק אַוועק אין שטוב און פאַלט מיט אַ קרעכץ אַראָפּ אויף איר געלעגער. און דעם וואַלד דאַכט זיך, אַז טויזנטער שטימען האָבן זיך אין אים אַריינגעלאָזט און אַלע שטימען רופן: „צילקע, צילקע“. אין אַלע פינסטערע ווינקעלעך לויפט עס אַרום, דאָס קול, אויף אַלע צווייגן הענגט עס זיך אָן, אין טייכל פאַלן די קלאַנגען און די פאַליעס טראָגן עס אַוועק מיט שטיקער נאַכט אינאיינעם.

די מומע ניכע יאָמערט אין איר קישן. אויף איר, אויף איר אַליין פאַלט די זינד. זי האָט צילקען אויף אַ רגע נישט געטאָרט אָפּלאָזן. זי, די מומע, האָט געדאַרפט דעם סאַשען פאַרטרייבן פון וואַלד, ווי מען פאַרטרייבט אַ קראָ, וואָס קראָקעט צו לאַנג אונטערן פענסטער. ווי מען פאַרטרייבט אַ הונט.

דערנאָך הערט זי, ווי די טיר עפנט זיך און ווי צילקע לייגט זיך אויף איר געלעגער. עס איז פינסטער אין חדר. ביידע פרויען שווייגן. איינע, וואָס האָט אַזוי פרום אָפּגעלעבט אַ לעבן — און די צווייטע, וואָס האָט אַזוי זינדיק אָנגעהויבן צו לעבן.

און דאָרט ביי זיך אין צימער איז געבליבן סאַשע אַליין. דאָס געשריי „צילקע“, וואָס איז געקומען פון וואַלד, האָט אים איצט אויף אַן אמת אויפגעוועקט.

דאָס האָט גערופן די מומע ניכע, נאָר אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די נאַכט אַליין האָט צו אים אַריינגעשריגן. די בייזע נאַכט האָט אים איצט שלאָפן נישט געלאָזט. ער האָט גענומען רייכערן איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, איז צום פענסטער צוגעגאַנגען און געקוקט אין דער פינסטערניש.

וואָס וועט דאָ זיין?

איין רגע און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז גאַנץ פּשוט: אין דערפרי וועט ער צוגיין צום שאָסיי-וועכטער איוואַן און אים הייסן איינשפּאַנען דאָס פערד. ער וועט אַוועק פון וואַלד, אַוועק, אַוועק...

„ניין, דאָס וועט דאָך קיינמאָל נישט זיין" — האָט ער שוין אין אַ רגע שפּעטער באַשלאָסן. און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז ער בענקט נאָך דער צילקען, וועלכע האָט זיך אַזוי דער-שראָקן, בעת די מומע האָט אין פענסטער אָנגעקלאַפּט. וואָס טוט זי דאָרטן איצטער? זי וויינט אודאי און די מומע שטראָפט און שילט, שטראָפט און שילט.

ער האָט זיך געוואָרפן פון איין געדאַנק צום צווייטן, דער קאָפּ זיינער האָט געבּרענט פון אויפרעגונג. ער האָט זיך אָנגע-הויבן פילן, ווי אַ פאַרברעכער און האָט אַליין געוואָלט אויס-טראַכטן פאַר זיך אַ שטראָף, אַ שווערע שטראָף, אַזוי ווי ער האָט פאַרדינט.

עטלעכע מאָל האָט ער אויפגעציטערט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער וואַלד רופט ווידער: „צילקע, צילקע" און צילקעס וואָרעמקייט האָט זיך נאָך געפילט אין צימער. דער וואַלד-ריח פון אירע האָר האָט אים פאַרפאָלגט. עס איז אים געווען אין דער רגע גוט און שלעכט. און מיטאַמאָל האָט זיך אין אים אויפ-געוועקט דער אַלטער זאָרגלאָזער סאַשע לוריע. „זאָל זיין!" — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטון און איז אַוועק שלאָפן.

אויף מאָרגן איז ווידער געווען אַ זון-טאָג. און דאָס ערשטע, וואָס סאַשע האָט דערהערט - איז געווען צילקעס זינגען. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און זי געזען פון דערווייטן. זי האָט גע-וואַשן וועש ביים טייכל.

זי זינגט גאָר...

און די פאַרגאַנגענע נאַכט מיט ניכעס קול אונטערן פענס-טער האָט אים אויסגעזען ווי אַ חלום. אין וואַלד איז אַזויפיל זון געווען, און בעת די זון שיינט ווערן אַלע זאָרגן פאַרקלענערט; אין די טונקלסטע ווינקעלעך פון דער נשמה צולייגן זיך אירע שטראַלן, עס לאָזט נישט טרויערן און עס צווינגט אין עפּעס נאָך

צו גלייבן. סאַשע האָט זיך אויף גיך אַרומגעזאַשן, אָנגעטון זיך און איז אַרויס אין וואַלד. ער איז אַוועק אָן אַ זייט. צילקע האָט אים נישט באַמערקט. זי האָט געקלאַפּט די וועש און פון צייט צו צייט געזונגען, אָנגעהויבן און אויפגעהערט. אין וואַלד האָט איר קול זיך ווייט פאַרטראָגן, אויפגעהויבן זיך איבער די שפּיצן פון די ביימער און פלוצלונג זיך אָפּגעהאַקט מיטן עכאָ.

לוריעס זון האָט עפּעס באַטראַכט אַ פּלאַן און צוריקוועגס האָט ער גענומען האַסטיקער שפּרייזן. ער איז צוגעקומען צו איסרס שטוב און איז אַריין.

ניכע האָט געאַרבעט, אירע אויגן זענען געווען פאַרווייניט. ר'שע איז צו איר בענטער צוגעגאַנגען:

—ניכע! הערט זיך איין, מומע ניכע, איך באַדאַרף אייך אַ ... יינציקן טאָג, איך באַדאַרף אייער הילף.

ניכע האָט אויף אים נישט געקוקט און קאַלט געפרעגט.

—וואָס?

—מומע ניכע! אין מסטיבאָווע איז פאַראַן אַ רב, יאָ?

זי האָט אויף אים פאַרוואונדערט אַ קוק געגעבן:

—פאַראַן אַ רב. צו וואָס דאַרפסטו אַ רב?

—הערט זיך איין, מומע ניכע, אויב איר וועט מיר צו-העלפן, וועל איך אַליין אַלצדינג טון, היינט נאָך מוז דאָס געשען.

—וועגן וואָס רעדסטו, איך פאַרשטיי דיך נישט.

—איך וויל שטעלן אַ חופּה מיט צילקען. איר הערט, מומע ניכע, היינט נאָך מוז דאָס געשען.

די מומע ניכע איז אַזוי צוטומלט געוואָרן, האָט אויסגע-גלאָצט אַ פּאָר אויגן אויף סאַשען און פון אירע הענט האָט אַלץ גענומען פאַלן. אַ שרעק און אַ פרייד האָט זיך אויפגעוועקט אין איר.

—צו וואָס אַזאַ איילעניש, אָן אַ טאַטן, אָן קיינעם נישט?— סאַשע האָט זי נישט געלאָזט רעדן.

—עס איז אַ שאָד די צייט, גייט אַוועק גלייך קיין מסטי-באָווע, רעדט איבער מיטן רב, זאָל ער אַלץ צוגרייטן און מיר וועלן נאָכמיטאָג דאָרט קומען.

—איך וועל שיקן שלמה׳ן קיין סוויסלאָטש, זאָל איטר קומען, ער איז דאָ׳ן אַ טאַטע.—ניכע האָט זיך געבעטן.

—מען דאַרף נאָך קיינעם נישט שיקן,—האָט סאַשע פעסט אַרויסגערעדט.—איר האָט דאָך ליב צילקען, עס גייט אין איר גליק... שפּעטער וועט אפשר צו שפּעט זיין.—זי האָט געקוקט אויף איִם מיט אַ פּאָר אָפענע אַלטע אויגן און פאַרשאַרט די גראָע האָר אונטערן שייטל.

זי האָט זיך דאָך נישט גערירט פון אָרט, איז סאַשע צו-געגאַנגען און זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, האָט איר צוגעפירט צום קאַסטן, ווו עס איז געלעגן איר פאַטשיילע.—נעמט די פאַ-טשיילע און גייט קיין מסטיבאָווע!

זי האָט געפאָלגט. נאָר פריער איז זי צוגעלאָפן צו דער גוראַלניע זוכן שלמה׳ן. זי האָט אים געוואָלט שיקן קיין סוויס-לאָטש, נאָר שלמה איז אין גוראַלניע נישט געווען. איז זי געשטאַנען אַ רגע און געקלערט, דערנאָך גענומען גיין קיין מסטיבאָווע און דעם גאַנצן וועג האָט זי פאַרזייט מיט אירע זיפצן.

סאַשע איז דערווייל צוגעקומען צו צילקען.

—גוט מאָרגן!

נאָר אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זי אַ פּאַטש געגעבן מיט דעם וועש-קלאַפּער אין וואַסער און סאַשען באַשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס. און ווידער געאַרבעט.

—די מומע האָט עפעס באַנאַכט גערעדט צו דיר?

—ניין!

—וואָס האָט זי געטון?

—געוויינט...

—און דו?

—איך בין געשלאָפן.

האָט ער געטראַכט אין דער רגע, סאַשע, אַז זי נעמט עס אָן אַ סך פשוטער, ווי ער. זי איז גלייך געגאַנגען שלאָפן און ער האָט זיך אַזוי לאַנג געפייניקט ביים פענסטער.

—צילקע, האָסט עפעס אַ שיין קליידל?

—יאָ, איז וואָס?

—און שיך האָסטו אויך?

—שיך האָב איך אויך, דער טאַטע האָט נישט לאַנג גע-בראַכט, אָבער צו וואָס פרעגסטו עס?

—מיר'ן גיין קיין מסטיבאָווע...

—האַ?—זי האָט אַוועקגעלייגט דעם וועש-קלאַפּער און צו-געגאַנגען צו סאַשען, וועלכער איז געשטאַנען נאָנט לעם וואַסער און גערייכערט, — האַ! וואָס וועלן מיר טון אין מסטיבאָווע?

—מיר'ן גיין צום רב שטעלן אַ חופה.

האָט זי סאַשען אַרומגעכאַפּט מיט אירע נאַסע הענט און גענומען לאַכן, פלאַפּלען און שפּרינגען, זיי זענען ביידע שיער נישט אין טייכל אַריינגעפאַלן. געפרייט האָט איר די גאַנצע גע-שיכטע צוליב דעם, וואָס מען וועט ערגעץ גיין, מען וועט עפּעס טומלען, עס וועט זיין לעבעדיק. די גאַנצע ערנסטקייט פון דער מינוט איז איר נישט אָנגעגאַנגען. און סאַשע האָט עס אַלץ אין איר פאַרשטאַנען, זי איז אים דערפאַר זייער טייער געווען.

און אינמיטן רייסט זי איבער די שטילקייט.

—אָבער צו וואָס שיך? אין מסטיבאָווע גיי איך זומער באָרוועס, שטענדיק באָרוועס.

סאַשע האָט איר איינגערעדט, אַז זי זאָל אָנטון שיך, ווייל עס „פּאַסט נישט", כאָטש אין האַרץ האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס וואָלט געווען זייער אָריגינעל, ווען זי וואָלט געשטאַנען אונטער דער חופה באָרוועס.

דערנאָך, ווען צילקע האָט ווייטער געאַרבעט, האָט זי אָנ-געהויבן אַביסל באַטראַכטן טיפער דעם גאַנצן ענין און צו סאַשען זענען געפלויגן פראַגן:

—וואָס וועט זאָגן דער טאַטע מיינער?

—דיין טאַטע? מיר האָבן דאָך ביי קיינעם נישט גע-פרעגט.

סאַשע האָט זי באַרויקט:

—קינד, און נעכטן, און אייערנעכטן און די גאַנצע צייט, וואָס מיר קושן זיך דאָ אין וואַלד? מיר האָבן דאָך פריער אויך קיינעם גאָרנישט געפרעגט.

—טאַקע, מיר האָבן ביי קיינעם נישט געפרעגט, מיר זע־נען דאָך שוין גרויסע...

און זי האָט קאָקעטיש אויסגעגלייכט איר גאַנצע פיגור. זיך אַוועקגעשטעלט שטאָלץ אַנטקעגן סאַשען. אַנטקעגן אַלטן וואַלד. סאַשע האָט איצט נאָכאַמאָל געזען, ווי רייף זי איז די לעצטע צייט געוואָרן, ווי אויסגעוואַקסן.

„מיר זענען דאָך שוין גרויסע". עס האָט אָפּגעקלונגען ביי אים אין די אויערן. ער האָט זי באַגייסטערט אָנגעקוקט.

—נו, גיב אַ קוש, וואָס גלאָצסטו מיט די אויגן?—האָט ער דאָס שוין געוואָלט טון, איז זי אָפּגעשפּרונגען און זיך נישט גע־לאָזט כאַפּן. זי לויפט און ער לויפט נאָך, דער וואַלד הערט זיך צו צו זייער לאַכן. די וועש ביים טייכל איז געבליבן ליגן אָן אַ בעל-הבית ערגעץ ווייט, אונטער אַ סך ביימער. ווייט אין וואַלד האָט סאַשע איר געכאַפּט און זי האָט איר קוש באַקומען מיט אַ גרויסן פּראָצענט.

דערנאָך איז זי אַריין אין שטוב צוגרייטן שיך און קליידל, סאַשע איז געבליבן אַליין.

ער האָט געטראַכט...

ער האָט געטראַכט, אַז דאָס, וואָס ער גייט איצט טון, מוז געטון ווערן. פון אַלץ, וואָס אין קאָפּ האָט זיך אים איצט געפּלאָנטערט האָט ער איינס פאַרשטאַנען: צילקען טאָר מען אַזוי נישט לאָזן.. מען מוז דאָס טון, וואָס גיכער, נאָך היינט, און די חופה מוז געשטעלט ווערן, ס'קאָן זיין, אַז ער האָט מורא געהאַט פאַר זיך אַליין. און אַז ער וועט באַקומען חרטה, און טאָמער מישן זיך אַריין זייטיקע סיבות און דאָס וועט אים שטערן צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַליין. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן צי ער האָט צילקען שטאַרק ליב, צי זיין ליבע וועט לאַנג דויערן... אין קאָפּ האָט עפּעס געזשבערט אַ פּחדל, אַ ספקל—נאָר ער האָט עס געיאָגט פון זיך...

אין דעם האָט ער דערזען אין וואַלד צווישן די ביימער אַ נייעם נפש: דאָס איז געווען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן מיט צוקנייטשטע בגדים און מיט אַ צוקנייטשטן האַרטן קאַפּעליוש. ער

איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו סאַשען:

—שלום-עליכם, מזל-טוב אייך!—און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. סאַשע האָט אים אויך דערלאַנגט זיין האַנט, נאָר דערביי האָט ער אים באַטראַכט מיט נייגעריקע בליקן, וועלכע האָבן גערעדט: „ווער זענט איר און וואָס ווילט איר?

—איך בין דער שמש ביים מסטיבאָווער רב,—האָט זיך דער ייד פאָרגעשטעלט.

און סאַשע האָט דערפילט, ווי עפּעס אַ שליח פון אַ פרעמדער וועלט איז צו אים געקומען.

—שוין אַלץ צוגעגרייט,—האָט דער ייד ווייטער גערעדט.—די אַלטע ניכע וואַרט אויף אייך, אויב איר ווילט קאָנען מיר שוין גיין.

סאַשע האָט דעם יידן אַוועקגעשיקט צום שאָסיי-וועכטער איוואַן, אַז יענער זאָל גלייך איינשפּאַנען דאָס פערד. דער ייד איז געלאָפן דערפילן.

און צילקע איז שוין געשטאַנען אויפן גאַניקל אין איר וויים קליידל און אָנגעטון אין שיך, וועלכע האָבן נישט זייער געפּאַסט צו דעם שטענדיק באָרוועסן מיידל.

דערפאַר האָט זי אויסגעזען העכער, שלאַנקער און אַ שעמעוודיקער שמייכל האָט זיך געלייגט אויף איר פּנים. אין דער צייט, וואָס זי האָט זיך איבערגעטון האָט זי געמוזט עפּעס אַ סך איבערקלערן, אַ באַחנטע ערנסטקייט האָט געקוקט פון אירע אויגן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט באַטראַכט דעם וואַלד פון אַלע זייטן, פּונקט, ווי זי וואָלט זיך זעגענען מיט אירע איינציקע באַקאַנטע—מיט די ביימער.

סאַשע האָט זי באַמערקט און איז צוגעגאַנגען צו איר. „די אויגן זענען ביי איר היינט ווידער בלאָע"—האָט ער אַ טראַכט געטון. מערקווירדיק, ווי זיי בייטן זיך ביי איר, די אויגן—פון גראָ ווערן זיי אָפט בלאָ.

—צילקע, אַ ייד, אַ שמש איז געקומען פון מסטיבאָווע, די מומע וואַרט שוין אויף אונז.

איך האָב געשיקט דעם ייד צו איוואַנען, ער זאָל ברענגען די ליניייקע.

זי איז צו אים צוגעגאַנגען, צוגעלייגט דעם קאָפּ צו זיין ברוסט און באַלד אויפגעהויבן דעם בליק און אַריינגעקוקט אין סאַשעס אויגן...

עפּעס אַ בלאָע דורכזיכטיקע וועלט, אַ גוטמוטיקע נשמה האָט אַריינגעקוקט אין זיין נשמה און האָט דאָרט אָנגערירט די בעסטע סטרונעס. סאַשע איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַזוי טיף גערירט געווען, ווי אין דער רגע, דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט... זי איז דאָך זיינע. ווי אַ קינד האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן און פאַר דערדאָזיקער פּאַרטרויונג צו אים, וויל ער קיין שלעכטס נישט טון. אין דעראמתן האָט ער זיך געהאַט זיין אָרנטלעכקייט. פיל מאָל האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז פאַרשמוצן זיינע הענט וויל ער נישט... בלויז אַמאָל-אַמאָל אַביסל נישט אַנשטענדיק גע-ווען, אָבער אויף אַזויפיל, אַז מען זאָל מיט זייף דאָס קאָנען אָפּוואַשן...

צילקע טראַכט אַ רגע, און פרעגט דערנאָך:

—ווילסט טאַקע מיט מיר חתונה האָבן?

—יאָ, קינד, איך האָב עס פעסט באַשלאָסן.

—און וועסט נישט האָבן חרטה?

סאַשען נעמט קלאַפּן דאָס האַרץ פון אַזאַ פראַגע, פון אַזאַ טיף-געצילטע פראַגע, נאָר ער האָט דאָך פריער באַשלאָסן, אַז היינט טאָר ער זיך נישט גריבלען אין דער נשמה. דאָס מוז גע-שען אין שטאָט. אַן ענטפער באַקומט צילקע אַ קוש אין די ליפּן, און דאָס באַרויקט זי.

די ליניייקע מיט איוואַנען, מיט דעם יידן פאָרט צו.

אַלע פיר זעצן זיך אויס אויף דער לאַנגער ליניייקע און מען פאָרט. גאַנץ שטייען ליידיקע פעלדער אינגאַנצן באַגאָסן מיט זון און אַלע פעלדער זענען אַרומגערינגלט מיט וואַלד.

צילקע האָט אַלץ פאַרגעסן. די זון, די ליכטיקייט אַרום ווירקן אויף איר. זי שרייט צום פערד „ניאָ!" און נעמט עטלע-כע מאָל זינגען. סאַשע רעדט אָפּ מיטן שמש, אַז אין שטעטל

זאָל קיין טומל נישט ווערן. קיינער אויסער די, וואָס מוזן זיין דערביי זאָלן נישט וויסן פון דער חופה.

די ליניקע בליבט שטיין נישט ווייט פון שטעטל. דער שמש גייט דער ערשטער. צילקע מיט סאַשען גייען נאָך. ווי פאַרבלאָנדזשעטע גייען זיי נאָך דעם פרעמדן ייד. צילקען איז שווער צו גיין אין די שיך — אַזוי לאַנג באָרוועס אַרומגעלאָפן.

און דערנאָך זענען זיי געזעסן אין אַן ענגן צימער. דאָרט האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ מנין מענטשן. די מומע האָט אַלץ צו-געגרייט, די האָט כסדר געזיפצט, נאָר זיפצנדיק האָט זי איינס פאַרשטאַנען, אַז אויב דער סאַשע האָט זי אומגליקלעך געמאַכט, זאָל ער עס איצט פאַרריכטן מיט דער חופה.

דער רב האָט עפּעס אויסגעפרעגט ביי סאַשען און עס פאַר-צייכנט אין אַ גרויסן ספר, דערנאָך האָט מען אויפן הויף אַרויס-געטראָגן אַ שטיק אויסגענייט צייג אונטער פיר דרענגלעך.

מען האָט אים עפּעס געהייסן זאָגן, דערלאַנגט אַ רינגעלע, דערלאַנגט אַ כוס וויין. ווי ערנסט און צוטראָגן ער איז נישט געווען אין יענע מינוטן, האָט זיך אים עטלעכע מאָל געוואָלט לאַכן: וואָס ווילן זיי, די אַלע מענטשן?

נאָר באַלד כאַפּט זיך סאַשע צוריק און טראַכט:

„דאָס איז נייטיק. דאָס איז נייטיק. „נאָך אַ פּאָר מינוט, איך וועל פון זיי פּטור ווערן.”

דערנאָך האָבן די אַלע מענטשן גענומען זשוזשען, ווי זשוקעס:

„מזל-טוב”, „מזל-טוב”, „מזל-טוב!”

צילקע האָט אַזוי נעבעכדיק פאַרלייגט די הענט און גע-קוקט אויפן עולם. די מומע האָט געוויינט און כסדר געקושט צילקען.

צו סאַשען איז צוגעגאַנגען אַ ייד און האָט אָנגעהויבן רעדן:

— די לוריעס, אַ קלייניקייט אַזאַ יחוס!

סאַשע האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּירענעם צען-רובל-שטיק און דער ייד האָט זיך אָפּגעטראָגן. באַלד איז צוגעקומען אַ צווייטער.

— אייער פּאָטער...

סאשע האט דעמדאזיקן אויך דערלאנגט א מטבע און יע-
נער האט זיך באלד אפגעטראגן. דער דריטער איז צוגעגאנגען
מיט א שמייכל אויף די ליפן:

—די כלה האט זיך גארנישט גענארט... כע, כע...

מיטאמאל האבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט אזויפיל הענט.
עפעס א שמש און נאך אן אונטער-שמש.

—מזל-טוב, מזל-טוב,—און פאר יעדן מזל-טוב האט סאשע
געצאלט. עטלעכע מיידלעך האבן זיך דערוווסט די גאנצע גע-
שיכטע. אלץ וואס קומט פאר ביים רב. זיי זענען געקומען צו-
לויפן, און צילקע איז געשטאנען אויפן שוועל פון א צווייטן צי-
מער און עפעס גערעדט מיט זיי. די מומע האט זיך געשושקעט
מיטן רב און סאשע איז אויף א קורצער צייט געבליבן זיצן אליין
אויף אן אלטמאדישן ווייסן פאטעל.

ער איז מיטאמאל עפעס קלענער געווארן אין וווקס און
אין זיין גאנצן וועזן. ער האט אין זיך געשמייכלט: אויסגעדוכט
האט זיך אים, אז מען האט אים אפגעשמיסן.

פון צימער האבן זיך ארויסגערוקט די בערדיקע יידן. ני-
כע האט זיך אויפגעהערט צו שושקען מיטן רב. צילקע האט אין
רעדן מיט די חברטעס א לאך געטון און סאשע האט זיך אויפ-
געכאפט פון זיינע געדאנקען...

ער איז צוגעגאנגען צו דער אלטער ניכע:

—נו, מומע ניכע, איר זאלט שוין מער נישט וויינען און
זייט נישט ברוגז אויף מיר.

האט זי זיך ערשט פונאנדערגעוויינט אויף אן אמת. עס
האט געדויערט עטלעכע מינוט ביז זי האט זיך בארויקט.

צילקע האט שוין אויך געוואלט נעמען וויינען, זי האט גע-
מיינט, אז מען באדארף אזוי. נאר סאשע האט שוין פריער
ארויסגעשיקט דעם שמש, ער זאל ברענגען איוואנען מיט דער
ליניייקע, וועלכע איז געשטאנען נישט ווייט פון שטעטל.

זיי זענען ארויס פון רב, ארום זענען שוין געשטאנען פיל
נייגעריקע. ווער וואלט עס געקאנט איינהאלטן אזא סוד.

—לוריעס זון האט חתונה געהאט מיט איסרס צילקע.

—אַ באַרוועס מיידל האָט חתונה געהאַט מיט דעם „אויס־לענדער".

—ער איז אודאי משוגע געוואָרן.

צילקע האָט אָבער אויך געהאַט פאַרטיידיקער:

—די שטאָטישע מיידלעך מעגן זיין אַ כפּרה פאַר איר.

—זי איז דאָך אַזוי שיין, ווי אַ בת־מלכּה...

סאַשע האָט זיך געפרייט, ווען די ליבייקע האָט זיך שוין גענומען רירן. ער האָט צו די מענטשן גאָרנישט געהאַט. זאָלן זיי טומלען, נאָר אים ווילט זיך זיין וואָס ווייטער פון זיי.

אָט איז שוין פעלד. זיי פאָרן, די מומע ניכע ווישט נאָך אַלץ די אויגן. צילקע האַלט זי צו, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן, און אַליין וויל זי עפּעס פרעגן ביי סאַשען. נאָר זי שעמט זיך. האַלט אָבער נישט אויס און פרעגט יאָ:

—סאַשע, ווען וועט שוין זיין אונזער חתונה?

לאַכט סאַשע, ער פאַרשטייט וואָס זי מיינט: ביי איר הייסט „חתונה" מוזיק מיט טענץ מיט אַ סעודה...

—עס וועט זיין, קינד, שפּעטער, עס וועט זיין.

און איוואַן, דער שאָסיי־וועכטער, וואָס טרייבט דאָס פערד, איוואַן מאָנט אויך זיין חלק:

—באַרין, ווען וועט מען מאַכן אַ שנאַפּס? אַזאַ יום־טוב, אַזאַ שיין מיידל צוגענומען פון אונזער וואַלד.

און דאָס „שיין מיידל" זיצט נישט איין אויף דער ליבייקע. דערזעט זי אַ פאַרשפּעטיקט בלימל אין פעלד—שפּרינגט זי אַראָפּ פון דער ליבייקע.

זי האָט שוין אַ גאַנצן בוקעט מיט פעלד־בלומען. די פאָר וויאָרסט פליען גיך דורך.

בעת זיי פאָרן אַריין אין וואַלד ברענט שוין די זון איר לעצט פייער. אין וואַלד אויף די ביימער פאַלן פיל גרויסע אומ־געלומפּערטע פלאַמען און זיי ליגן אויף די ביימער מיט זייערע גסיסה־צונגען.

טונקעלער ווערט. אַלץ טונקעלער. דער אייביקער אָוונט־אומעט גייט מיט זיינע מעלאַנכאָלישע טריט נענטער צום מענטשן

צו... און צילקע האָט אויך דערפילט דאָס שוויגעניש פון אַרום, נאָר זי וויל נישט זאָרגן, אפילו קיין רגע נישט.

בעת די ליגייקע שטעלט זיך אָפּ לויפט זי צו צו סאַשען און נעמט אים טרייסלען און לאַכן דערביי:

—חתונה געהאַט. האַ, סאַשע, חתונה געהאַט?

סאַשע גלעט איר קאָפּ רויק, פאַרטראַכטערהייט. דער ירידי, דאָרטן אַרום דער חופה, האָט אים אַביסל צוטומלט, דאָן איז אים עפּעס יום-טובדיק געווען אויף דער נשמה...

יום-טובדיק און אומעטיק.

און אין יענעם אָוונט זענען די מיידלעך מיט די בחורים אין מסטיבאָווע ביז שפּעט נישט געגאַנגען שלאָפן. עס האָט אַלע-מען איבערראַשט און פאַרחלומט דאָס געשעעניש.

—אין ביכלעך דערציילן זיך אַזעלכע מעשיות?

—און וואָס וועט זאָגן דערצו דער שוויגנדיקער איטר?

—און די לוריעס, וואָס וועלן זאָגן?

—זי וועט איצט לעבן אַ טאָג, די צילקע...

—ווער ווייסט?—ס'איז דאָך נישט קיין גלייכער שידוך...

נאָר איין פרויקע האָט זיך פון די אַלע שמועסן באַהאַלטן. ער איז אַרויס פון שטעטל און צוויי מאָל געגאַנגען אויפן וועג צום וואַלד, ווו עס שטייען די דריי הייזער, נאָר ביידע מאָל איז ער דאָרט נישט דערגאַנגען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער איינגעשפּאַנט דעם טאַטנס פערד אין דער בריטשקע און איז אַוועקגעפאָרן קיין וואָלקאָוויסק.

ער איז צוריק נישט געקומען. עס איז אַוועק אַ וואָך צייט.

דער אַלטער באַראַש איז אים געפאָרן זוכן און דערגאַנגען איז ער, אַז פרויקע האָט דאָס פערד מיט דער בריטשקע פאַרקויפט, דאָס געלט האָט ער פאַרשיכורט, און ער שיכורט נאָך אַלץ. אַהיים וויל ער נישט פאָרן.

—דאָס איז אַלץ צוליב צילקען.—אַזוי האָט מען אין מסטי-באָווע גערעדט.

VII

מען האַקט דעם וואַלד...

אין די רויקע טעג האָט מען נאָר באַדאַרפט אַביסעלע אָנשטרענגען דאָס אויער און עס האָט זיך דייטלעך געהערט, ווי די העק אַרבעטן.

דאָס האָט מען געהאַקט דעם וואַלד. אַלץ נענטער און נענטער.

ביי איסר אין שטוב האָבן שוין אַלע געוווּסט פון דעם, אַז דער וואַלד זייערער האָט געציילטע חדשים... מען האָט געוואַרט אויפן הערבסט, דאַן וועלן קומען אַ סך מער אַרבעטער. אין הערבסט זענען די ביימער פעטער און עס איז נוצלעכער זיי אַוועקצולייגן אין דערדאָזיקער צייט.

דער זומער איז אַוועק.

אויב אין וואַלד האָט, ווי פריער, די גרינקייט געהערשט און די רעשטלעך פון די וואַרעמע זומערדיקע לופט-שטראָמען האָבן נאָך פון צייט צו צייט געשוועבט צווישן די ביימער, איז אָבער אין פעלד שוין געווען הערבסט. ווו נאָר אַ בלעטער-בוים איז ערגעץ געשטאַנען האָט שוין די געלקייט פון זיינע בלעטער פון ווייטן אָנגעזאָגט: אַז עפּעס שטאַרבט און עפּעס איז שוין געשטאָרבן.

אַרום דעם שאָסיי-וועכֿטערס הייזל איז געווען אַ גערטל מיט עטלעכע ביימלעך קאַלינעס. איצט זענען זיי געבליבן אָפּגערעקט, די קנוילן מיט די קאַלינעס, און זיי האָבן גערייצט, גערייצט...

אַרום איז גרין. רעכֿטס, לינקס פֿון אַלע זייטן גרינען די סאָסנעס, און אין דעמדאָזיקן טאָל פֿון גרינס כאַפּט זיך שטיפֿעריש-פֿריילעך אַריין די רויטקייט פֿון די קאַלינעס.

סאַשע האָט ליב געהאַט דאָסדאָזיקע ווינקל. אַ סך מאָל איז ער דאָ געקומען מיט צילקען און אָן צילקען. דאָ פֿלעגט ער טראַכֿטן פֿון זיך און פֿון דעם וואַלד-מיידל, מיט וועלכן ער איז געווען אין מסטיבאָווע ביים רב.

הייסט עס, אַז ער האָט שוין אַ ווייב. דאָס איז דאָך שוין געשען און דאָך פֿלעגט ער זיך פֿיל מאָל אויפֿכאַפּן און אַ ציטער טון... אפֿשר, אפֿשר איז דאָס אַ חלום די גאַנצע געשיכֿטע?.. אַ שיינער חלום, פֿון וועלכן דאָס בלוט צינדט זיך אָן, און נאָך וועלכן מען ליגט לאַנג מיט צוגעמאַכֿטע אויגן, מיט אַ רויִקייט אין דער נשמה...

ניין. עס איז נישט קיין חלום. זאָל ער אַ ביסל אונטערוואַרטן און זי וועט באַלד אָנקומען, די צילקע. זי וועט זיך אונטערגנבֿענען און אים צודעקן די אויגן מיט די הענט.

—צילקע! — רופֿט אויס סאַשע.

און זי שווייגט.

נאָכאַמאָל „צילקע"

—יאָ. יאָ, איך, איך...

און דער „איך" קלינגט איבערן גאַנצן וואַלד, איבער דער גאַנצער וועלט. און אין סאַשעס נשמה קלינגט ער אַריין, ווי אַ רוף, ווי אַן אָנזאָג, ווי אַ גוטמוטיקער באַפֿעל...

אָבער דאָך אַ באַפֿעל...

ער טאָר אויף לאַנג נישט אַוועקגיין, זי לאָזט אים נישט פֿאָרן אין שטאָט, פּונקט ווי זי וואָלט מורא האָבן, אַז עמיצער זאָל אים דאָרט נישט צונעמען פֿון איר. זי באַפֿעלט אים נישט, זי בינדט אים נישט. נאָר אין אַזעלכע מאָמענטן מאַכֿט זי צו די

ליפן און ס׳דויערט לאַנג ביז זי עפנט זיי. זי איז אויף איר שטייגער אַ גרויסע עקשנטע.

אין צוויי זאַכן:

אָדער זי אָרעמט אים כסדר, דעם סאַשען,—קושט און בייסט זיך, אָדער זי שווייגט, ווי אַ יונג סאָסנעלע, שיין, רונד מיט פרישע גרינס באַפּוצט און שווייגט.

מיט גרויס מי האָט זיך סאַשע אָפּגעבעטן ביי איר אויף אַ טאָג. ער איז געפאָרן קיין סוויסלאָטש צום אַלטן איסר. ער איז געפאָרן זיך פאָרצושטעלן נישט אַלס לוריעס זון, נאָר אַלס אַן איידעם פון דעם זעלבן איסר, וועלכער איז אַ משרת ביי זיין טאַטן.

ער האָט אים געטראָפן אין אַ פריש-אויפגעבויט הייזל אין וואַלד, דערביי זענען געווען נאָך מענטשן. האָט סאַשע אָפּגעוואַרט אַ לענגערע צייט און דערנאָך צוגעטראָטן צום ענין:

—ר׳ איסר, אייך קומט אַ מזל-טוב...

איסר האָט אויפגעהויבן זיין פאַרוואַקסן פנים, האָט אַריינגערוקט עטלעכע פינגער אין באָרד און נאָך אַ סעקונדע שווייגן געפרעגט.

—וואָס?

—מיט אַ וואָך צוריק האָב איך חתונה געהאַט מיט אייער טאָכטער, מיט צילקען.—דער אַלטער איז געבליבן שטיין, ווי אַ צוגעשמידטער.

—יאָ, חתונה געהאַט ביים רב אין מסטיבאָווע.

—מיט מיין טאָכטער?—האָט איסר אויסגעשריגן...—וואָס? ווי אַזוי? צו וואָס?

—ר׳ איסר, דאָס איז שוין אַ געשעענע זאַך. איך האָב זי ליב, איך האָב זיך צוגעוווינט צו איר. זי איז מיינע, מיין ווייב.

האָט אויסגעבוכט אין דער רגע, אַז איסר האָט אַלץ, אַלץ פאַרשטאַנען. אַלץ וואָס סאַשע האָט גערעדט און וואָס ער האָט נישט גערעדט. ער האָט געשוויגן, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און געקוקט לאַנג-לאַנג אין וואַלד. צו סאַשען איז ער געשטאַנען מיט דער פּלייצע. און געפילט האָט זיך דעמלט סאַשע זייער נישט היימלעך. אין בײדל איז האַלב פינסטער געווען און דאָס

האָט נאָכמער געווירקט אויף זיין שטימונג.

נאָר אָט גייט ער צו, דער יונגער לוריע, צו זייער אַלטן משרת, און פרעגט אים גוטמוטיק.

—וואָס, עס געפעלט אייך נישט דער שידוך? ר' איסר!

אין האַרץ האָט איסר דעם סאַשען נישט פיינט געהאַט, כאָטש ער האָט געהערט וועגן אים שלעכטע זאַכן און איצט איז ער געשטאַנען, סאַשע, אַנטקעגן אים מיט אַ גוט אָפן פנים...

ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, אַרויסגערעדט: „איך נעם צו דיין מזל-טוב" און זיך פונאַנדערגעוויינט. סאַשע האָט אויפגעציטערט. אַזאַ וויינען פון אַ מאַנספערשוין האָט ער נאָך נישט געזען. פונקט ווי אַ הונדערט־יעריקער בוים האָט זיך גע- בראָכן, אַ שטיין האָט פון זיך אַליין געפּלאַצט... דער גאַנצער קערפּער האָט זיך אים געטרייסלט און גרויסע טרערן זענען גע- לאָפן איבערן פנים, איבער די האָריקע באַקן.

סאַשע האָט געפילט, אַז ער באַדאַרף אַוועקגיין און ער איז אַוועק בלאָנדזשען אין פרעמדן וואַלד.

בעת ער איז צוריקגעקומען צום הייזל, איז איסר צו אים צוגעגאַנגען און שווייגנדיק אַ קוש געטון. דערנאָך האָט ער ביי אים געפרעגט:

—און דיינע עלטערן ווייסן שוין פון דעם?

—נאָך נישט, די טעג וועלן זיי שוין ווייסן. איך שרייב צו זיי.

—צי וועט עס דיין טאַטן געפעלן ווערן?

האָט סאַשע געענטפערט:

—מיין טאַטע האַנדלט מיט וועלדער...

—איז וואָס?

—איז גאָרנישט. מיר וועלן שוין דורכקומען.

צוריק איז סאַשע געפאָרן מיט איסרן, וועלכער האָט נאָר אויף איין טאָג געהאַט צייט זיך אָפּצורייסן פון סוויסלאָטש קיין פּרודנע.

געפאָרן זענען זיי און אַ גאַנצן וועג געשוויגן.

איסר, דער ייד, וואָס האָט אַ לעבן אָפּגעלעבט אין די-

פעלדער אין האָט זיך אויסגעלערנט פון די ביימער שווייגן; ביי וועלכן די פרוי איז געשטאָרבן אַ יאָר נאָך זיין חתונה און האָט מיט זיך אין קבר מיטגענומען זיין גליק און האָפנונג; אַ מענטש איז ער געווען, וואָס האָט שטענדיק מורא געהאַט, אַז אַנדערע זאָלן אים נישט צווינגען צו רעדן...

און סאַשע...

ער פלעגט זעלטן ווען אַריינקוקן אַ צווייטן מענטש אין דער נשמה, נאָר וועגן איסרן האָט ער איצט געטראַכט די גאַנצע צייט פון זייער פאָרן. ער איז זיכער געווען, אַז דער אַלטער וועט בלויז מיט אַ וואָרט אָפּקומען און דערפאַר האָט ער מיט אים קיין שמועס נישט פאַרפירט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי דער אַלטער בייזערט זיך, צי ער איז כאָטש אַביסל צופרידן מיט דעם געשעעניש.

דאָס פערדל איז געלאָפן איבער די ליידיקע פעלדער. די לעצטע קאַרטאָפל האָבן פאַרשפעטיקטע פויערים אויסגעגראָבן, אין די איבערגעבליבענע קרויט-פעלדער האָבן קראָען עפּעס געזוכט... עס איז געווען אַ גרויסע ליידיקע וועלט אַרום, און די גרויסע ליידיקייט האָט זיך אין האַרץ צולייגט אַזוי ברייטלעך און אַזוי פוסט...

דער וועג האָט זיך לאַנג געצויגן. ווען איין מענטש שווייגט פאַר זיך, אין זיך, איז אים דאָס פיל לייכטער, ווי צו שווייגן באַנאַנד. אַביסל צופרידן איז דאָך סאַשע געווען, וואָס ער איז געפאָרן קיין סוויסלאָטש. „איך האָב דערפילט אַ פליכט"—האָט ער זיך געטראַכט און אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז ער איז איצט געוואָרן אַ „מענטש פון פליכטן" פאַר איסרן, פאַר דער מומע ניכע, פאַר אַלע מענטשן האָט ער איצט פליכטן. און ער האַלט זיך אויס, גייט נישט אַרויס פון טאָן, קוקט אַלעמען גלייך אין די אויגן... און אין דער אמתן, אין דער אמתן...

ער וויל נישט טראַכטן, ער וויל זיך אַליין נישט מודה זיין, אַז צו דעם אַלעם באַדאַרף ער זיך שטאַרק אָנשטרענגען.

ווען איסר איז געקומען אַהיים איז צילקע אים אויפן האַלדז אַרויפגעפאַלן און געקושט זיך מיטן טאַטן—פריער פלעגן זיי זיך

שווייגנדיק באַגעגנען. די מומע ניכע האָט געווישט די אויגן, ווען איסר האָט צו איר געזאָגט:

—זאָל זיין מיט גליק, ניכע, אַזוי איז דאָך באַשערט געווען,— און דערנאָך איז ער אַוועק מיט ניכען צווישן די ביימער. האָט אַלץ אויסגעהערט און אויף אַלץ געענטפערט מיט קורצע פראַזן. פון צייט צו צייט אַ זיפץ געטון...

—באַשערט, באַשערט. אַזוי איז עס באַשערט.

—און וואָס וועט אויף דעם זאָגן לוריע, ווען ער וועט קומען פון אויסלאַנד?

צו אַלע זיינע זאָרגן איז אים נאָך איין זאָרג צוגעקומען. עס האָט אים שטאַרק געקימערט פאַרן אַלטן לוריע, ער האָט זיך עפּעס שולדיק געפילט געגן זיין בעל-הבית.

פאַר דעם מעת-לעת, וואָס איסר איז געווען אינדערהיים האָט מען זיך פון אים דערוווּסט, אַז דעם היגן וואַלד וועט מען דעם אָנקומענדיקן הערבסט אינגאַנצן אַוועקלייגן און אויך דעם סוויסלאָטשער וואַלד וועט מען אויסהאַקן, אַזוי אַז עס בלייבט אים איבער זיך צו באַזעצן אין מסטיבאָווע מיט דער מומע ניכע...

—און די „קינדער" וועלן פאָרן קיין גראָדנע, — האָט די מומע ניכע אַרויסגערעדט.

סאָשע האָט אין זיך אַ שמייכל געטון. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן אַ „קינד". און צילקע האָט אויפגעציטערט: „קיין גראָדנע, קיין גראָדנע, צווישן פרעמדע." זי האָט פאַרביסן די ליפּן און שיער זיך נישט פונאַנדערגעוויינט.

איז סאָשע צוגעקומען צו איר און זי גענומען באַרויִקן:

—עס וועט דיר דאָרט זיין גוט, אייביק קאָן מען דאָך נישט לעבן אין וואַלד.

—מען קאָן יאָ, מען קאָן יאָ, איך באַדאַרף נישט קיין פרעמדע מענטשן.

זי איז אָבער געווען אַביסל אויפגעמונטערט און נייגעריק פון דעם נייעם לעבן, וואָס איר שטייט פאָר. נאָך איסרס אַוועקפאָרן, האָט זי אָבער אָפּט געבעטן ביי סאָשען, ער זאָל נאָך אָפּוואַרטן מיטן פאָרן אין שטאָט. עס האָט זיך איר נישט געוואָלט

פאַרלאָזן דעם וואַלד, וועלכן מען וועט דאָך אינגיכן אויסהאַקן...
„האַרר", האַרר"...

פון ווייטן הערט מען ס'פּאַר אַן אַרבעט עס גייט דאָרט. צענדליקער העק האַקן די ביימער, און מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ גערויש, אַ קרעכץ,—דאָס האָט מען אַוועקגעלייגט אַ בוים, אַן אַלטן תּושב פון וואַלד. אַלץ נענטער, אַלץ דייטלעכער הערט זיך דער אומבאַקאַנטער טומל, די אומבאַקאַנטע עכאָס...

און וואָס נענטער דער טומל פון די האָלץ-העקער איז צו-געקומען צו איסר'ס שטוב, אַלץ עפטער פלעגט סאַשע מיט צילקען אַוועקגיין צו יענעם אָרט, וווּ מען לייגט אַוועק די ביימער.

אַ גרויס שלאַכט-פעלד איז געוואָרן דער וואַלד. צענדליקער פויערים זענען דאָרט אַרומגעקראָכן ביז די קני פון די אַלטע ביימער און מיט שאַרפע העק אויסגעהאַקט „ווונדן" ביי יעדן בוים, צו וועלכן זיי האָבן זיך גענומען. ווי די קאַרליקעס האָבן זיי זיך געפּאָרעט. דערנאָך, ווען אַ בוים האָט שוין געהאַט דורכ-געהאַקטע קנאָכן פלעגט מען אים קונציק אַ טרייסל טון און אַליין שפּרינגען זיי פלינק אָפּ, די אַלע פויערים—דער בוים קאָן נאָך זיין לעצטע נקמה נעמען.

עס איז געווען פריילעך און טרויעריק צו קוקן אויף דער אַרבעט: אָט שטייט די סאָסנע שטאָלץ און רויק. הונדערט יאָר האָט זי זיך געצויגן צום הימל, העכער, העכער און אין דער ערד האָט זי פאַרזעצט אַלץ טיפערע וואָרצלען. ווי אַ גאָלדענער ספינקס איינגעדעקט אין אַ גריגעם מאַנטל איז זי דורות אָפּגעשטאַנען, און איצט נאָך, אין דער לעצטער רגע פון איר שווייגעדיק לעבן, איז זי פול מיט שיינקייט און זיכערקייט. איר קני איז שוין אונטער-געהאַקט, אָבער זי אַליין האָט איר קאָפּ אַריבערגעשטיגן איבער אַ סך אַנדערע ביימער...

צו דער זון, צו דער קילער זון פון פריהיקן הערבסט האָט זי אויפגעהויבן איר קאָפּ און באָדט זיך אין ליכטיקייט. פלוצלונג נעמט זי זיך טרייסלען און די צווייגן-אָרעמס צעצאַפּלען זיך און נעמען זיך מיטטרייסלען. זיי פלאָנטערן זיך אויס די צווייגן און ווי צעשראָקענע הענט ווילן זיי איינהאַלטן דעם בוים — דעם

קערפּער. נאָר באַלד נאָכן ערשטן טרייסל קומט דער שרעקלעכער פֿאַל. דער בוים ציט זיך אויס, מיט אימפּעט גיט ער אַ פֿאַל און צעברעכט פֿאַלנדיק פֿיל פֿון זיינע צווייגן-אָרעמס. בלייבט ער אַזוי ליגן אַ וואָך, צוויי וואָכן, ביז זיינע גרינע נאָדלען באַקומען דעם זשאַווער-קאָליר — מער פֿייכקייט וועלן שוין די נאָדלען נישט אַרויס-ציען פֿון אים. דעמלט גייט מען צו צו אים און מיט שאַרפֿע העק האַקט מען אַראָפּ אַלע זיינע הענט. עס בלייבט אַ רונדער, אַ לאַנגער סקעלעט. פֿון די וווּנדן, פֿון די סענקעס טריפֿן טראָפּנס פֿעכיק בלוט, אַ קליינע מוראַשקע קלעפּט זיך דאָרט איין די פֿיס-לעך און קאָן זיך נישט ראַטעווען.

און דאָרט ווייטער אַרבעטן פֿלייסיק די פּויערים.

„האָרר“, „האָרר“...

די העק האָבן אַ שלעכט און טעמפּ קול, דאָס ווידערקול פֿון וואַלד נעמט זיי אויף מיט פֿאַרטאָפּלטער בייזקייט:

וועלדער, היט זיך! די סכנה איז גרויס! מענטשן שאַרפֿן אַלץ מער העק פֿאַר אייך!

אַ שטיק וואַלד איז ווידער אָפּגערוימט געוואָרן. פֿאַר דער זון האָט זיך געעפֿנט אַ נייער פּלאַץ, און אויף דעם באַפֿרייטן שטיק ערד איז עפּעס די ליכט ליכטיקער, די לופֿט—לופֿטיקער. די שטראַלן האָבן דערלעבט נקמה, ביז איצט האָבן די שאָטנס זיי געשטערט צו פֿאַרגרעסערן די הערשאַפֿט פֿון דער זון...

— סאַשע, זיי קומען אַלץ נענטער צו אונז, די האָלץ-העקערס.

—וועלן מיר פֿאָרן אין שטאָט, צילקע.

ווערט זי שווייגעדיק, און אַזוי מיטן שווייגן פֿלאָנטערן זיי זיך צווישן די אַנידערגעלייגטעביימער, זיי רעדן מיט די האָלץ-העקער. פּלוצלונג שרייט מען צו זיי, זיי זאָלן אָפּלויפֿן אַביסל ווייטער. אַ בוים, אַ גרויסער בוים גייט זיך אויסציען אויף דר'ערד.

מאַכט וועג!

נאָר דער בוים פֿאַלט אַביסל אין דער זייט און פֿאַרטשעפּעט זיך ביי אַ צווייטן בוים, בלייבט ער שטיין אָנגעשפּאַרט אויף זיין חבר. עס דוכט זיך אויס דעמלט, אַז ער האָט די הענט

פאַרלייגט אויפֿן קאָפּ און וויינט, וויינט...

די ריחות פֿון וואַלד, פֿון פרישן איינגעזעגטן האָלץ מישן זיך אויס מיט דעם אָנגעוואַרעמטן הערבסט-ווינטל. עס מונטערט די נשמה, כאָטש יעדע רגע כאַפּט זיך טרויערן פֿון אַן אומבאַוווסטער סיבה.

און דאָס וואָס מען האַקט אויס דעם וואַלד, וואָס דאָס הערבסט-ווינטל ווערט אַלץ קילער, און דאָס וואָס סאַשע האָט אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן רעדן וועגן שטאָט, וועגן פֿאָרן — דאָס אַלץ לייגט אַ שטיק אומעט אויף צילקעס נשמה. אַ סך מאָל גייען זיי שווייגנדיק צוריק פֿון דעם אָרט, וווּ מען האַקט דעם וואַלד. צוערשט איז סאַשע צופֿרידן, וואָס זי שווייגט. זי לאָזט אים צורו און ער קאָן זיך טראַכטן. ער האָט אַזוי ליב געקריגן די לעצטע צייט צו זיין מיט זיך, אַריין אין זיך, דערמאָנען די אַלט טעג, ווען ער איז געווען און ווען ער האָט געקאָנט זיין אַליין...

אויף אַ פעלז אַרויפקריכן אין די בערג און מיטנעמען בלויז איין נשמה — זיין אייגענע און ווי אַ שפּיזל אין איר אַריינקוקן. איצט...

דאָס שווייגן געדויערט שוין צו לאַנג. צילקע האָט שוין דעם פֿינגער אַריינגערוקט אין מויל און דאָס איז אַ סימן, אַז זי איז מיט עפּעס נישט צופֿרידן.

— צילקע!

זי ענטפֿערט נישט. ווייל ער זי אַרומנעמען — רייסט זי זיך אַרויס און אַנטלויפֿט. און בעת ער כאַפּט זי, וויל זי לאַנג נישט ענטפֿערן.

— פֿאַרוואָס ביסטו בייז, צילקע!

— ווייל דו שווייגסט, פֿאַרוואָס שווייגסטו?

— קינד, איך האָב זיך פֿאַרטראַכט.

— פֿון וואָס טראַכסטו?

עס ווערט סאַשען אַזוי נישט היימלעך פֿון דערדאָזיקער אויספֿאָרשונג. נאָר ער וויל נישט און ער וועט עס נישט אַרויסווייזן. ער וויל זי באַרויקן.

— פֿון וואָס? — פֿרעגט נייגעריק סאַשע.

—האָסט אַמאָל אודאי אַן אַנדערע ליב געהאַט! — שוין נישט צום ערשטן מאָל דערמאַנט זי דאָס. „אַלע פרויען זענען די זעל-בע״ — טראַכט ער אַזוי און בייזערט זיך אין זיך. נאָר ער באַהערשט זיך אינגאַנצן און טוליעט זי צו זיך.

— איך שווייג דאָך שוין נישט... זעסט, הערסט, איך שווייג נישט! — און נעמט זינגען לערמאָנטאָווס ליד:

עפנט אויף פאַר מיר די תּפיסה,
גיט די ליכט מיר, פונם טאָג;
אַ שוואַרצאויגנדיקעס מיידל,
אַ פלינק-לויפנדיקעס פערד.
אויף דעם פערד, אַך, לאָזט מיך רייטן
איבער באַרג און איבער טאָל,
אויף דער פרייהייט, אויף דער פרעמדער
לאָזט אַ קוק טאָן מיר אַמאָל.

ער זינגט זאַפטיק, מיט קראַפט און מיט אַביסל אויפרעגונג. דער גאַנצער וואַלד פאַרוואַנדערט זיך, דער עכאָ באַוויזט נישט אַלץ צוווידערהאָלן.

און צילקע ווערט גאָר אַן אַנדערע, זי עפנט ברייטער די אויגן. סאַשע זעט, אַז עס געפעלט איר, זינגט ער ווידער:

גיט אַ פּאַלאַץ מיר אַ הויכן
מיט אַ גאָרטן אַלט-געפלאַנצט —
אין זיין שאָטן אין זיין ברייטן
זאָלן ווייַנטרויבן מיר זיין.
און פאָנטאַנען זאָלן שפּריצן
אין אַ זאַל פון ווייסן שטיין...

— וואָס עס געפעלט דיר?

— יאָ...

— וועסט קומען אין שטאָט, צו אונז אין שטוב, וועל איך פאַר דיר שפּילן און זינגען.

— און אין שטאָט וועסטו צו קיין אַנדערע מענטשן נישט אַוועקגיין? האַ!

אַ קורץ שווייגן. סאַשע געפינט נישט קיין ענטפער, עס

פאַרדריסט אים, וואָס ער מוז אַלץ נאָכגעבן. מיט דידאָזיקע פראַגן שטעלט זי אים באַדינגונגען און דאָס האָט ער קיינמאָל נישט ליב געהאַט. נאָר זי איז אים טייער און פון איר טרויער ווערט אים אַזוי שווער. דריקט ער זי צו זיך און מורמלט גוטמוטיק:

—יאָ, איך וועל שטענדיק זיין מיט דיר, שטענדיק, שטענדיק.

די זון פאַרגייט שוין איצט אַ סך פריער. יעדן טאָג שטאַרבט זי מיט רויטע פייערן, וועלכע לעשן זיך זייער גיך. סאַשע מיט צילקען קומען אַהיים, ווו די מומע ניכע זאָרגט שוין פאַר זיי, גרייט צו דאָס עסן.

„פאַר די קינדער"...

זי האָט איצט אַ סך אַרבעט, די מומע ניכע: פאַר צילקען האָט מען געניייט אין מסטיבאָווע עטלעכע נייע קליידלעך, אַביסל וועש און שיך. צוליב דעם אַלץ איז זי צוויי מאָל אַ טאָג געלאָפן אין שטעטל. זי האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז אַלץ וועט גוט זיין. האָט ער דאָך, דער סאַשע, געשטעלט אַ חופה, פאָרט ער דאָך נישט אַוועק פון דאַנעט און פאָלגט צילקען אין אַלע קלייניקייטן... אויב אַזוי וועט ווייטער גיין, וועט דאָס דאָך זיין אַ גרויס גליק פאַר דער יתומה... און זי אַרבעט איצט מיט גרויס פלייסיקייט, גרייט צו דאָס בעסטע עסן „פאַר די קינדער".

און אין דער זעלבער צייט באַדאַרף מען זיך שוין נעמען גרייטן אַרויסצופאָרן קיין מסטיבאָווע. איסר האָט געדונגען ביים סטאַראָסטע באַראַש אַ האַלבע שטוב און דאָרט וועלן זיי איצט לעבן: איסר און די מומע ניכע. זי וועט איצט זיין אַליין. צילקעס געלעכטער און צילקעס ליכטיק פנים וועט איצט פאַרשווינדן ערגעץ אין שטאָט, דאָרטן ביי די לוריעס.

עטלעכע מאָל איז זי שוין געווען ביי איוואַנען דעם שאָסיי־וועכטער און גערעדט מיט אים, ער זאָל איר העלפן שפעטער, ווען די „קינדער" וועלן אַוועקפאָרן, ער זאָל העלפן זיך אַריבערציען קיין מסטיבאָווע.

איוואַן האָט צוגעזאָגט. דערביי האָט ער געשמייכלט, דער איוואַן:

—אַזאַ צילקע, גענומען חתונה געהאַט — און מיט וועמען?

מיט לוריעס זון, אַ מיליאָנערס אַ זון... אַזאַ צילקע.

—זאָלן זיי נאָר זיין גליקלעך,—האָט זיך די מומע געבעטן, זי האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין-הרע.

—און אין וואַלד וועט ווערן ליידיק,—האָט זי צוגעגעבן.

—וואָס וואַלד? עס וועט שוין קיין וואַלד מער נישט זיין, מען וועט אַלץ אויסהאַקן, דאָס טייכל וועט שטיין נאַקעט, דער שאָסיי—נאַקעט, און מיין הייזל וועט אויך מער קיין שאָטן נישט האָבן.

זי האָט געוואַרט, אַז די „קינדער" זאָלן שוין זאָגן ווען זיי וועלן פאָרן. זי מוז זיך שוין נעמען גרייטן צום ווינטער אין מסטיבאָווע.

נאָר די „קינדער" האָבן אַלץ אָפּגעלייגט. טעג האָבן זיך געצויגן שיינע, ליכטיקע, קיין וואָלקנדל איז נישט געווען צו זען, נאָר דאָס טייכל אַרום איסרס הויז איז איצט אַזוי אָרעם געווען אין וואַסער, עס האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגער שטראַל-ווייסער ליילעך מיט גרויסע לעכער. דאָס האָבן די שטיינער און פאַר-פוילטע וואַלד-וואָרצלען אַרויסגעקוקט און די שטראָמען וואַסער האָבן זיך שטאַרק געאיילט, נישט געוואָלט דאָ בלייבן אויף ווינטער.

„ביז עס וועלן זיך אָנהייבן די רעגנס". אַזוי האָבן זיי אָפּגערעדט, צילקע מיט סאַשען, און דאַן ווען די רעגנס וועלן זיך אָנהייבן וועט זי אָנטון איר ניי קליידל און די נייע שיך און זיי וועלן פאָרן אין שטאָט.

דערווייל איז יעדע פאַר טעג אין שטאָט געפאָרן שלמה פון גוראַלניע. סאַשע פלעגט אים שיקן נאָך פאַרשידענע זאַכן. ער פלעגט אים ברענגען פון דאָרט פּאַפּיראָסן, ציגאַרן און נאַש-וואַרג פאַר צילקען.

סאַשע האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך אַ „פליכט". ער באַדאַרף שרייבן צו „זיינע" אין אויסלאַנד און זיי דערציילן, וואָס דאָ איז מיט אים פאָרגעקומען. און ער האָט אָנגעשריבן אַ קורצן, קלאָרן בריף וועגן זיין חתונה.

אין אַ וואָך אַרום אין אָנגעקומען אַן ענטפער. דער אַלטער לוריע איז גאָרנישט אומצופרידן געווען מיט דעם גאַנצן „ענין",

„איך גלייב", — האָט ער געשריבן צו סאַשען, — „אַז איצט וועסטו שוין ווערן אַ מענטש און אַלץ וועט גוט זיין". — די מאַמע האָט בלויז צוגעשריבן צוויי ווערטער: „מזל-טוב".

די מאַמע בלאָזט זיך... זאָל זיין אַזוי.

ער איז געווען צופרידן און רויִק, וואָס „זיינע" ווייסן שוין וועגן אַלץ. און ווען צילקע איז צוגעקומען האָט ער איר געוויזן דעם בריוו...

— פאַרוואָס שרייבט דיין מאַמע בלויז דעם „מזל-טוב." זי מוז זיין אַ שלעכטע. איך וועל נישט פאָרן אין שטאָט צו זיי, איך וועל נישט פאָרן פון דאַנעט...

און סאַשען האָט אַ סך מי געקאָסט איידער ער האָט זי באַרויקט, ער האָט געמוזט זאָגן אַ ליגן, אַז ביי דער מאַמען זיינער ציטערן די הענט און זי קאָן קיין סך נישט שרייבן.

נאָר דאָס זענען געווען בלויז קורצע רגעס פון קאַפּריז און עקשנות. בלויז קורצע רגעס... זי האָט, ווי פריער געטראָגן איר ליכטיק פּנים און באַלויכטן מיט אים פיל פאַרשאָטנטע ווינקעלעך אין וואַלד און טאַשעס נשמה. זי איז געווען יינגער פאַר אַלעמען אין וואַלד. אויף יעדן האָט זי געקוקט ווי אויף אַזעלכן, וואָס באַדאַרף צו איר גוט זיין, ווייל זי האָט דאָך אָפּגעלעבט אַ לעבן אין וואַלד אָן אַ מאַמען מיט אַ שווייגנדיקן טאַטן. און קוים איז געקומען אַזעלכער, וואָס האָט זי צוגעטוליעט צו זיך און צום לעבן אויפגעוועקט איר קערפּער און איר נשמה, האָט זי צו אים זיך אַלץ מער צוגעבונדן. אַלץ מער טרייהייט און קושן פאַרלאַנגט.

סאַשע האָט נישט געקאַרגט קיין צערטלעכקייטן, כאָטש פיל מאָל האָט זיך אים שוין געוואָלט אַרויסגיין פון וואַלד, אַוועקגיין קיין גראָדנע און זיין פריי ווי ביז איצט. און אין דערזועלבער צייט האָט ער געפילט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, זי איז אים אין האַרצן אַריין, די הענט אירע האָבן אים געהאַלטן, די ליכטיקע, גלייביקע אויגן אירע האָבן אים אומעטום באַגלייט און אויסער דעם...

די פליכטן, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך. ער האָט דאָך

באַשלאָסן אַ „מענטש" צו ווערן, ער האָט דאָך גענומען אויף זיך אַזאַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווער ווייסט ווי זיינע געדאַנקען וואָלטן אים נישט פאַרפירט? צילקע האָט אים אָבער קיינמאָל נישט געלאָזט טראַכטן, פונקט ווי זי וואָלט פילן, אַז דאָס איז פאַר איר נישט גוט.

שטענדיק שפּרינגט זי אונטער, דערלאַנגט אים אַ טרייסל, אַ קוש, אַ ביס און קוקט אים אַריין אין די אויגן:

—וואָס האָסטו געטראַכט? אַלצדינג זאָג אויס!

—איך האָב געטראַכט וועגן דיר, אַז אין גראָדנע וועל איך דיך שיין אָנטון...

—און קיינמאָל וועל איך שוין מער באָרוועס נישט אַרומלויפן?

—און דאָס טייכל... ווען מען וואָלט כאָטש קאָנען דאָס טייכל מיטנעמען אין שטאָט אַריין.

סאַשע רופט זיך אָפּ:

—הער זיך איין, צילקע!

—וואָס?

—דו דאַרפסט זיך לאָזן לערנען. איך בין עלטער פאַר דיר.

—און פונדעסטוועגן קוש איך זיך בעסער פאַר דיר.

אויף אַזאַ ענטפער ריכט זיך נישט סאַשע און ער שטעלט אָן אויף איר אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן; וויפל העזה און דרייסטקייט עס לעבט אין דער נאַאיווער צילקע.

און איידער וואָס... זי האַלט אים שוין אין אַרומנעמען און רייצט זיך מיט אים, שטעלט צו די ליפּן צו זיינע און כאַפּט זיי באַלד צוריק, קעצלט זיך מיט אים אַ שטיק צייט און לויפט אַוועק. לויפט אַריין אין שטוב: פון מסטיבאָווע איז אַ שניידערין געקומען.

סאַשע בלייבט אַליין. „פונדעסטוועגן קוש איך זיך בעסער פאַר דיר" — אַזוי האָט זי געזאָגט. און זי איז טאַקע גערעכט. ער דערמאָנט זיך די נעכט זייערע.

זי שלאָפט שוין כסדר ביי אים אין „זיין שטוב". זי איז שעמעוודיק און דרייסט אינאיינעם. איז דער פינסטער וואַרפט זי

אראָפּ דאָס קליידל פון זיך און זוכט מיט די הענט סאַשעס קאָפּ, זיינע ליפּן.

—מיינער, מיין סאַשע...

—דיינער, צילקע!

דערלאַנגט די אים אַ ביס אַזוי, אַז סאַשע שפּרינגט אויף און בייזערט זיך גוטמוטיק.

—האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו ביסט מיינער?

—נו איז וואָס?

—מעג איך דיר דאָך בייסן.

אַ שטיק אומרויק פּייער אָרעמט אים אַרום, גלעט אים, קושט אים. עס נעמט צו ביי אים אַלע געדאַנקען, אַלע געפילן, פון דעם וואַלדס-טיפעניש איז זי געקומען. די לאַנגע זומערן און ווינטערן האָבן אויסגעטאָקט לאַנגזאַם אירע גלידער, ווי די צווייגן זענען שטייף אירע אָרעמס. פון די האָר שמעקט מיט פּעך... און די ציין זענען שאַרף, די ליפּן בריען, דער גאַנצער קערפּער אירער פלאַמט...

פיל מאָל, ווען סאַשע כאַפּט זיך אויף באַגינען און דורכן פענסטער קוקט שוין אַריין אַביסל ליכט, דערזעט ער צילקען, ווי זי שלאָפט רויק לעם אים און אויף דער גאַנצער קישן זענען צוואָרפן אירע האָר, ווי אַ פעלכל פון אַ חיה...

און אַ שטאָלץ, אַ געוואַלדיקע באַפרידיקונג פילט ער דאַן. ער גלייבט אין אַזעלכע מינוטן, אַז ער איז צוגעגאַנגען צום אמתן לעבן און דאָס לעבן איז צו אים צוגעגאַנגען.

מיט גוטע אויגן קוקט ער אויף איר.

ווערט זי אויף אַ רגע אומרויק אין שלאָף. שטרעקט זי אויס די הענט און זוכט עפּעס, זוכט און געפינט אירע אייגענע קנוילן האָר, פּלעכט זיך איין אין זיי און שלאָפט ווייטער.

ווילד און יונג, נאַאיוו און דרייסט. אָט טראַכט ער, אַז ער וועט קומען אין שטאָט, וועט ער זען מיט איר אַביסל לער-נען און באַלד פאַרדריסט אים. דאָס חיהלע געפעלט אים אַזוי ווי זי איז. נישט קיין דרעסירטע.

אַ סך מאָל גנבעט ער זיך אַרויס פאַרטאָג פון צימער און

גייט אַרויס אין וואַלד אַריין, צום טייכל, צו דער צווילינג-סאָס-נע, וווּ צילקע האָט אַזוי ליב צו זיצן.

ער רייכערט און קוקט אויף די פּאַרטרויערטעביימער. ער-גען ווייט אין וואַלד הילכט אָפּ אַ שאָס און ער דערמאָנט זיך, סאַשע, אַז איצט הייבט זיך אָן די צייט פון יאַגד און ער איז שטאַרק מקנא די מענטשן, וואָס נעמען אַ ביקס אויף דער פּלייצע און גייען אין וואַלד אַוועק...

„אַזאַ לעבן איז גוט.” ער פאַנטאַזירט, מאָלט זיך אויס אין די געדאַנקען אַ גאַנצע אידיליע און גיט באַלד צו זיך אַליין אַ שמייכל: „לאַנגווייליק”.

ווען ער קומט צוריק צו די דריי הייזער באַמערקט ער, אַז אויך די מומע ניכע האָט שוין געמאַכט טאָג. זי טראָגט אַ צעבער אין שטאַל צו דער בהמה. דאָס קליידל הענגט אויף אי-רע אַלטע ביינער אַזוי אומגעלומפּערט, דער קאָפּ—אָן דעם שייטל, און זי זעט אויס עלטער, רחמנותדיקער... באַמערקט זי סאַשען. פאַרשעמט זי זיך און איילט גיכער אין שטאַל אַריין, ווייל זי גייט אָן אַ שייטל און פון שטאַל שרייט זי אַרויס:

—סאַשע, דאָס קינד שלאָפט נאָך?

—יאָ, מומע ניכע...

—אַי סאַשע, סאַשע!—זי זיפצט פון שטאַל אַרויס.

—וואָס זיפצט איר, ניכע?

—איר וועט מוזן ביידע אין שטאָט פאָרן, עס ווערט שוין קעלטער, האָסט ביי מיר צילקען צוגענומען און איצט האָב איך שוין קיינעם נישט...

פאַלט אים איין אַ גוטער געדאַנק:

—פאָרט מיט אונז, מומע ניכע! אייך וועט ביי אונז נישט שלעכט זיין און אויך צילקען וועט עס פרייען.

—ניין, סאַשעלע, איך וועל שוין אַריבערטרייבן מיין ביסל יאָרן אין מסטיבאָווע, איך וועל צוגרייטן פאַר איסרן אַ שטוב, זאָל ער האָבן ווו זיך אויסצורוען אַמאָל... ניין, סאַשעלע!

דאָס גאַנצע געשפּרעך ווערט געפירט אַזוי, אַז סאַשע זעט נישט ניכען, זי איז אין שטאַל און ער ווייסט, כל-זמן ער וועט

נישט אוועקגיין, וועט זי פון שטאָל נישט אַרויס.

גייט ער אַוועק צום טייכל און טראַכט און לאַכט אין זיך: די מומע האָט אַזוי קאָמיש אויסגעזען, און דידאָזיקע אַלטע, וואָס האָט אויסגעזען אַן שייטל, ווי אַן אָפּגעפּליקטע קאַטשקע רופט אים „סאַשעלע". ער איז געשטאַנען ביים טייכל און געשמייכלט.

צו די קאַלטע צופּליקטע וואַסערן, וועלכע האָבן זיך געמאַכט אַ וועג דורך די שטיינער און אַלטע וואָרצלען.

די געדאַנקען זענען שיער נישט אַוועקגעגאַנגען אויף אַן אומעטיקן וועג. נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט צילקען איבערגעלאָזט אויפן בעט איינגעשלאָפן אין אירע אייגענע האָר, האָט עס אים אַ צי געטאָן צוריק אין שטוב.

זי איז נאָך געשלאָפן. האָט ער גענומען זינגען:

עפנט אויף פאַר מיר די תּפיסה —
גיט די ליכט מיר פונם טאָג...

נאָר אָנשטאָט די תּפיסה האָבן זיך געעפנט צילקעס אויגן. די האָר האָבן פאַרשאָטן איר פּנים. האָט זי זיי לאַנגזאַם אָפּגעשאַרט און די צוויי פריילעכע קוקערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף סאַשען.

ניין, נאָר אויף די בילדער מאָלט מען אַזעלכע פּרויען און מען רופט זיי אַן מיט פאַרשידענע לעגענדאַרישע נעמען...

— סאַשע, זאָגט זי, — מיך האָט זיך געחלומט, אַז דו ביסט פּרויקע...

פּרויקע... ווידער פּרויקע. וויפל מאָל האָט זי שוין דערמאָנט זיין נאָמען. און סאַשע פילט, אַז דאָס נעמט אים פאַרדריסן, נאָר ער מאַכט זיך נישט ווייסנדיק.

ער גייט צו צו איר און נעמט זיך מיט איר שפּילן. איצט איז אין צימער ליכטיק און די אָרעמס לייכטן ווי שטיקער זון, די יונגע בריסטן באַהאַלטן זיך.

זי עפנט די אויגן און קוקט אויף סאַשען, ווי זי וואָלט אים צום ערשטן מאָל זען... און ער קוקט אויף איר, קוקט איר אין דער נשמה אַריין.

— וואָס, וואָס, סאַשע? וואָס קוקסטו אַזוי?

—גאָרנישט... גאָר...

און אין דעם גאָרנישט איז אַלץ... פון דעם גאָרנישט פלעכטן זיך זייערע אָרעמס צונויף און זייגע ציין קלאַמערן זיך צו צו אירע ציין...

דער וואַלד אָטעמט אָפּ...

און דערנאָך, אין לאַנגע רגעס אַרום, קומט פאַר צווישן זיי אַזאַ געשפּרעך:

צילקע זאָגט:

—סאַשע, לאָמיר נישט פאָרן אין שטאָט, איך האָב פאַר עפּעס מורא.

—קינד, איך וועל דאָך זיין מיט דיר, וואָס האָסטו מורא צו האָבן?

—סאַשע, דעם וואַלד וועט מען אויסהאַקן, וועלן מיר אויפוואַקסן אין אַ צווייטן וואַלד און אַז מיר וועלן האָבן אַ קינד, וועלן מיר עס לאָזן לעבן, ווי אַ וועוועריק, עס וועט קריכן אויף דיביימער, עס וועט פריילעך קוויטשען... סאַשע, סאַשע, לאָמיר נישט פאָרן אין שטאָט...

—ביסט נאָך אַ קינד און האָסט קינדערשע געדאַנקען...

—אָ, איך האָב פאַר עפּעס מורא...

און דידאָזיקע מורא פאַרקושט סאַשע מיט אַ סך קושן און פאַררעדט עס מיט אַ סך ווערטער. נאָר ער איז שוין מיד פון דעם. ער קאָן זיך דאָך אַזויפיל נישט אָפּגעבן און דערביי פילט ער אומבאַוווסטזיניק, אַז די צילקע דאַרף יאָ פאַר עפּעס מורא האָבן...

פאַרוואָס?

ער וויל זיך קיין רעכנונג נישט אָפּגעבן, ער וויל זיך נישט גריבלען אין זיין נשמה, ווייל ער האָט פיינט צו ליידן. ער איז נישט געוווינט צו ליידן.

שלמה פון גוראַלניע איז געקומען פון שטאָט. ער קלאַפּט אָן אין פענסטער און סאַשע גייט אַרויס צו אים. ער האָט גע- בראַכט בריף און די בריטשקע האָט ער געבראַכט, עס זאָל זיין אויף וואָס צוריקצופאָרן...

—די גאַנצע שטאָט וואַרט שוין אויף אייער קומען, מען רעדט פון אייער חתונה...—אַזוי האָט שלמה פון גוראַלניע געזאָגט.

און סאַשע האָט אויפגעציטערט פון די ווערטער. „שטאָט, מענטשן, חתונה"—וואָס האָט ער מיט זיי אַלעמען צו טון? אים איז געפעלן געוואָרן אַ מיידל... וועמען גייט עס אָן?

און אפשר איז טאַקע צילקע גערעכט? אפשר בלייבן ערגעץ אין אַ וואַלד?

באַרישקייטן.

אַ שטיקל זון האָט זיך געלייגט אויף איסרס הויז און אויפן טייכל, און אפשר צוליב דעם איז סאַשע פריילעך געוואָרן און האָט אַלץ פאַרגעסן.

—מומע ניכע,—האָט ער אַ רוף געטון.

זי האָט אַרויסגעשטעקט פון טיר איר קאָפּ, שוין מיטן שייטל.

—וואָס, קינד?

סאַשע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

—דאָס „קינד" וויל עסן,—האָט ער וועגן זיך געזאָגט— גיכער, גרייט צו עסן, מומע ניכע!—און צו צילקען האָט ער גענומען רופן, זי זאָל זיך גיכער אָנטון. יענע האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ לידל, וואָס זי האָט אָפט געהערט אין מסטיבאָווע:

וואָס זאָגט די וועלט, וואָס זאָגט די וועלט?
אַז פרויען ליבן געלט...

דער פאַרשפּעטיקטער הערבסט-וואַלד האָט זיך צוגעהערט צו צילקעס קול און צו די ווייטע עכאָס, וועלכע זענען געגאַנגען אַלע פון איין אָרט.

פון יענעם געשטראָפּטן ווינקל, ווו איין בוים נאָכן צווייטן איז געפאַלן.

שפּעטער האָבן זיי געגעסן צוזאַמען און די מומע האָט דערציילט, אַז זי פאַרפאַקט שוין ביסלעכווייז די זאַכן, מען זאָל זיי אָפּשיקן קיין מסטיבאָווע... „ווי וועט עס זיין דער וואַלד אָן אונז און ווי וועלן מיר עס זיין אָן וואַלד."

ביי די ווערטער לוימט צילקע צו צום פענסטער און בא־טראכט דעם וואלד:

—א שאד, סאשע, אוועקצופארן פון דאנענט! זע נאר, ווי דיביימער האבן זיך פארטרויערט.—און די ביימער האבן זיך פארטרויערט, ווייל פלוצלונג האבן גענומען שווימען איבערן הימל גרויסע וואלקנס. זיי האבן צוגעדעקט און אפגעדעקט די זון און א שטארק ווינטל האט אנגערירט די נאדלען פון די ביימער... עטלעכע שטיקלעך וועש, וואס זענען געהאנגען אין וואלד האבן זיך האסטיק גענומען וויגן, אנגעבלאזן זיך און באלד געפלאצט...

—קינדער, מען דארף שוין גוט א טראכט טאן וועגן פארן! ווען עס וועט נעמען שטארק רעגענען, טאג און נאכט, נאכט און טאג, וועט עס דעמלט שווערער זיין.—די מומע ניכע האט עס געזאגט.

נאר קיין רעגן איז נאך נישט געגאנגען, בלויז די וואלקנס האבן זיך געיאגט. און אויסגעדוכט האט זיך, אז זיי מיינען גאר אן אנדער לאנד, אן אנדער געגנט. און איבערן גאנצן וואלד איז אוועק א געמורמל. בוים האט זיך צו בוים געבויגן, אנדע־רע ביימער האבן פון זיך אפגעשאקלט א סך פארזשאווערטע נאד־לען, שישקעס און האלב צופאלענע נעסטן... מיטאמאל, פלוצלונג איז די שטענדיקע רויקייט פון וואלד אוועק. ביימער, וואס זענען א זומער, ווי פארגליווערטע אפגעשטאנען, האבן איצט גענומען רוישן, רעדן מיט סודות, דאס טייכל האט זיינע וואסערלעך אומ־רויק געווארפן.

און אין אזא טאג האט צילקע גענומען דער מומעס גראבע פאטשיילע, האט אנגעטון שיך. סאשע האט אויפגעזוכט זיין גראען קאפעליוש, מיט וועלכן ער האט זיך שוין לאנגע טעג נישט געזען.

זיי זענען ווידעראמאל געגאנגען צו די האלץ־העקערס.

נאר זיי זענען איבערראשט געווארן פון דער שטילקייט, וואס האט ארום געהערשט. שטענדיק אין דער שעה הילכן די העק און ביימער פאלן קרעכצנדיק, צווייגן ברעכן זיך. זיי זענען צוגעגאנגען נענטער און זיי האבן דארטן געפונען אלע האלץ־

העקערס צונויפגעזאמלט אויף איין אָרט, די העק האָבן זיך נישט ווייט געוואַלגערט.

וואָס איז געשען?

דער וואַלד האָט גענומען אַ קרבן. אַ בוים איז צו האָס־טיק אַ פאַל געטון, איינער פון די פויערים האָט נישט באַוויזן אָפּשפּרינגען און אָט ליגט ער איצט אַ צוריבענער מיט פרישן סכך באַדעקט. בלויז אַ פּאָר פיס נאַקעטע קוקן אַרויס פון אונטן דעם סכך. אַ סך ביימער פון די אָוועקגעלייגטע זענען באַשפּריצט מיט פרישע בלוט און די רויטע פלעקן לייכטן מיט שרעק אין דער נשמה אַריין. דער וואַלד שווייגט און די מענטשן אַרום בלמען זיך און שווייגן אויך. צילקע נורעט זיך איין אין טוך פון קעלט און פון שרעק...

עפּעס אַ בייזקייט האָט זיך אַריינגעגנבעט אין וואַלד צו־זאַמען מיטן ווינט און מיטן טויט... נאָר זיי האָבן נאָך נישט באַ־וויזן ווייט אַוועקצוגיין אויף צוריקוועגס, האָבן זיך שוין די קלעפּ פון די העק ווידער געהערט...

„האַרר", „האַרר".

אַ מענטש איז געהרגעט געוואָרן, זענען פאַראַן אַנדערע־מענ־טשן. דעם וואַלד מוז מען אָוועקלייגן, דעם וואַלד האָט מען פאַרקויפט.

ווען זיי זענען געקומען צוריק און דערציילט פאַר ניכען וועגן אומגליק, האָט זי דריי מאָל אויסגעשפּיגן און גענומען עפּעס מורמלען: „זאָל דאָס נאָר נישט זיין קיין שלעכטער סימן".

און די נאַכט איז פריער היינט געקומען ווי אַלעמאָל. די וואָלקנס האָבן זיך אַלץ מער פאַררייניקט. דער ווינט האָט נישט גערוט. אינמיטן נאַכט האָט אַרויסגעריסן אַ רעגן און עס איז גע־וואָרן אַזוי טרויעריק... צילקע איז אומרויק געשלאָפן, עטלעכע מאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און גערעדט צו סאַשען:

—עס איז שוין הערבסט, דו הערסט ווי דער וואַלד וויינט...

—ווערסט מיך נישט לאָזן אליין...

סאַשע האָט זי כסדר באַרויקט, אַז אין שטאָט איז אין הערבסט גאָרנישט טרויעריק, ביי זיי אין שטוב לייכטן גרויסע

לאָמפּן אין די אָוונטן. פון אויסלאַנד וועלן אינגיכן קומען טאַטע-מאַמע און זיין שוועסטער. זיי וועלן צילקען ליב האָבן און אַלץ וועט גוט זיין.

זי האָט אים געפילט אַזוי נאָנט און גערעדט האָט ער צו איר אַזוי טריי — האָט זי געגלייבט און איז געשלאָפן.

ביז די מומע ניכע איז געקומען אינדערפרי:

—קינדער, דער רעגן האָט אויפגעהערט, אייערע זאַכן זע-נען שוין איינגעפּאַקט...

—וועלן מיר פאָרן—האָט סאַשע אונטערגעכאַפּט...

—שוין?—האָט צילקע מיט גרויסע אויגן געפרעגט, און דאָס האַרץ האָט ביי איר מיט שרעק געקלאַפּט.

סאַשע איז דאָך אַ גוטער, און דאָך האָט זיך איר אויסגע-דוכט, אַז מען וויל זי אָוועקרייבן.

די מומע איז געלאָפן אַלץ צוגרייטן.

אין וואַלד איז קאַלטלעך געווען, נאָר די טרוקענע וואַל-קנס האָבן זיך אַ סך מאָל צופליקט און דורכגעלאָזט שטיקער זון. אַ גאַנצן טאָג האָט זיך די ליכט באַוויזן און באַהאַלטן.

צילקע האָט זיך אָפּגעבעטן אויף נאָך איין טאָג. פאָרן וועט זי, נאָר איין טאָג וויל זי נאָך פאַרבלייבן אין וואַלד. סאַשע האָט איינגעשטימט און געשמייכלט. ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַ-נען, וואָס אין איר איז פאָרגעקומען. זיי האָבן דעם טאָג אַרומגע-בלאָנדזשעט אין וואַלד. אויפן שאָסיי געשפּאַצירט.

—וועט מען טאַקע דעם וואַלד אויסהאַקן? אַלע ביימער וועט מען אָוועקליינן? און איך וועל דאָ נישט זיין?

—וועסט זיין אין גראָדנע.

—און דו וועסט שטענדיק זיין מיט מיר?

ער האָט נישט געהאַט קיין שלעכטע געדאַנקען און דאָך, בעת זי רעדט אַרויס דאָס וואָרט „שטענדיק", גיט אים דאָס אַ שטאָך אין האַרצן. און וועלנדיק זיך אַליין באַרויקן, חזרט ער עטלעכע מאָל איבער:

—„שטענדיק, שטענדיק. איך בין דאָך דיינער.

אויף מאָרגן איז אַן איינגעשפּאַנטע ברישקע געשטאַנען

ביי איסרס שטוב. שלמה פון גוראלניע איז געזעסן אויף די קאָז־לעס. אַ קאַלטער ווינט האָט געיאָגט און געטרוקנט דעם וואַלד. די מומע איז געווען פאַרוויינט, צילקע — פאַרוויינט, אפילו דעם שאָסיי־וועכטערס ווייב, וואָס איז זי געקומען באַגלייטן, האָט אויך געווישט מיטן פאַרטוך די אויגן.

דיביימער האָבן זיך געשאָקלט און צילקען האָט זיך אויס־געדוכט, אַז זיי זעגענען זיך מיט איר. און סאַשען האָט עס גע־נומען אויפרעגן — די אַלע געזעגענישן און קרעכצעניש.

—מען קאָן שוין פאָרן, הא, שלמה?

—„ניאָ!"

צילקע האָט גענומען וואַרפן די אויגן אויף רעכטס, אויף לינקס. דאָס פערדל האָט זיך האַסטיק אַ טראָג געטון און אַט פאַרשווינדט די מומע, די הייזער, די שטאַל. בלויז קופערנע סאָסנעס שטייען שטאַלץ און שלאַנק, ווי צו אַ פאַראַד...

—סאַשע, — פרעגט זי, — כ'וועל דאָ שוין מער נישט זיין?

—דעם וואַלד וועט מען אויסהאַקן, — ענטפערט סאַשע קורץ. ער האָט זיך אַליין אין דער רגע געפילט נישט פריילעך. ציל־קע האָט שטיל געוויינט, נאָר פלוצלונג האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען האַסטיק רעדען:

—אָט דאָ, אויף דעם אָרט, האָט זיך פרויקע געקושט מיט דער ציגיינערין. אָט דאָ, אויף דעם אָרט, זענען זיי געלעגן, ער מיט זיינע שטיוועלעך, זי — אַ באָרוועסע.

סאַשע האָט אויפגעהויבן אויף איר די אויגן. די טרערן האָבן זיך נאָך נישט אויסגעטרוקנט אויף אירע באַקן און דאָ האָט זי זיך גאָר דערמאָנט אַזאַ מעשה מיט פרויקען, מיט דער ציגיינערין.

סאַשע האָט באַמערקט, אַז די ערינערונג האָט איר אַביסל צושטרייט און מונטערער געמאַכט, האָט ער אומישנע אונטערגע־האַלטן דעם געשפּרעך וועגן פרויקען און וועגן דער ציגיינערין.

—און וואָס טוט ער היינט, דער פרויקע?

—ער שיכורט אודאי אַזוי ווי אַלעמאָל. די מומע ניכע האָט אים פיינט, דער טאַטע האָט אים פיינט, נאָר די מיידלעך

אין מסטיבאָווע ליבן זיך אין אים...

דערווייל איז מען אַרויסגעפאָרן אויפן שאָסיי און דער ווינט האָט נישט געלאָזט רעדען.

סאַשע האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט. די גאַנצע געשיכטע מיטן לעבן דאָ אין וואַלד, מיט זיין חתונה-האָבן,—דאָס אַלץ האָט אים אויסגעזען, ווי אַ לעגענדע. אַט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ וואַלד און אַרויסגעגנבעט אַ פרוי פאַר זיך.

און אַט פאָרט ער מיט איר קיין גראָדנע, צו זיין טאַטן אין שטוב אַריין.

VIII

דער עיקר...

ביי די לוריעס...

אזא גרויסע שטוב ביי זיי, מיט אזויפיל צימערן. צילקען האט זיך צום ערשטן אויסגעדוכט, אז זי וועט דא פארבלאנדזשעט ווערן. בעת זי איז דא אנגעקומען זענען די לאמפן מיט די בילדער געווען פארהאנגען מיט ווייסן לייוונט און מיט פאפיר, ווייל די לוריעס אליין זענען אוועקגעפארן קיין אויסלאנד, און אלץ איז געווען פארדעקט פון שטויב. סאשע האט געוואלט, אין שטוב זאל זיין הײמלעכער, האט ער פאראָרדנט, אז אלץ זאל געבראכט ווערן אין אָרדנונג, און עטלעכע טעג האבן מענטשן געפוצט, געשטויבט און געוואשן די צימערן, די פענסטער.

צילקע האט ארומגעבלאנדזשעט פון איין צימער אין צווייטן. זי האט זיך קיין אָרט נישט געפונען. און סאשע איז איר נאכגעגאנגען, געקוקט אין די אויגן. ער האט באמת געוואלט, אז צילקען זאל גוט זיין.

דער וואלד האט איר געפעלט... סאשע האט עס גוט געפילט, נאר ער האט געטראכט, אז זי וועט זיך בארויקן.

זי האָט געוווּסט און האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז דאָ געקומען אויף שטענדיק; אַז איר לעבן וועט איצט גאָר אַנדערש אַוועקגיין, נאָר אויסדולכטן פֿלעגט זיך איר פֿילמאָל, אַז היינט-מאָרגן, וועט זי דאָך צוריק אַוועק אין וואַלד צו דער מומע ניכע, צום טייכל, צו דער שטילקייט...

זי איז שוין דאָ אַמאָל געווען, בעת זי איז נאָך אַ קליין מיידעלע געווען, נאָר פֿון דעמלט אָן האָט מען די שטוב אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט און זי דערקענט דאָ גאָרנישט. בלויז די מומע פֿלעגט עס פֿאַר איר אַמאָל דערציילן, אַז זי, צילקע, איז אַנטלאָפֿן פֿון די לוריעס, פֿון גראָדנע—איז זי אַנטלאָפֿן און איבער וויסטע פֿעלדער געבלאָנדזשעט. אָבער דאָס איז שוין געווען לאַנג און היינט איז זי אַ גרויסע, זי איז געווען אין מסטיבאָווע ביים רב, און דאָרט האָט מען זי אַ גאָלדן רינגעלע אָנגעטון אויף אַ פֿינגער און אין שטאָט האָט מען איר געבראַכט. אַ גאַנצן טאָג גייט זי אין שיך און די פֿיס טוען וויי, נאָר זי וויל דאָס נישט דערציילן פֿאַר סאַשען, ער וועט לאַכן פֿון איר.

דאָרט אין צווייטן צימער—איז סאַשע. ער העלפֿט דאָרט צו. ער קייסט איבערשטעלן דאָס מעבל, אויספּוצן אַלץ.

און דאָ איז זי אויף אַ רגע אַליין געבליבן. איז זי צוגעגאַנגען צום פֿענסטער אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס, אויף וועלכער עס זענען ווייניק מענטשן געווען, אַנטקעגן, אויף אַ צווייט הויז איז געהאָנגען אַ שילד מיט אַן אויפֿשריפֿט: „דאַמסקי פּאָרטנאָי”. און פֿון וואָס צילקע האָט נישט געוואָלט טראַכטן, איז איר אַלץ דער אויפֿשריפֿט געקראָכן אין די אויגן, אין די געדאַנקען. און זי האָט אַליין אַזוי עטלעכע מאָל צו זיך איבערגעחזרט „דאַמסקי פּאָרטנאָי”, „דאַמסקי פּאָרטנאָי”. דעם פֿינגער האָט זי געהאַלטן אין מויל, ווי אַ פֿאַרחלומט מיידעלע און שטאַרק געבענקט און זיך געפֿילט פֿרעמד, פֿרעמד...

שוועבט אַרום אַ סאָסנע פֿאַר די אויגן, אַ צווייטע, אַ דריטע און אַ גאַנצער וואַלד שטעלט זיך אויס. שלאַנק און רויק שטייען די ביימער און האַלטן איין אויף זייערע אַקסלען אַ גרויס-גרוי-

סע רויקייט פאַר צילקען. זי שפּרייזט צווישן די ביימער... ווו וועט זי היינט גיין? קיין פּרודנע! דאָרט איז אַזאַ ליכטיקער הויף, די שטעגלעך זענען מיט זשאַווער אויסגעשיט און די הייזער זענען באַפּוצט מיט געשניצטע גזימסעלעך, דעם פּאַנס טאָכטער טראָגט אַזעלכע שיינע קליידלעך. זי לעבט אין פּעטערבורג, דעם „פּאַנס" טאָכטער, נאָר אויף זומער קומט זי קיין פּרודנע און גייט אַרום איבער די ריינע שטעגעלעך און הויף און רעדט נישט מיט קיינעם. זי גלעט די הינט, וואָס לויפן איר נאָך און רעדט נישט מיט קיינעם.

און איינמאָל בעת צילקע איז געקומען קיין פּרודנע, האָט דעם פּאַנס טאָכטער זי צוגערופן און זיך צונויפגערעדט מיט איר... פון וואַנעט? צו וועמען זי קומט? דערנאָך האָט זי איר געבעטן, זי זאָל וואַרטן אַביסל, איז אַריין אין שטוב און איז פון דאָרטן אַרויסגעקומען מיט אַ ברעטל באַצויגן מיט לייוונט, מיט פּענזעליקלעך, מיט פאַרב און צילקען האָט זי געהייסן שטיין און קוקן אין דער ווייט...

צילקע האָט געפאָלגט און דעם פּאַנס טאָכטער האָט געמאָלט, געמאָלט... ביז צילקען האָבן אָנגעהויבן וויי טון די פיס און יענע האָט אַלץ געמאָלט... צילקען איז לאַנגווייליק געוואָרן, זי האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי דעם פּאַנס טאָכטער, האָט זיך די פריצטע פונאַנדערגעלאַכט און איר אָפּגעלאָזט, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז זי זאָל מאָרגן ווידער קומען. צילקע האָט צוגעזאָגט. נאָר אין יענעם זומער איז זי שוין מער קיין פּרודנע נישט געקומען. זי האָט מורא געהאַט: די פיס האָבן איר דאַן אַזוי ווײ געטון.

און איצט דוכט זיך איר אויס, אַז דעם פּאַנס טאָכטער האָט זי ווידער געכאַפּט און זי מוז, זי מוז שטיין און קוקן אויף איין אָרט אין דער ווייט...

נאָר פון פּרודנע איז זי געלאָפן צו זיך אין וואַלד. און ווו וועט זי פון דאַנעט לויפן? זי טראַכט און באַמערקט נישט, ווי סאַשע קוקט אויף איר... אַ שווערער וואָגן לויפט פאַרביי דעם ברוק און די רעדער הילכן קלאַפּנדיק זיך אָן די שטיינער. זי

כאַפּט זיך אויף פון אירע געדאַנקען און דערזעט סאַשען.

—דיר איז אומעטיק, צילקע?—און גיט באַלד צו:

—וועסט זיך איינגעוויינען! וואַרט נאָר, מיינע וועלן קומען פון אויסלאַנד, דאָ וועט ווערן פריילעך, געסט וועלן קומען.

ער נעמט זי אונטער דער האַנט און פירט איר אַריין אין אַ צווייטן אויסגעפוצטן צימער.

אַ גרויסער שפּיגל גלאַנצט פאַר איר און אין שפּיגל זעט זיך דאָס גאַנצע צימער מיט די לאָמפּן מיט די בילדער... זיי זעצן זיך אַוועק אויף אַ ווייכער קאַנאַפּקע און צילקען דוכט זיך, אַז זי פאַלט אין אַ גרוב אַריין, לאַכט זי זיך פונאַנדער...

—נו גוט, וואָס דו לאַכסט צילקע, עס וועט זיין גוט, דו וועסט זען, עס וועט גוט זיין, דו וועסט זיך צופּאַסן, צוגע- וויינען צו אונזער לעבן. אַ מענטש קאָן זיך צו אַלץ צופּאַסן, אפילו צו רייכקייט אויך.—נאָר זי הערט אים שוין נישט. זי האָט באַמערקט אין ווינקל דעם קלאַוויר און זי איז דאָרט צוגע- שפּרונגען:

—דעם פּאַנס טאָכטער אין פּרודנע האָט אויך אַזאַ קאַסטן נאָר אַ ברוינעם און דער איז אַ שוואַרצער.—רירט זי אָן מיט די פינגער די קלאַווישן, ענטפערן זיי אָפּ מיט עטלעכע האַלבע טע- נער, שפּרינגט זי אויף, די „קאָזקע", און קוקט זיך אַרום אין צי- מער, פּונקט ווי זי וואָלט זוכן די טענער צי זיי זענען ערגעץ נישט אַראָפּגעפאַלן. ניין, זי געפינט זיי נישט, די קלאַנגען. קלאַפּט זי ווידער און שוין העכער, דרייסטער און זי פאַרגעסט שוין אין דער רגע אָן סאַשען, אָן אַלעמען... פּויקט אין קלאַוויר און לאַכט אויפן גאַנצן קול אַזוי, אַז די גאַמען מיט איר לאַכן גיסן זיך צונויף אינאיינעם.

סאַשע איז צופרידן, וואָס זי האָט זיך פאַרשפּילט, נאָר אין דעראַמתן וואָלט ער שוין וועלן, אַז זיינע זאָלן שוין קומען פון אויסלאַנד. ער האָט געטראַכט, אַז זיי וועלן זיך אויך פאַרנעמען אַביסל מיט צילקען און איר וועט לייכטער ווערן...

ווייל...

ער איז שוין מיד פון שטענדיקן נאָכגיין נאָך איר, פון

דעם שטענדיקן ציטערן פאַר איר.

דאָ איז זי אומרויק, דאָ בייזערט זי זיך, דאָ באַדאַרף מען אַ שניידערין, אַ שוסטער... די אַלע קלייניקייטן האָבן ווי אַרומגעצוימט זיין גאַנץ וועזן און עס האָט זיך אים פאַרוואָלט פרייער אָפּטעמען פון דעם אַלעם.

זאָלן זיי שוין קומען פון אויסלאַנד.

אין גאַס איז ער איצט ווייניק געגאַנגען, סאַשע, נאָר ווען ער האָט געהערט פייפן די באַן אָדער ווען ער פלעגט אַריינקוקן אין אַ צייטונג צי אין אַ זשורנאַל, פלעגט ער זיך דערמאָנען די גרויסע וועלט. און די אַלע געשעענישן, צו וועלכע ער האָט פריער אויך געהאַט אַזאַ קליינע שייכות, זענען אים איצט אַזוי נאָנט געוואָרן, פונקט ווי ער וואָלט אָן זיי נישט געקאָנט לעבן.

און דאָ קומט זי צוגיין, די צילקע, און פאַרטרויט אים, פונקט ווי זי וואָלט אין דעם שולדיק געווען, די פיס טוען איר וויי. נישט צוגעוויינט צו די שטאָטישע שיכעלעך. צווינגט זי סאַשע, זי זאָל די שיך אויסטון, און ער זעט, אַז זי האָט זיך שוין ווונדן אָנגעריבן...

—אַ רחמנות אויף דיר, צילקע.

—פאַרוואָס אַ רחמנות?

—ווייל דו ביסט ווי אַ פויגל אין שטייגל, אמת, צילקע?

—יאָ, נאָר דו זאָגסט, אַז איך וועל זיך צוגעוויינען...

—אודאי, אודאי... אַלע געוויינען זיך צו אַלץ צו.

און...

עס איז אַ הערבסט־פאַרנאַכט. אָן זון-פאַרב פאַרגייט דער טאָג. אַמאָל קלאַפּט אַ וואָגן, אַמאָל רוישן די מענטשן, נאָר בלויז קורצע רגעס, און עס דאַכט זיך זיי ביידע אין דער שטילקייט, אַז זיי זענען אין אַ פרעמדן שלאָס, צווישן פרעמד אומבאַקאַנט מעבל. און עס ווילט זיך פריינטשאַפט, איבערגעגעבנקייט. גלעט ער זי, טוליעט ער זי צו זיך און ביי יעדן גלעט דוכט זיך איר אויס, אַז זי איז אין וואַלד, אין וואַלד קומט עס פאַר.

און אפשר? סאַשע טראַכט אין זיך. אפשר דאַרף ער זיך נישט באַאומרויקן און נישט בענקען מער נאָך טומל, און אפשר

זאָל ער טאַקע זיך אינגאַנצן אָפּגעבן צו דעמדאָזיקן נישט-דרעסירטן ווערק פון וואַלד, וועלכער האָט אים אַזעלכע לע-בעדיקע שעה'ן געגעבן דאָרט ביים טייכל, ביי דער צווילינג-סאָסנע?

פאַרטראַכט ער זיך.

און זי כאַפּט זיך אויף, ווי פון אַ שלאָף, בעת סאַשע ווערט שטיל.

—פון וואָס טראַכסטו? דעם אמת זאָג!

—וואָס טראַכסטו פון מיר?

—אַז דו ביסט געוואָרן אַזוי ווי אַן אַנדערע, האָסט די פליגלען דיינע אין זיך אַריינגעצויגן. האָסט זיך באַהאַלטן אין זיך.

—פליגלען... איך האָב קיינמאָל קיין פליגלען נישט געהאַט. קושט ער זי:

—קינד, דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, דאָרטן אין וואַלד ביסטו לעבעדיקער געווען.

—אָבער, דו זאָגסט דאָך, אַז איך וועל זיך צוגעוויינען...

—און דו ווילסט זיך צוגעוויינען?

—איך וויל, אָבער דו וועסט נאָך מיט מיר פאָרן ווען אין וואַלד?

—געוויס, מיר וועלן פאָרן אין אַ סך ערטער...

עס ווערט פינסטער אין צימער, עס ווערט שפּעט. טראַכ-טנדיק און קושנדיק זיך ווערן זיי ביידע אַנטשלאָפן אויף דער ווייכער קאַנאַפּע.

די אַלטע דינסט, שורא, איז שוין עטלעכע מאָל אַריין אין צימער, זי האָט זיי געוואָלט צום טיש בעטן אָוונט-ברויט עסן, נאָר די „פאַרליבטע" שלאָפן. גייט זי אַוועק פון צימער און קוועטשט מיט די פּלייצעס.

אַז זי ווייסט נישט, די דינסט, וואָס דאָ קומט פאָר.

דער „פאַניטש" שפּאַסט דאָך אודאי, בעת ער זאָגט, אַז דאָסדאָזיקע צושראָקן מיידל איז זיין ווייב.

אַז די „אַלטע" וועלן קומען פון אויסלאַנד וועט אַ סקאַנדאַל זיין.

אַלעבן האָט זי דאָ אָפּגעדינט ביי די לוריעס און זי איז זיי געטריי, ווי אַ הונט, נאָר איצטער ווייסט זי נישט וואָס דאָ טוט זיך.

אין שטאָט רעדן אויך אַלע, אַז דער „אויסלענדער" האָט חתונה געהאַט...

—אַ גליק באַשערט אַ מיידל פון אַ וואַלד-משרת.

—ער איז אודאי משוגע געוואָרן, לוריעס קדישל...

—דער טאַטע וועט נאָך האָבן נחת פון אים...

—אָבער די מאַמע, זי האַלט שוין יאָ צו שטאַרק פון יחוס, זי וועט זיך בלאָזן...

און ביי יעדן, וואָס האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט צו זיין אין דירדאָזיקע טעג אין לוריעס הויז, — ביי יעדן האָט מען אויסגעפרעגט:

—וואָס איז זי פאַר אַ איינע?

—און ס'אַשע אַליין, ער איז צופרידן?

גראָדנע האָט געהאַט צו רעדן. און יעדערער, וואָס פלעגט פאַרבייגיין לוריעס הויז, האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די פענסטער און שטאַרק אַריינגעקוקט...

אינעווייניק האָט מען געפוצט די צימערן, מען האָט זיך געריכט אויף די אַלטע לוריעס, אַ יעדן טאָג באַדאַרפן זיי אָנפאָרן פון אויסלאַנד.

דערווייל זענען די פענסטער פון דעם גבירישן הויז פאַרהאָנגען מיט שווערע גאַרדינען.

און ציליקע אַליין האָט שוין אויך געוואָלט, אַז די אַלטע זאָלן קומען. זי האָט מורא געהאַט פאַר עפּעס... מיטאַמאָל האָט זי דערזען די וועלט, און אַז אויף דער וועלט זענען דאָ אַ סך מענטשן, און מיט יעדן מענטשן דאַרף מען וויסן, ווי צו רעדן...

אפילו די שניידערין, וואָס קומט צו איר אין שטוב וויל אויך ביי איר עפּעס אויספאָרשן, און די אַלטע דינסט שורה קוקט אויף איר מיט בייזקייט און חשד

נאָר איין סאַשע האַלט זי אין איין טרייסטן און באַרויקן:

—דו זיי דאָ, ווי ביי זיך אין דערהיים, ס'איז מיין טאַטנס שטוב, ס'איז מיין שטוב!—און דאָך איז איר דאָ אַלץ פרעמד. זי האָט זיך מורא צוצורירן צו די אַלע חפצים, האָט מורא הויך די טריט צו שטעלן.

זיצט דאָ, אַזויווי אין אַ תּפיסה. אויפן גאַס איז שוין קאַלט און אויסערדעם גייט מיט איר סאַשע אין ערגעץ נישט אַרויס, ווייל די שטאָט איז גרויס: זאָל ער זיך מיט איר נאָר באַווייזן וועט מען זיי נאָכלויפן.

טעג גייען אַוועק נאַסע, כמורנע. צילקע איז פאַר דער צייט בלייך געוואָרן...

און דאָרטן אין מסטיבאָווע? וואָס טוט דאָרט די מומע ניכע?

און דאָרטן אין סוויסלאָטש? דער שוויי־גנדיקער טאַטע, וועלכער לאָזט פון זיך אַ וואָרט נישט צו הערן...

און דעם וואַלד זייערן האַקט מען אויס, דאָס טייכל וועט אויסטריקענען און צילקען וועט שוין קיינמאָל נישט זיין אַזוי רויק אויף דער נשמה, ווי אַמאָל.

סאַשע האָט „געפירט" די שטוב אין דידאָזיקע טעג. פריער וואָלט זיך אים דאָס קיינמאָל נישט געחלומט, אַז אים זאָלן אינ־טערעסירן אַזעלכע קלייניקייטן. ער האָט עס געטון צוליב צילקען און צוליב... זיך אַליין, געוואָלט מיט עפּעס באַרויקן דאָסווערעמל, וואָס האָט פון צייט צו צייט געעגבערט דעם מח זיינעם.

און אין שטאָט האָט מען שוין גערעדט:

—ער ווערט אַ לייט, דער „סאַשקע"!

—אינטערעסירט זיך מיט אַלץ...

—אַז מען ווערט עלטער ווערט מען קלוגער...

—עס וואַרט דאָך אויף אים אַזאַ ירושה...

—גענומען אַ ווייבעלע און וואַרעמט זיך אין דערהיים...

איינמאָל באַגינען, עס איז נאָך געווען פינסטער גענוג, האָט זיך דערהערט אַ טומל ביי די לוריעס אין שטוב. צילקע און סאַשע—ביידע האָבן זיך אויפגעכאַפּט

—וואָס איז געשען?—האָט צילקע געפרעגט. סאָשע האָט רויק געענטפערט:

—די אַלטע זענען געקומען, שוין געקומען פון אויסלאַנד...

—זיי וועלן זיין אין כעס אויף מיר, האַ, סאָשע?

—פאַרוואָס אין כעס?

—ווייל איך בין דאָ אַ פרעמדע...

—קינד, שלאָף רויק, און איך וועל גיין זיך פרייען אַביסל מיט טאַטע און מאַמע...

צילקע איז געבליבן אַליין אין צימער, נאָר שלאָפן האָט זי נישט געקאָנט. זי האָט געהערט, ווי אין אַנדערע חדרים האָט מען גערעדט העכער און נידעריקער, מען האָט געשריען און זיך גע'סוד'עט. זי האָט געוווסט און פאַרשטאַנען, אַז מען רעדט פון איר און עס איז איר אַזוי ענג געוואָרן... זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן פענסטער: אפשר אַנטלויפן פון דאַנען, פון די פרעמדע מענטשן? אַנטלויפן, אָבער וווהין? דעם וואַלד האָט מען אויס. דער טאַטע דאָרט שווייגט אויך ווי אַ פרעמדער, און פון סאָשען וויל זיך דאָך נישט אַנטלויפן — ער איז אַזאַ גוטער...

אָט איז ער שוין ווידער לעם איר, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און גלעט זי און רעדט גאָרנישט, ביז צילקע רייסט איבער זיין שווייגן:

—וואָס האָבן דיינע געזאָגט? זיי ווייסן שוין, אַז איך בין דאָ פאַראַן, אַז איך האָב זיך אַריינגעגנבעט אין אַ פרעמדער שטוב?

—צילקע, רעד נישט אַזוי, די שטוב איז דיינע, ווי מיינע, ווי זייערע. זיי האָבן דיך שוין ליב, זיי וועלן זיך קושן מיט דיר, וועסט זען.

אָט אַזוי האָט ער זי געטרייסט און גערעדט צו איר ביז עס איז גוט ליכטיק געוואָרן. טאָג איז געוואָרן און ער איז ערגעץ אַוועק, סאָשע. צום ערשטן מאָל איז ער אַוועק אין שטאָט אויף אַ פּאָר שעה און צילקע איז געבליבן אין צימער אַליין. שורא האָט איר טיי געבראַכט און זי האָט איצט שוין נישט געקוקט אויף איר אַזוי בייז, די אַלטע דינסט.

זי האָט זיך שוין עטלעכע מאָל איבערגעקוקט און אין

שפיגל כסדר געקוקט, די צילקע. מיטאמאָל עפנט זיך די טיר און סאַשעס שוועסטער, די גימנאַזיסטין העלאַ, לויפט אַריין אַ דערפרייטע, אַן אויפגעמונטערטע און כאַפּט זיך קושן מיט צילקען:
זי רעדט גיך...
— מיר וועלן זיין, ווי שוועסטער, אמת, צילקעלע? איך וועל דיך ליב האָבן, ביי אונז וועלן דיך אַלע ליב האָבן... מיר וועלן זיין, ווי שוועסטער. אַך, איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז סאַשע זאָל חתונה האָבן, אַלע האָבן דאָס געוואָלט ביי אונז. דער טאַטע איז שוין צופרידן און די מאַמע וועט זיין צופרידן... צילקעלע, צילקעלע..
פונקט, ווי זיי וואָלטן טאָג און נאַכט איינאיינעם געווען. פון וואָס האָט זי נישט אויסדערציילט פאַר צילקען: פון אויסלאַנד, פון גימנאַזיום, וווהין זי באַדאַרף באַלד לויפן, ווייל זי האָט שטאַרק פאַרשפּעטיקט, דורכגעלאָזט עטלעכע וואָכן.
צילקע האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט גערעדט, נאָר עס איז איר היימלעכער געוואָרן.
ווען העלאַ איז אַוועק איז אַריין צו איר דער אַלטער לוריע, אַן אויסגעפּאַשעטער, נאָכמער פאַררונדלט ווי פריער.
ער איז צוגעגאַנגען צו צילקען און געוואָלט זיך מיט איר קושן, האָט זי זיך דערשראָקן.
— וואָס שרעקסטו זיך, „קאָזקע“? איך בין דאָך אַ צווייטער טאַטע, מיט אַ טאַטן מעג מען זיך קושן! — און נאָך דעם האָט ער ארויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל און אַרויסגערעדט:
— מיין סאַשע איז אַוועק אין מיינע וועלדער און דאָרט אַ פייגעלע געכאַפּט, אַ שיין פייגעלע, אַ טייער פייגעלע, עס וועט דיר זיין גוט ביי אונז, צילקע...
אינדעם איז סאַשע צוריק פון גאַס געקומען און דער אַלטער האָט באַמערקט, אַז זיין זון טראָגט נאָך אַלץ דעם גרינעם קאַפּעליוש...
— דעם קאַפּעליוש האָסטו שוין באַדאַרפט אַוועקוואַרפן, איצטער אודאי...
— פאַרוואָס איצטער אודאי?

—אַז מען האָט שוין אַ ווייב.

—טאַטע!

—וואָס, סאַשע!

—גאָרנישט... דער קאַפּעליוש ליגט דאָך אויף מיין קאָפּ.

—נו, לאָמיר זיך נישט קריגן,—האָט דער גוט־געשטימטער לוריע זיך געבעטן ביי זיין זון. אין דעם איז אויך אַריינגעקומען די אויסגעשלאָפענע פרוי לוריע... זי איז רויק אַריינגעקומען און קאַלטבלוטיק אַלעמען באַטראַכט, צוגעגאַנגען צו צילקען און זיך צוקושט מיט איר...

—ביסט דאָך טאַקע אַ שיינע, איצטער פאַרשטיי איך מיין זון.—זי האָט זיך איצט געסטאַרעט זיין רויק און אונטערגעגעבן. נאָר באַגינען בעת זי האָט מיט סאַשען גערעדט וועגן צילקען, האָט זי עטלעכע בייזע ווערטער אַריינגעוואָרפן אין שמועס...

—ווי פרעגט מען עס קיין וואָרט נישט ביי טאַטע־מאַמע?

אָבער סאַשע האָט זי גלייך אָפּגעשטעלט און געוואָרנט, אַז אויב זי וועט נאָך איין וואָרט רעדן נעמט ער צילקען און פאָרט אַרויס פון שטוב.

דעם אַלטן לוריען האָט סאַשעס טאָן דערפרייט. הייסט עס, אַז ער האָט ליב דעם משרת איסרס טאָכטער. און אַז מען האָט ליב אַ ווייב, מוז מען ווערן אַ מענטש.

צילקע האָט איצט געקוקט אויף די אַלע מענטשן, האָט זיך אַביסעלע געשראָקן פאַר זיי. זי האָט נאָר געוואָלט, אַז סאַשע זאָל זיין לעם איר, און יענער האָט זיך נאָר געבעטן ביי איר:

—לעבעדיקער, צילקע, גיב נאָר אַ שפרונג אַזוי ווי אין וואַלד!

—עס שפרינגט זיך נישט, סאַשע, דאָ איז נישטאָ, וווּ צו שפרינגען, איך וועל נאָך עפּעס צעברעכן.

—אָבער טראָג נישט אַזוי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ...

גלייכט זי זיך אויס אינגאַנצן, הייבט אויף שטאָלץ דעם קאָפּ און קוקט אויף אים...

—אָט אַזוי געפעל איך דיר?

—יאָ... דו פאַרגליווערסט זיך, אָבער, ווי אַ כּטאַטוע...

—וואָס איז דאָס אַזוינס? דו מיינסט, אַז איך בין אין שטאָט, פאַרשטיי איך שוין אַלע דיינע ווערטער?

לאַכט ער פריילעך.

אין דעם קומט די מאַמע אַריין און טראָגט צו צילקען אַ שנירל פערל:

—ווערסט ביי מיר צונעמען די מתנה...

די אַלטע פרוי לוריע האָט געהאַט פיל צירונג. דאָס איז געווען ביי איר אַ גוואַלדיקע ליידנשאַפט. יעדן טאָג פלעגן קומען צו איר מענטשן מיט פאַרשידענע גאָלדענע חפצים, מיט בריליאַנטן און פערל. זי פלעגט קויפן און ביישן... שטענדיק געטומלט וועגן רינגעלעך און אוירנגלעך...

—סאַשע מיט די הינט און מיין ווייב מיט די פערל, — פלעגט זיך וויצלען דער אַלטער לוריע.

איצט האָט צילקע געהאַלטן דאָס שנירעלע פערל אין האַנט און נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט דעם.

איז די פרוי לוריע צוגעגאַנגען צו איר נאָכאַמאָל און עס איר אָנגעטאָן אויפן האַלדז...

עטלעכע נייע בלייכע שטראַלן זענען געפאַלן אויף צילקעס פנים...

און פון דעמלט אָן האָט צילקע באַקומען אַ סך מתנות פון אַלעמען. מען האָט זי ליב געקריגן און יעדערן האָט גע־פרייט איר וואָרט, איר ענטפער. מען האָט זי געקעכלט און זי האָט זיך געשפילט מיט די מענטשן. עס איז אַוועק אַ צייט פאַר איר פון קליידלעך, צירונג, פון סטענגעלעך און בענדעלעך. מען האָט נישט געוווסט וואָס צו טון מיט אירע האָר, ווי אַזוי עס צו פאַרקעמען — אַזויפיל האָר! וועלכע פריזור מאַכט מען פון זיי.

און מער פון אַלעמען האָט מיט איר זיך געוויילט די יונגע העלאַ — סאַשעס שוועסטער.

—דו ביסט אַ וואַלד־מיידל, ביסט געבוירן געוואָרן אין וואַלד?

—יאָ, — ענטפערט צילקע.

—טאָ, דערצייל עפּעס פון וואַלד.

און צילקע פלעגט דערציילן פון דער מומע ניכע, פון מסטיבאָווע, פון פרודנע, נאָר פלוצלונג רייסט זי איבער איר דער-ציילונג.

—אַז עס איז נישטאָ וואָס צו דערציילן פון וואַלד: עס שטייעןביימער און שווייגן, עס לויפט אַ טייכל און רוישט...

—און פרויקע? — פלעגט צושטיין העלאַ.

זי האָט שוין געהערט פון צילקען פרויקעס נאָמען און שטענדיק פלעגט זי פרעגן וועגן אים:

—ער מוז זיין אַ שיינער.

—איך וואָלט אים וועלן זען...

און זי פלעגט אויך דערציילן פאַר צילקען מעשיות פון די גימנאַזיסטן. צילקע פלעגט אַלץ אויסהערן און שמייכלען. געדאַכט האָט זיך דעמלט, אַז זי האָט עפּעס אַנדערע געדאַנקען, אַז זי איז ווייט פון דאַנעט.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך צו די לוריעס אַריינרוקן אַ פּאָר פרעמדע אויגן, נייגעריקע אויגן פון אַ שכן, צי פון אַ ווייטן קרוב, און דערזעענדיק צילקען, פלעגט מען פרעגן:

—דאָס איז אייער שנור? פון וואַלד איז זי?

און אין שטאָט האָט מען שוין גערעדט, אַז זי איז זייער אַ באַחנטע, דעם „אויסלענדערס" ווייבל, און אַז די גבירים, די לור-יעס האָבן זי זייער ליב באַקומען.

—אין אַ שמאַלץ-גרוב אַריינגעפאַלן...

—אַ גליקלעכער שידוך...

—אָבער דער „סאַשקע" האָט דעם גראָען קאַפּעליוש נישט אַוועקגעוואָרפן...

—אַזעלכן וועט אפילו דאָס שענסטע ווייב גאַנץ גיך דערעסן...

שטאָט האָט געהאַט וואָס צו רעדן אין די לאַנגע נעכט פון אָנפאַנג ווינטער, נאָר צילקע אַליין האָט די אַלע פרעמדע מענטשן נישט געקענט און נישט געוווּסט. זי איז מיטאַמאָל אַרומ-גערינגלט געוואָרן מיט אַ סך ליבע און איבערגעגעבנקייט, זי האָט זיך גיך צוגעבונדן צו די לוריעס.

און סאַשע...

איס האָט עס שטאַרק געפרייט, וואָס צילקע פאַרברענגט און לאַכט מיט „זיינע”. וואָס מער מיט זיי—אַלץ וויניקער מיט אים, און ער האָט ווידער געקענט גאַנץ רויק ליגן אין אַן אָפּ-געזונדערטן צימער אויף אַ ווייכער קאַנאַפּע און טראַכטן...

פון וואָס?

צום גרעסטן טייל פלעגט ער טאַקע טראַכטן פון צילקען... וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז ער, סאַ-שע... ער, ער... זאָל אַוועקגיין מיט אַ מיידל צו אַ רב און אויף אייביק זיך פאַרבינדן.

עס איז דאָך, אָבער, יאָ געשען...

און אָן חרטה...

וואָס איז איצטער? צילקע האָט אין וואַלד געלאָזט אַ שטיק פון איר רייץ, דאָרטן, צווישן די ביימער, וווּ איר עכאָ האָט זיך דריימאָל איבערגעקייקלט, דאָרט, אַ בערוועסע—פלעגן אירע אויגן אַזויפיל לעבן ווארפן אין די שאָטנס... און דאָס לעבן האָט אים געפאַנגען...

איצטער...

ער וויל זיך דאָך פאָרט אין עפּעס מודה זיין: יענע פּע-דעם, וואָס האָבן זיך געשפּונען בלויז פון גרינעם אָפּגלאַנץ פון די סכך-נאָדלען מיט קלאַנגען פון וואַלדס-עכאָ, מיט דעם רויש פון אַ טייכל, וואָס ווייס נאָר איין זאַך: לויפן, לויפן און רוישן... יענע פעדעם, וואָס האָבן ווי מיט אַ סך זייד-קנוילן זיין נשמה פאַרזיימט. זיי האָבן זיך איבערגעריסן צוזאַמען מיטן זומער, וואָס איז אַוועק...

איצט האָט ער אַ ווייב. באַנאַכט שלאָפן זיי אין איין צי-מער און זי אַליין, די נאַאיווע, האָט אַנומלט געמאַכט אַ גרויסע אַנטדעקונג מיט איין קורצער פראַזע:

—דו ווייסט! — האָט זי דאַן געזאָגט צו סאַשען...

—וואָס, טייערע?

—אין וואַלד האָט זיך געשמאַקער געקושט.

—אַך, דו שטיפערקע!—ער האָט עס אויסגעלאַכט, נאָר שפּע-טער האָט ער זיך באַרעכנט, אַז זי איז גערעכט: אין וואַלד האָט

זיך טאַקע געשמאַקער געקושט, ער האָט געמיינט, אַז ער וועט פאַרברענט ווערן פון זיין ליידנשאַפט צו איר.

איצט...

אַלטע ביכער, וואָס ער האָט שוין זיי לאַנג פאַרגעסן און אויסגעלאַכט. ער האָט זיך גענומען צו זיינע אַלטע ביכער. וואָס עס פעלט אים נישט אַריין אין האַנט, אַלץ בלעטערט ער און לייענט. און דערעסן אים די ביכער — איז פאַראַן פאַר אים אַ צווייט פאַרגעניגן: ליגן און גלאָצן מיט די אויגן אויף די ווענט, ציילן די קוואַדראַטן אויף די טאַפּעטן און רייכערן.

און דאָס איבעראַשט שוין אַפילו דעם אַלטן לוריע, וועלכער איז שוין גוט צוגעוויינט צו זיין זונס „געגנג".

—חתונה געהאַט און געבליבן דערזעלבער.

סאַשען באַליידיקן דידאָזיקע פראַגן, נאָר ער פאַרשווייגט. ער פילט זיך שולדיק. ער ווייס, אַז ער איז שוין אַזאַ פאַרפאַ־לענער ליידיקגייער און ער דאַנקט גאָט, אַז מען לאָזט אים אַליין.

דאָרט אין די צימערן לאַכט צילקע.

זאָל זי לאַכן!

אודאי האָט מען פאַר איר געבראַכט אַ נייע מתנה און זי פרייט זיך.

זי, צילקע, שפּרייזט אַרום אין די פרעמדע חדרים און האָט זיך נאָך אַלץ מורא. דאָ זענען אָנגעשטעלט טישעלעך מיט קרישטאָל, מיט וואַזעס... זי איז זייער פאַרזיכטיק, טאָמער וואַרפט זי עפּעס אום, טאָמער וועט זיך עפּעס צוברעכן.

העלאַ און סאַשעס מוטער לערנען איר איצט ווי צו האַלטן גאָפּלס־מעסער...

האָט זי דעמלט געלאַכט ביים עסן, בעת מען האָט איר אָנגעוויזן צום ערשטן מאָל, אַז אַזוי האַלט מען נישט קיין גאָפּל. זי פאָלגט און איז זייער אַ גוטע שילערין: איינמאָל געהערט—און שוין געדענקט זי אויף שטענדיק.

און דאָך אַזוי אַרומגערינגלט מיט ליבע און איבערגעגע־בנקייט, דערשרעקט זי זיך אָפט און נעמט וואַרפן מיט די אויגן אין אַלע זייטן. קוקט אָן די אַלע, וואָס זיצן נעבן איר

זוי פרעמדע און רופט אויס:
—ווו איז סאַשע? סאַשע ווו איז?
ער איז אין צימער נישטאָ, לויפט זי אין די איבעריקע חדרים אים זוכן און געפינט אים ערגעץ אויף אַ קאַנאַפּע.
—סאַשע, פאַרוואָס ביסטו אַליין! פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן פון אונז?
—קינד, איך בין נישט אַנטלאָפן, איך האָב ליב אַזוי צו טראַכטן אָפּגעזונדערט.
קוקט זי אים אָן און קוקט אין זיך אַריין: אפשר האָט זי מיט עפּעס געזינדיקט? אפשר צופיל געלאַכט? אפשר זיך נישט גוט געהאַלטן? און דערפאַר איז ער, דער סאַשע, איצט אַזאַ פרעמדער, אַזאַ קאַלטער...
—סאַשע, — בעט זי זיך ביי אים, — זיי נישט אַזאַ...
—ווי „אַזאַ"?—פרעגט ער...
ווייסט זי נישט, ווי אים דאָס געבן צו פאַרשטיין, פּלאָנטערט זי מיטן צונג און ווערט טרויעריק.
כאַפּט זיך דעמלט סאַשע, אַז ער איז שוין צו ווייט אַוועק, ער איז שוין צו זיכער ביי זיך געוואָרן און גאָר פאַרגעסן, ווי ער איז דאָ אין דער וועלט.
אַ ווייב האָט ער, ער איז ביים רבּ געווען אין מסטיבאָווע... די פריילעכע צילקע פון וואַלד. זי האָט אַזעלכע שטייפע אָרעמס און אַזאַ נאַאיווע נשמה, זי האָט אים אַזויפיל געגעבן אין די זומער-טעג אין וואַלד.
און ער האָט זי פון וואַלד צוגענומען, אין שטאָט צו זיינע קרובים געבראַכט און אַלע קוקן אויף אים און צווינגען אים מיט ווערטער און מיט שווייגן, אַז די צילקע מוז ווערן ביי אים דער עיקר...
דער עיקר.
עס קוקט אים אַריין אין די אויגן, שטרעקט אויס צו אים שלאַנקע, שטייפע הענט, רעדט צו אים, וועקט אים, טרייסלט און לאָזט אים אַ רגע אַליין נישט זיין.
און פאָדערט...

ליבע, אויפמערקזאַמקייט, צערטלעכקייטן און ווערטער, ווערטער.

ער זאָל רעדן, ער זאָל עפּעס דערציילן.

און אַ סך מאָל דערמאַנט ער זיך אין אַזעלכע רגע׳ס אַ באַרג ערגעץ אין דער שווייץ. ער טיילט זיך אָפּ פון אַלעמען און קריכט אַלץ העכער, ווייטער, איינער אַליין צווישן די פעלזן. און מע׳ג ער ביזן הימל דערקריכן, און מעג ער אין אַ טאָל זיך אַראָפּשעדיקן— קיינעם וועט עס נישט אָנגיין און קיינער וועט אים נישט נאָכגיין.

און אָט דאָ אַנטלויפט ער אויף אַ האַלבער שעה אין אַ באַזונדערן צימער און זי איז שוין נעבן אים.

די גוטע, די דרייסטע, די נאַאיווע צילקע.

די, וואָס האָט אים אַלץ אָפּגעגעבן און פאָדערט דערפאַר אַלץ פון אים...

ער ראַנגלט זיך און דערשטיקט יעדעס מאָל אין זיך זיין כעס, זיין אומגעדולד, און אָנשטאָט בייז צו ווערן, נעמט ער זי גלעטן, טרייסטן, ביז ער באַרויקט זי און באַרויקט זיך אַליין.

עס איז דאָך געווען גוט אַריינצוקוקן אין אירע אויגן, דערפילן איר צאַפּלדיקן קערפּער און עס פאַרגעסט זיך אַלץ.

און עס דערמאַנט זיך ווידער דער וואַלד. זייערע געמיינזאַמע נעכט מיט אירע צעפּאַלענע האָר, וועלכע שמעקן נאָך אַלץ מיט פען...

—מיר האָט זיך אויסגעדוכט איצט, אַז איך בין נאָך אין וואַלד.

—און מיר אויך, צילקע!

—דאָרטן האַקט מען שוין אודאי דיביימער אויס.

—ס׳קאָן זיין...

—און די צווילינג-סאָסנע וועלן זיי אויסהאַקן?

—אודאי.

—און די מומע ניכע בענקט דאָרט געוויס אין מסטיבאָווע... די וויינט, די אַלטע.

—אַלטע לייט האָבן הנאה פון טרערן...

—און דער טאַטע, סאַשע! פאַרוואָס קומט קיינמאָל נישט דער טאַטע מיינער אַהער?

—ער פילט זיך זינדיק אַנטקעגן זיין בעל-הבית, פונקט, ווי ער וואָלט מיט מיר חתונה געהאַט נישט דו!—

פאַלט אַרויס פון צילקעס האַרץ אַ טרויעריקער „אוי" און ווערט פאַרלוירן אין דעם טונקל פון חדר.

סאַשע פאַרטראַכט זיך. אין דעם דערהערט זיך העלעס קול:

—צילקע, צילקע!

און צילקע לויפט שוין מיט אימפעט צו איר נייער חברטע, צו העלען, און לאָזט סאַשען אַליין.

אויף דער גאַס רעגנט און שנייט אינאיינעם. עפעס איז זי אַזוי קליין געוואָרן, די גראָדנע מיט די קרעמעלעך, מיט די מענטשעלעך. און אַלע דערעסן: דער טאַטע, וואָס האָט איצט געטאָפּלט זיינע פּרעטענזיעס צו סאַשען און די מאַמע, וואָס האַלט זיך אין איין פוצן אין נייער צירונג.

אין אַזאַ ערב-אָוונט איז סאַשע אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און האָט דורכגעשפּאַצירט די סאָבאָרנע גאַס מיט אירע שמאָלע טראָטואַרלעך.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט דאָס קלאַפּן פון די ביליאַרד-קוילן. איז ער אַריין אין קאַטאָווסקעס צוקערניע, בלויז אַ קוק טון, ווי חברה שפּילט ביליאַרד...

און פון דעמלט אָן איז אַוועק אַ סדרה ביליאַרד.

—ווו איז סאַשע?

—ביי קאַטאָווסקען.

—וואָס טוט סאַשע?

—שפּילט ביליאַרד...

און די שטעקנס מיטן קרייד, דער גרינער טיש מיט די „פינפן", מיט די „צוועלפן", „דרייצנס" און „פופצנס" האָבן איצט פאַרנומען זיין גאַנצן טאָג.

אין שטוב האָט מען עס שוין באַמערקט. דער טאַטע האָט געוואָלט ווירקן מיט דעם שטאַרקסטן אַרגומענט:

—סאַשע, וואָס לאָזטו דיין יונג ווייב אַליין?

—וואָס? איך זאָל זי אומעטום מיטנעמען..

—סאַשע, מענטשן לאַכן פון אונז...

—און איך לאַך פון מענטשן.

אַט אַזוי. פאַררייכערט אַ ציגאַר, אָנגעטון דעם גראָען קאַ־פעליוש און שוין ווידער צו קאַטאָווסקען.

און מיט וועמען שפּילט ער דאָרטן? מיט אָראָפּגעלאָזטע מענטשן. מיט אַ פאַרשיכורטן „טשינאָווניק", מיט אַ שווייצער פון האָטעל... מיט וועמען?

—און צוליב דעם האָט מען באַדאַרפט פאָרן אין די „אויס־לאַנדס?"

—זיין געבילדעט צוליב דעם?

—האָבן אַזאַ טאַטן מיט יחוס און גע[illegible]

—חתונה האָבן מיט אַן אומשולדיק קינד פון וואַלד?

מענטשן האָבן געהאַט וואָס צו רעדן און זיי האָבן גערעדט. און סאַשע האָט, ווי אויף צו רייצן זיך מיט אַלעמען, געשפּילט און געקלאַפּט מיט די שטעקנס. זיינע פּאַרטנערן האָבן אים גוט אַרומגענומען. אַזאַ פישעלע כאַפּט זיך נישט יעדן טאָג.

אין דערהיים זענען אַלע געווען אויפגערעגט אויף סאַשען פאַר זיין „ביליאַרד", דערפאַר ווייל ער האָט צילקען געלאָזט אַליין, און פון צילקען האָט מען פאַרבאָרגן די אמתע סיבה פון סאַשעס אַוועקגיין...

—ער גייט אין קאַנטאָר, אין טאַטנס קאַנטאָר גייט ער אַר־בעטן...

און סאַשע אַליין האָט עס באַשטעטיקט, ווען זי האָט אים איינמאָל געפרעגט וועגן זיין אַרבעט אין קאַנטאָר.

—יאָ, יאָ, אין קאַנטאָר ביים טאַטן.

דערנאָך האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן: ער זאָל באַדאַרפן זאָגן ליגן, און וועמען? צילקען, וועלכע גלייבט אַלץ, וואָס מען זאָגט איר. דאָס האָט אים שטאַרק געקרענקט און דענערווירט. דערדאָזיקער ליגן האָט אים עפּעס קלענער געמאַכט, יינגלשער, און ער האָט גענומען אַלץ מער אַנטלויפן פון דערהיים, פון זיך אַליין...

וואָס לענגער עס האָט געדויערט, וואָס מער טעג עס זענען אַוועק, אַלץ ווייניקער איז געבליבן פון וואָלד, פון דער פאַר־שיכּורונג.

צילקע...

זי איז נאָך דיזעלבע?

נאָר נישט אַלעמאָל קאָן ער רעדן מיט איר. אַמאָל דוכט זיך אים אויס, אַז ער איז פיל־פיל עלטער פאַר איר...

און עס דערעסט:

שטענדיק זוכן ספּעציעלע ווערטער, צופּאַסן זיך צו איר שׂכל, צו איר קאַפּריז...

און מיטאַמאָל באַקומט ער צו איר גרויס רחמנות: וואָס איז זי שולדיק? ער איז צו איר אין וואַלד געקומען און גוטע, טייערע ווערטער צו איר גערעדט, — איז זי, די אײביק איינזאַמע, צו אים צוגעפאַלן און איר גאַנצע פאַרטרויונג אים אָפּגעגעבן.

זוכט ער אויס די בעסטע ווערטער, גלעט און קושט איר, זיצט און פאַרברענגט מיט איר שעה׳ן לאַנג. זיך אַליין באַגראָבט ער ערגעץ טיף, פאַרטעמפּט מיט געוואַלט די שאַרפן פון זיין אומרו און לאַנגווייליקייט.

זינגט ער דאַן, שפּילט קלאַוויר, כאַפּט זיך צו צו צילקען און קושט איר אַזוי אַמאָל, טראָגט זי אַרום אויף די הענט פון איין צימער אין צווייטן.

טאַטע־מאַמע קלייבן נחת פון זייער בן־יחיד. פאַרט דער־לעבט אַביסל נחת.

און ער ווערט שוין אָפּגעקילט און פאַרשעלט אין האַרץ די גאַנצע גראָדנע מיטן נודנעם הערבסט. ער וואַרט נאָר די גע־לעגנהייט, די מינוט, ער זאָל זיך שוין קאָנען אַרויסרייסן...

און ער איילט שוין צו קאַטאָוווסקען, צום ביליאַרד.

די לאַנגע שטעקנס שעמערירן ווי גרויסע ליכט אין האַלב טונקעלן צימער. דער גרינער טיש לייכט ווי אַ שטיק לאָנקע, און די שווערע קוילן קלאַפּן טעמפּ, פאַרהילכן אַלע געדאַנקען, אַלע באַוועגונגען פון געהירן.

אַמאָל טרעפט, אַז ער בלייבט דאָרט ביז שפּעט אין דער

נאַכט און צילקע פרעגט ביי די שטוביקע:

—אַזוי שפּעט אַרבעט מען אין קאַנטאָר? צו וואָס אַרבעט ער אַזויפיל, סאַ

שיקט מען שוין אַ שליח נאָך אים:

—צילקע איז אומרויק.

—האַ! וועלכע צילקע? וואָס פאַר אַ צילקע? ווער רופט אים, ווער צווינגט אים? — דערלאַנגט אַ שמיץ דעם שטעקן אָן דר׳ערד און גייט אַהיים אַ בייזער, אַ שווערער.

און בעת צילקע פרעגט אים דערנאָך אין שלאָף-צימער, צוליב וואָס ער אַרבעט אַזויפיל אין קאַנטאָר, זאָגט ער איר אויס דעם אמת:

—וואָס קאַנטאָר! איך גיי נישט אין קאַנטאָר, אין ביליאַרד האָב איך געשפּילט, פאַרשטייסט!

אין ביליאַרד...

האָט ער איצט אַ נייע אַרבעט סאַשע: צילקע ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס ביליאַרד. בייזערנדיק און שמייכלענדיק דערקלערט ער איר גענוי די שפּיל מיט די שטעקנס און מיטן קוילן אויפן גרינעם טיש.

פאַראינטערעסירט זי זיך, פאַרקלערט זיך און נעמט זיך בייזערן אויף סאַשען:

—פאַרוואָס נעמסטו מיך נישט מיט אַהינצו. איך וואָלט אויך געשפּילט און איך וואָלט נישט געבענקט נאָך דיר אַזוי.

שיין וואָלט עס געווען, — טראַכט סאַשע, — ווען אַזאַ פּאָרל, ווי ער מיט צילקען, וואָלטן זיך ביידע אַראָפּגעלאָזט צו קאַטאָווסקען אין צוקערניע קלאַפּן מיט די שטעקנס...

צילקע האָט עפּטער אויפגעהויבן די אויגן און געזוכט סאַשען אין די צימערן און ער איז אַלץ עפּטער פאַרשווונדן געוואָרן. דערזעט זי, אַז ער איז שוין נישטאָ, באַהאַלט זי זיך ביי זיך אין חדר, זעצט זיך אַוועק ביים פענסטער און קלערט.

פאַרוואָס איז ער דאַן אַזוי גוט געווען אין וואַלד?

פאַרוואָס אַנטלויפט ער איצט סאַשע?

אויף דער גאַס ליגט שוין שניי און זי דערמאָנט זיך די

קאמאָליקע ווינטערן, די שטעגן, וואָס זי אַליין פלעגט אויסטרעטן פון וואַלד ביז מסטיבאָווע, די ווייסע ברייטקייט, וואָס פלעגט ליגן אויף די פעלדער אַרום, די צוגעמאַכטע טירן אין מסטיבאָווע, פון וועלכע אַ געדיכטע פּאַרע שלאָגט אַרויס, די פעדערן, די מיידלעך מיט די לידער...

עס קלאַפּט ביי איר דאָס האַרץ פון די אַלע ערינערונגען, און דאָ איז אַזוי ענג אין גראָדנע. קליידלעך, שיכלעך האָבן זיי איר אָנגעקויפט, מען האָט זי ליב, דער אַלטער לוריע זעצט זי אָפּט אַוועק צו זיך אויף די קני און גלעט אירע האָר און רעדט און לאַכט:

—אַזאַ מיידל פון וואַלד האָט מיין סאַשען אין נעצעלע געכאַפּט...

—אַזאַ שטיפערקע, ווער וואָלט זיך דאָס געריכט!

און העלאַ פאַלט עטלעכע מאָל אַ טאָג צו צו איר און קושט זי הייס...

—דו ווייסט, — זאָגט העלאַ, — ביסט אַזאַ געשמאַקע, עס איז גוט דיך צו קושן.

נאָר סאַשע איז נישטאָ, ער זעגנט זיך מיט קיינעם נישט און גנבעט זיך אַרויס.

קיינער וואַגט אים קיין וואָרט נישט צו זאָגן.

פון אַ סך יאָרן איז שוין אַזוי: סאַשען טאָר מען גאָרנישט זאָגן, מען טאָר אים נישט לערנען. ער ווערט בייז און אַלע ווערן צוליב זיין בייזקייט אַזוי שווייגנדיק, ווי וואָלקנס וואָלטן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף לוריעס שטוב.

איינמאָל האָט צילקע זיך אָנגעטאָן אין איר נייעם ווינטערמאַנטל.

—וווהין גייסטו? — האָט פרוי לוריע געפרעגט.

—דורכגיין זיך אַביסל...

„זי ווערט אַ מענטש" — האָט פרוי לוריע געטראַכט — „זי גייט שוין אַליין אַרויס שפּאַצירן."

נאָר צילקע איז געגאַנגען זוכן סאַשען, זי האָט זיך נאָכגעפרעגט און האָט געפונען קאַטאָווסקעס צוקערניע. זי איז אַריין

אין אַ גרויסן אָנגעריי׳לערטן צימער, ווו איר סאַשע מיט נאָך מענטשן זענען געשטאַנען מיט גרויסע שטעקנס און שווייגנדיק געשפּילט מיט די קוילן.

ער האָט זי צוערשט נישט באַמערקט אין דעם נעבל פון רויך. מיטאַמאָל האָט ער זי דערזען ביי דער טיר.

אירע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט אַזוי דייטלעך, ליכטיק; די בליקן אירע האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער צילקע, וועל־כע האָט איצט געטראָגן נייע שטאָטישע בגדים.

דער וואַלד...

דער גאַנצער זומער, דער פאַרגאַנגענער, האָט אַ קוק געטון אויף סאַשען און עפּעס געפּאָדערט, געשטראָפט און זיך געבעטן...

דער שטעקן איז געבליבן פאַרגליווערט אין זיינע הענט.

די איבעריקע שפּילערס האָבן זיך אַרומגעקוקט:

—דאָס איז זיין ווייבל, — האָט איינער געזאָגט.

—זי גייט אים שוין נאָך.

—צו וואָס האָט ער התונה געהאַט, — דער אידיאָט!

סאַשע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק דידאָזיקע שטעכ־ווערטלעך. ער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: עס איז אים גע־גאַנגען אין אַמביציע, נישט געוואָלט האָט ער ווייזן, אַז ער איז אָפּהענגיק פון וועמען, אַז אים שטערט מען צו טון דאָס, וואָס ער וויל...

אָבער צילקע האָט געקוקט מיט אויגן, אין וועלכע בקשה האָט זיך געראַנגלט מיט כעס. און ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון אין דער רגע... אויפהערן צו שפּילן, אָדער קלאַפּן ווי־טער מיטן שטעקן.

זי איז געשטאַנען ביי דער טיר און אַרומגעקוקט זיך אין צימער, באַטראַכט די מענטשן און צו סאַשען זיך געווענדעט:

—שפּיל, סאַשע, איך וועל זיך צוקוקן.

סאַשע האָט געשטעלט שווערע טריט, דער שטעקן האָט גע־ציטערט ביי אים אין די הענט...

איך וועל שוין מאָרגן ענדיקן די פּאַרטיע, — האָט ער האַס־טיק אַרויסגעהעדט און גענומען אָנטאָן דעם פּאַלטן...

—קום, צילקע!

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען ביידע שווייגנדיקע. זי — אַזאַ פאַר-לוירענע ביי זיך, אַן אָנגעשראָקענע... ער — אַ בייזער. און וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען און וואָס מער זיי האָבן געשוויגן, אַלץ גרעסער איז זיין כעס געוואָרן...

פלוצלונג האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ פראַזע, וועלכע סאַשע האָט דערנאָך שטאַרק באַדויערט:

—וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט? וואָס ווילט איר אַלע פון מיר?

—וואָס? וואָס?

זי האָט עס נישט געפרעגט, נאָר אַ פּאָר גרויסע אויגן האָט זי אָנגעשטעלט אויף סאַשען. צו איר רעדט ער אַזעלכע ווער-טער, אויף איר שרייט ער אַזוי? זי איז געבליבן שטיין נישט ווייט פון לוריעס הויז. ווי פאַרגליווערט איז זי געבליבן שטיין. קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, קיין פּינטל מיט די אויגן נישט געטון. און אַ לייכט שנייעלע איז לאַנגזאַם געפאַלן אויף איר, אויף סאַשען און אויף דער גאַנצער גאַס... געפאַלן לייכט, כמעט שטיפעריש. אין וואַלד, אין רויקן, פלעגט אויך אַזאַ שנייעלע פאַלן, און זי פלעגט ליב האָבן צו שטיין אין אַזעלכע שעה'ן אויף דעם גאַניקל פון הויז און האָרכן, ווי דער ווייסער וואַלד שווייגט.

סאַשע האָט אויף איר געקוקט, דער כעס איז אים אָפּגע-גאַנגען און ער האָט שוין צו צילקען געפילט אַזאַ גוטן רחמנות: פאַרוואָס האָט ער זי באַליידיקט? וואָס איז זי שולדיק?

—קום אַריין אין שטוב, ס'איז דאָך קאַלט, צילקע!

זי האָט נישט געענטפערט.

—קום אַריין אין שטוב, צילקע!

זי האָט געקוקט אין דער ווייטער ווייסער גאַס אַריין און געשוויגן.

סאַשע האָט זי אונטערן אָרעם גענומען און אַריינגעפירט אין שטוב...

און אָפּגעזעסן איז ער לעם איר דעמדאָזיקן אָוונט.

געדערט צו איר, געבעטן זי זאָל אים מוחל זיין. זי האָט נישט געענטפערט. האָט ער איר האַנט אָנגענומען און געדריקט. נאָר איר האַנט איז אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן געווען.

האָט ער צוגעלייגט זיינע ליפּן צו אירע, געקושט זיי, נאָר אירע ליפּן זענען געבליבן קאַלט.

און דערפילט האָט סאַשע, אַז עפּעס איז מיט איר געשען און אַז דאָס פלוצלונגדיקע עקשנות וועט זיך אַזוי גיך נישט ענדיקן. זיי זענען ביידע נישט געגאַנגען עסן און ביידע האָבן זיך נישט אויסגעטון אַ גאַנצע נאַכט. זי איז געשלאָפן אומרויק און ער איז געזעסן און געטראַכט.

אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז היינט האָט ער זי פאַרלוירן.

מיט דעם איינעם אויסגעשריי, וואָס ער האָט צו איר געטון אַרויסגייענדיק פון קאַטאָווסקעס צוקערניע...

מיט דער איינער באַליידיקונג.

ער האָט שטאַרק חרטה געהאַט. זיין פרייהייט, זיין אומאָפּהענגיקייט, זיין אויסלאַנד, ביליאַרד, קאָרטן, זיינע אַלע רייזעס מיט די אויסלענדישע זשורנאַלן...

דאָס האָט אים אַלץ אַזוי קליינלעך, אַזוי אָרעם אויסגעזען אַנטקעגן צילקעס אָפּענעם שמייכל, וואָס זי האָט צו אים שטענדיק געטראָגן אין אירע ליכטיקע אויגן.

דאָס וואָס היינט באַטאָג, דאָס וואָס נעכטן און אייערנעכטן האָט אים אַזוי געשראָקן.

אַז זי צילקע איז געוואָרן ביי אים דער עיקר, פאַר וועלכער ער האָט אַזוי מורא געהאַט זיין גאַנץ לעבן, איצט האָט אים דאָס נישט אויסגעזען שרעקלעך.

איצט האָט ער זי פון שלאָף געוואָלט אויפוועקן און רעדן צו איר, אויסזאָגן, אַז זי איז טאַקע ביי אים דער עיקר.

נאָר זי איז געשלאָפן אין די קליידער אַ ברוגזע, אַ באַליידיקטע, אַ פרעמדע.

דער טאָג איז געקומען.

צילקע האָט צו קיינעם נישט געוואָלט אַרויסגיין.

—וואָס איז איר? נישט געזונט? אפשר רופן אַ דאָקטאָר?
מיט גרויס מי האָט מען זיך ביי איר איינגעבעטן, זי זאָל עפּעס אָפּעסן, נאָר צום אַלגעמיינעם טיש האָט זי פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט גיין.

יעדע רגע איז צו איר אַ צווייטער אַריינגעקומען: דער אַלטער לוריע, זיין פרוי, העלאַ...

און יעדערער פון זיי האָט געטראָגן גוטע ווערטער און פאַר־לאַנגען פאַר איר. זי האָט זיך נישט אָפּגערופן. פונקט ווי אַ בלום, וואָס הערט אויף צו בליען — אַזוי האָט זי אויפגעהערט צו שמייכ־לען און פרייען אַלעמען מיט איר בליק, ווי פריער, ווי שטענדיק.

—צילקע, וואָס איז דיר?

—גאָרנישט...

—וואָס ווילסטו?

—גאָרנישט...

און דער „גאָרנישט" פלעגט פאַלן אַזוי האָפנונגסלאָז, אַזוי אַנגעווייטיקט...

און צו סאַשען איז מען צוגעשטאַנען:

—האָסט זי אפשר באַליידיקט?

—איין וואָרט האָב איך צו איר צו הויך געזאָגט, איז זי ברוגז געוואָרן.

צו קאָטאָווסקען איז ער שוין מער נישט געגאַנגען, ער האָט אויך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן פון זייער רייכער שטוב אַ בייזער, אַן אומצופרי־דענער.

אין שטאָט האָט מען גערעדט:

—אַז ביי די לוריעס, דאָס יונגע ווייבל...

—איז געוואָרן מעלאַנכאָליש...

—אַז דאָס יונגע בעל-הביתל...

—האָט מער ליב דעם ביליאַרד, ווי זיין ווייב, ווי טאַטע־מאַמע.

שעה'ן לאַנג פלעגט זי אָפּשטיין, צילקע, ביים פענסטער און קוקן ווי שניי פאַלט, ווי ווייס ער שטראַלט אין דער נשמה

אריין דער שניי און געזען האָט זי אויך, ווי מענטשן צוטרעטן די ווייסקייט.

וואָס האָט זי געטראַכט אין די שעה׳ן? קיינער האָט נישט געוווסט, כאָטש אַלע האָבן געליטן פון דעם. זי איז זיי טאַקע טייער געוואָרן, ווי אַ קינד, די צילקע, און אַז אַ קינד פאַרטרויערט זיך, פאַלט אויף אַלעמען דער אומעטיקער שאָטן.

דער אַלטער לוריע, האָט אין אַ וויץ געזאָגט, אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים — און צילקע ווערט זייער ענלעך צו איר שווייגנדיקן טאַטן.

אָבער פריער האָט זי דאָך אַזוי קלינגענדיק געלאַכט.

און אַזעלכע נאַיווע פראַגן פלעגט זי שטעלן, פון וואָס אַלע האָבן אַזוי גוטמוטיק געלאַכט.

איצט גייט זי נישט אַרויס פון איר צימער, וויל נישט אָנטאָן קיין נײַ קליידל, און די צירונג, וואָס זי האָט באַקומען, די אַלע מתנות וואַלגערן זיך אַרום אָן אַ בעל-הבית...

איסר האָט זיך דערוווסט, אַז זיין טאָכטער איז נישט „מיט אַלעמען" — איז ער געקומען קיין גראָדנע. פריער האָט ער זיך נישט געוואָלט באַווייזן, ווייל ער האָט זיך שטאַרק שולדיק גע-פילט קעגן די לוריעס...

דערפאַר ווייל זיין טאָכטער האָט אין די הייסע זומער-טעג...

איצט, — ער איז געשטאַנען אַנטקעגן איר און געקוקט פאַר-טרויערט אויף איר בלייך פּנים.

— דיר איז דאָ שלעכט, צילקע!

— זיי האָבן דיך דאָך ליב, די לוריעס!

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר טרערן זענען געפאַלן פון אירע אויגן.

איסר איז אַוועקגעפאָרן צו זיינע שווייגנדיקע וועלדער און דאָס שווייגעניש האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט צו די לוריעס אין שטוב.

סאַשע האָט זיך געוואַלגערט אין אַ באַזונדער צימער מיט די ביכער זיינע.

העלע האָט אויפגעהערט צו זינגען און צו שפּילן קלאַוויר.

טאַטע-מאַמע זענען אין כּעס אויף זייער זון, און דער זון

איז אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט...

און אויסגעדוכט האָט זיך, אַז ווען צילקע, איין צילקע... זי באַדאַרף נאָר אַרויסגיין פון איר צימער און אַ שמייכל טון — וועט אַלץ צוריק אָפּלעבן.

זי האָט אָבער געשוויגן.

ווי אַ פרעמדע, ווי אַ שטאָלצע געפאַנגענע בת-מלכה... דאָס באָרוועסע מיידל פון וואַלד, וואָס איז צופעליק אַריינגעפאַלן צו די יחסנים...

זי האָט כסדר געשוויגן...

IX

אין מסטיבאָווע...

דער שאָסיי-וועכטער איוואַן פלעגט זייער אָפט אַריינקומען צו דער מומע ניכע, וועלכע האָט איצט געלעבט אין מסטיבאָווע אין באַראַשעס הויז. צוויי גרויסע אויסגעקאַלכטע צימערן זענען דאָרט געווען. ווארעם און ציכטיק אויפגערוימט. דאָס ביסל קו-פער איז געהאָנגען אויף די ווענט, דאָס ווייסע בעטגעוואַנט האָט געלויכטן.

איסר פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן פון סוויסלאָטש אויף יעדן שבת, ער פלעגט גיין דאַווענען און אַמאָל רעדן מיט באַראַשען. די צוויי אַלטע, ניכע און איסר, האָבן געלעבט רויק און שווייגנדיק.

און צילקע איז געווען „דאָרטן".

נאָר ווען דער שאָסיי-וועכטער איוואַן איז צום לעצטן מאָל געקומען אין מסטיבאָווע און איז אַריין צו ניכען, האָט ער דער-זען אַ פּאָר באַקאַנטע אויגן.

וואָס ער געדענקט זיי נאָך פון יאָרן-לאַנג צוריק...

צילקע...

פון וואַנעט האָט זי זיך דאָ גענומען, דעם יונגן לוריעס ווייבל? וואָס טוט זי דאָ, וואָס איז זי אַזוי בלייך?

ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט. זי האָט אים געענטפֿערט מיט אַ שמייכֿל.

—ניכֿעו — האָט זיך איוואַן אָפּגערופֿן צו דער אַלטער.

—וואָס?

—וואָס טוט זי דאָ, צילקע?

—ש-ש-שאַ..

די אַלטע האָט אַ ווינק געטון צו איוואַנען און איז מיט אים אַריין אין צווייטן חדר.

—רעד ניט, איוואַן, שרעק זי ניט...

—וואָס איז געשען?

—דו געדענקסט, אַז זי איז שוין איינמאָל אַנטלאָפֿן פֿון גראָדנע. אַ קליין מיידעלע איז זי דאַן געווען, געדענקסט? און איצט איז זי ווידער אַנטלאָפֿן. מיט צען טעג צוריק איז זי פֿון גראָדנע געקומען אַ דערפֿרוירענע, אַ שווייגנדיקע.

—אַנטלאָפֿן? פֿון גראָדנע אַנטלאָפֿן, פֿון מאַן, פֿון אַזאַ רייכֿקייט...

—ש-ש-שאַ...

איוואַן האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון צימער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איצט איז ער דאָ איבעריק.

יאָ, מיט צען טעג צוריק איז צילקע פּלוצלונג געקומען. פֿאַרנאַכֿט איז דאָס געווען, האָט זיך די טיר געעפֿנט און אַזוי ווי אַ שאָטן איז זי אַריינגעקומען...

—צילקע! — האָט די מומע אויסגעשריגן. געדאַכֿט האָט זיך איר, אַז זי חלומט...

נאָר צילקע איז טאַקע געשטאַנען פֿאַר איר. אויפֿן האַלדז איז זי איר אַרומגעפֿאַלן און געקושט דער מומען און געוויינט.

—וואָס איז געשען? צוליב וואָס ביסטו געקומען?

—איך בין אַנטלאָפֿן... איך בין דאָרט אַ פֿרעמדע... איך וועל מער אַהינצו קיינמאָל ניט גיין.

—אָבער פֿאַרוואָס?

—פֿרעמד, פֿרעמד, אַלץ איז מיר דאָרט פֿרעמד געוואָרן...

און מער האָט זי ניט גערעדט...

אין אַ טאָג שפּעטער איז געקומען דער אַלטער לוריע צו־פאָרן, ער אַליין איז געלאָפן זוכן זיין זונס ווייבל, וואָס האָט זיך אַרויסגעגנבעט און איז אַנטלאָפן.

און דערציילט האָט ער פאַר ניכען, אַז סאָשע איז אַוועק־געפאָרן אויף אַ קורצער צייט קיין פּעטערבורג צוליב זיינע פּאַפּירן און אַז פאַר זיין אַוועקפאָרן האָבן זיי זיך עפּעס צוועריטלט.

און פון דעמלט אָן איז זי שווייגעדיק געוואָרן...

מעלאַנכאָליש...

האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע נייע קליידלעך און דאָס צירונג.

האָט כמעט גאָרנישט געגעסן...

און איז אַנטלאָפן.

צו צילקען איז ער צוגעגאַנגען, דער אַלטער לוריע, און גערעדט מיט איר, געבעטן זיך ביי איר, זי זאָל קיין גראָדנע פאָרן.

—איך וועל קיינמאָל מער אַהין נישט פאָרן.

—און סאָשען? ווילסט אים שוין מער נישט זען?

סאָשען...

זי האָט זיך אַזוי מאָדנע פאַרקלערט. עס איז געווען אַזאַ פרייליכער זומער, לעם טייכל איז ער מיט איר געלעגן גאַנצע נעכט. אַזעלכע גוטע רייד האָט זי פון אים געהערט, אויף די הענט האָט ער זי געטראָגן... עס זענען געווען אַזעלכע טייערע ליכטיקע טעג... דער וואַלד האָט טיף אין דער נשמה אַריינגע־זונגען... דעמלט, דעמלט...

איצט זיצט זי איינגעוויקלט אין דער מומעס פאַטשיילע און קוקט אַרויס פון פענסטער אויף די נידעריקע הייזלעך, וואָס שטייען, ווי מיט ווייסע קאָלדרעס אין שניי פאַרדעקט, און נאָך די הייזלעך זעען זיך וועלדער און אַ גרויס ענדלאָז שטיק הימל...

—און סאָשען, ווילסט אים מער נישט זען? — דאָס פרעגט זי נאָכאַמאָל לוריע. און זי ענטפערט:

—איך ווייס נישט, איך ווייס גאָרנישט, איך וויל גאָרנישט...

דערנאָך שושקעט זיך לוריע אין דעם צווייטן חדר מיט

דער מומע ניכע.

אין צוויי טעג אַרום קומט ער ווידער, און שוין נישט אַליין, מיט העלען, און ביידע רעדן זיי מיט צילקען, זי זאָל מיט זיי מיטפאָרן.

—ניין! — זי שאָקלט מיטן קאָפּ און שמייכלט אין זיך אַזוי פאַרטרויערט.

העלאַ דערציילט:

אַז פון סאַשען איז אָנגעקומען אַ בריף, ווו ער שרייבט, אַז ער קומט אינגיכן צוריק פון פּעטערבורג, ער בעט, מען זאָל צילקען אָפּהיטן און ליב האָבן און אַז ער וועט קומען צוריק וועט ער זיין אַ גוטער, וועט זי קיינמאָל נישט באַליידיקן...

דער אַלטער לוריע גייט אַרויס פון צימער און צילקע בלייבט אַליין מיט העלען.

—מיין ברודער איז דאָך נישט קיין שלעכטער...

—ער האָט דאָך דיך ליב...

—ער וועט ווערן אַנדערש...

נאָר זיי פאָרן ביידע אַוועק צוריק קיין גראָדנע אָן צילקען... און לאָזן איבער צוטומלט דאָס שטעטל:

—וואָס קומט דאָ פאָר?

—פון גראָדנע איז זי אַנטלאָפן...

—פון מאַן...

—פון אַזאַ רייכקייט...

אין אַלע הייזער האָט מען זיך געשושקעט וועגן דער געשיכטע, אַזוי ווי אַ דונער וואָלט אין סאַמע ווינטער איבער די ווייסע דעכער אַ זעץ געגעבן...

—און די לוריעס אַליין... די לוריעס!

—זיי קומען אַראָפּ צו איר ווי צו אַ קייזערין...

—און בעטן זיך ביי איר...

—זי זאָל זיך זעצן אויף דעם טראָן...

—און זי שווייגט, וויל קיינעם נישט ענטפערן...

—אַ מאָדנע צילקע...

—אין וואַלד זיך אויסגעהאָדעוועט...

—ווייסט נישט וואָס גוט איז...

ווי אויף אַ געהיימעניש האָט מען געקוקט אויף באַראַשעס הויז, וווּ די מומע ניבע האָט געלעבט. אָבער די מומע האָט כּעסט געהאַלטן פאַרמאַכט די טיר און אַליין איז זי אויך צו קיינעם נישט געגאַנגען.

דאָס איז געשען אינמיטן ווינטער. די טעג זענען געווען ווייסע, זוניקע און די קאַלטע זון האָט זיך צושאָטן אין מיליאָנען בליצנדיקע פונקען. ווו אַ טראָפּן איז צושמאָלצן געוואָרן, ווערט עס באַלד פאַרגליווערט און בלייבט אַזוי לייכטן אַנטקעגן הימל...

האַ!...

פון צילקעס אַנטלויפן האָט זיך אויך דערוווּסט פּרויקע באַראַש. ער איז שוין לאַנג אין דערהיים. דער טאַטע איז צו אים עטלעכע מאָל געפאָרן קיין וואָלקאָוויסק, ביז ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט צו זיך קיין מסטיבאָווע.

און ער ווערט, דאַכט זיך, אַ מענטש...

פאַר דער גאַנצער צייט—קיין איין מאָל נישט געשיכורט... האָט מיט קיינעם נישט צו טון און העלפט דעם טאַטן.

איצט האָט ער אָנגעשטעלט די אויערן און שלינגט יעדעס וואָרט, וואָס ער הערט וועגן צילקען...

אַנטלאָפן...

דער „אויסלענדער” האָט זי געמוזט באַליידיקן, אודאי אַזוי...

אין די צוגעמאַכטע צוויי חדרים האָט זיך צילקע לאַנגזאַם באַרויקט. עטלעכע מאָל האָט זי געוואָלט אָנהייבן רעדן מיט דער מומען און שטענדיק איבערגעריסן אין דערמיט.

—דו ווייסט מומע, דאָרט איז אַזוי ענג ביי די לוריעס, אַזוי ענג אין גראָדנע...

—קינד, זיי האָבן דאָרטן אַזאַ רייכקייט, אַזוי פיל חדרים.

—ניין, נישט דאָס, מומע! דאָרט איז ענג, עס האָט מיר לופט פאַרפעלט... אין וואַלד, אַז איך פלעג עפענען די טיר, האָב איך באַלד דערזען דעם וואַלד, דעם גרויסן, דעם געדיכטן און וווּ עס האָט זיך מיר געוואָלט, האָב איך געקאָנט לויפן... אָבער

דאָרט, עפנסט די טיר, איז באַלד נאָך אַ טיר און גאַנץ מיט היי- זער, גאַסן מיט הייזער, פרעמד — אַלץ פרעמד...

— אָבער פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן? האָסט דאָך ליב סאַשען...

— ער איז מיר פרעמד, מומע, נאָך אין וואַלד פלעגט ער אַ סך מאָל שווייגנדיק ווערן און איך האָב זיך געשראָקן פאַר אים...

ביסלעכווייז האָט די מומע אַלץ ביי . . . אויסגעקריגן, וועגן די ביכלעך, וואָס ער פלעגט כסדר לייענען, וועגן ביל- יאַרד, וועגן דעם, אַז ער האָט אויף איר געשריגן מיט כעס, גע- שריגן דערפאַר, ווייל זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

— יאָ, מומע, צום אָנהייב האָט עס אַלץ געררייצט: אַלע האָבן מיך ליב געהאַט, קליידלעך נייע פאַר מיר גענייט, נאָר סאַשע האָט זיך פון מיר מער אַלץ אָפּגערוקט... איך האָב עס געזען און געפילט.

— און וואָס וועט איצטער זיין? דו ביסט דאָך זיין ווייב. אַז דו וועסט נישט פאָרן צוריק, וועט דאָס זיין אַ חרפה פאַר דיין טאַטן. און וואָס וועט פון דיר ווערן?

— ניין, מומע, עס מעג זיך זיין, וואָס עס וויל, איך וועל מער קיין גראָדנע נישט פאָרן...

און שטיל ווערט אין צימער. אויפן גאַס פאַרגייט די ווינ- טער-זון. אַמאָל סקריפּעט אַ פור, אַ שליטן, קינדער שפּילן זיך מיט שניי, נאָר דאָס שרייען פון די קינדער, זייער לאַכן, איז נישט טומלדיק. די גרויסע שטילקייט פון די וועלדער און פעל- דער שפּרייט זיך אויך אויס אויפן שטעטל... אַ קראָ פליט פאַר- ביי און קראַקעט אַריין איר „קראַ".

אַז דאָס לעבן איז בייז...

און אַז נאַכט און טויט וואַרטן אויף אַלעמען...

„קראַ!"

אין די הייזלעך צינדט מען אָן פייערלעך, אין די אייווע- לעך קנאַקט דאָס האָלץ, מען פליקט וו[י]דער פעדערן אין מסטי- באָווע, נאָר יעדע רגע רייסט זיך ווער אָפּ פון דער אַרבעט און מען דערמאָנט צילקען:

—נישט קיין גלייכער שידוך, מען האָט זיך געמעגט אויף דעם ריכטן...

—אָבער אַזאַ רייכקייט...

—אַז מען האָט זיך ליב איז רייכקייט און אָרעמקייט אַלץ איינס.

—מען זאָגט, אַז זי וויל פאַר קיין פאַל נישט פאָרן צוריק...

—און דער אַלטער לוריע האָט געזאָגט פאַר זיין אַוועקפאָרן...

—אַז ער האָט נאָך אַזאַ פאַרעקשנטע נישט געזען...

דערנאָך פאַרגעסט מען אויף אַ קורצער צייט אָן צילקען. מען פליקט די פעדערן און מען זינגט זיך צו...

דאָס געזאַנג כאַפּט זיך אַרויס אויף דרויסן און דערגרייכט אויך אַמאָל צו צילקעס אויער... עס דערמאָנען זיך איר אַנדערע טעג, פריילעכערע מינוטן, זי האָט דעמלט אויך מורא געהאַט פאַרן טומל, פאַר די מענטשן.

שטענדיק האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז מען וויל זי אָפּנאַרן... זי וויקלט זיך שטאַרקער איין אין דער מומעס פאַטשיילע און טראַכט פון וואַלד.

מען האָט שוין אודאי אַלע ביימער אַוועקגעלייגט...

זי וועט אָפּוואַרטן אַביסל. און זי באַשליסט ביי זיך, אַז זי וועט גיין אין וואַלד צו זייער אַלטער היים אַ קוק טאָן, ווי דאָרט זעט איצט אַלץ אויס.

די מומע זיצט פון ווייטן און וואַרפט פון צייט צו צייט אַ בליק אויף צילקען. דער אַלטער לוריע האָט געזאָגט, אַז זי איז מעלאַנכאָליש, מען טאָר זי נישט רייצן...

אויף שבת איז געקומען איסר. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זיין טאָכטער איז אַנטלאָפן פון גראָדנע..

צו זיך אַליין האָט ער עפּעס אַ מורמל געטון, בעת ער האָט די בשורה דערהערט:

—נישט אויסגעהאַלטן, דאָס קינד האָט נישט אויסגעהאַלטן.

מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיינע ווערטער באַדייטן. אויף שבת איז ער געקומען, ווי שטענדיק אַ שווייגעדיקער,

האָט צו צילקען געזאָגט עטלעכע ווערטער, זי זאָל זיין רויק, ער איז נישט בייז אויף איר. צילקע האָט זיך דאַן פונאַנדער־געוויינט און די מומע ניכע איז פון איר נישט אָפּגעטרעטן.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע וואָכן, פון גראָדנע זענען פאַר דער צייט געקומען עטלעכע שלוחים און זענען אַוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט.

אין שטעטל האָט מען זיך אָנגעהויבן צוגעוויינען צו דעם געשעעניש.

עטלעכע שכנים זענען שוין אַריינגעקומען צו ניכען, גע־רעדט וועגן אַנדערע זאַכן און געכאַפּט אַ קוק אויף צילקען.

פרויקעס שוועסטער זענען אויך געקומען און מיט זיי איז צילקע געווען פריינטלעכער, גערעדט מיט זיי און אפילו דער־ציילט וועגן גראָדנע.

די שוועסטער האָבן דערנאָך דערציילט אין שטוב, וואָס זיי האָבן געהערט פון צילקען...

און פרויקע האָט אַלץ אויסגעהערט.

עפּעס אַ נייע פרייד האָט אים געפּאַנגען: צילקע האָט גע־זאָגט, אַז זי וועט שוין מער קיין גראָדנע נישט פאָרן...

און אַז צילקע זאָגט וועט זי שוין טאַקע מער נישט פאָרן. זי איז אַן איינגעשפּאַרטע — אַלע מענטשן, וואָס לעבן אין וואַלד זענען איינגעשפּאַרט — דאָס האָט אַמאָל זיין זיידע דער ניקאָלאַ־יעווער סאָלדאַט געזאָגט.

און ער האָט ווידער גענומען פּוצן זיינע שטיוועלעך, פרויקע.

און אַז ער פלעגט דערזען די מומע ניכע, פלעגט ער איר אַ ברייטן „גוט־מאָרגן" טראָגן אַנטקייגן...

צו די שוועסטער זיינע פלעגט ער שטענדיק זאָגן:

— גייט אַריין צו צילקען אַביסל, זי איז דאָך איינע אַליין.

און ווען די שוועסטער קומען צוריק פון דער צווייטער האַלבער שטוב, דרייט זיך פרויקע אַרום זיי, קוקט זיי אין די אויגן, לעכצט אַ וואָרט צו הערן פון זיי.

— זי איז גאַרנישט מעלאַנכאָליש, די צילקע, — זאָגט איין שוועסטער...

—זי האָט היינט געלאַכט און דערציילט פון די לוריעס,— זאָגט די צווייטע.

—דער אַלטער לוריע פלעגט איר אויף די קני צו זיך אַוועקזעצן און רופן „קאָזקע". און אַלע האָבן זיי איר ליב געהאַט.

—טאָ פאַרוואָס איז זי אַנטלאָפן פון דאָרט? — פרעגט פרויקע.

ווייסן זיי דאָס נישט, די שוועסטער. פאַרוואָס זי איז אַנטלאָפן האָט צילקע נישט דערציילט. און וועגן סאַשען האָט זי אַ וואָרט נישט גערעדט...

נאָר די מומע ניכע דערציילט איצט פאַר מענטשן, אַז די יתומה האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צום שטאָטישן לעבן און זי האָט זייער געבענקט...

אינגיכן דערהערט מען אונטערן פענסטער, ווו די מומע ניכע וווינט, צילקעס זינגענדיק קול...

זי זינגט שוין, זי איז שוין ווידער לעבעדיק.

די מומע ניכע האָט זיך געפרייט: צילקע וועט אינגאַנצן קומען צו זיך, זי וועט זיך באַרעכענען און קיין גראָדנע וועט זי אַוועק.

דערוויל פלעגן זיך שוין ביי צילקען צונויפזאַמלען אַלץ מער מיידלעך. עס האָט אַלעמען געצויגן צו איר אַ נייגעריקייט, אַ גרויסע נייגעריקייט...

אַוועקגייענדיק פון איר, פלעגן די חברטעס שטענדיק רעדן:

—געוואָרן גאָר אַן אַנדערע...

—בלייכער געוואָרן...

—אָבער נאָך שענער, ווי געווען...

—זי איז טאַקע אַ מאָדנע, גענומען און אַנטלאָפן פון מאַן, פון אַזאַ רייכע שטוב...

—זי וועט זיך אומקערן, וועט זיך אומקערן...

—ווער ווייס...

טעג זענען דערוויל געלאָפן און אויף די הייזער זענען געלעגן גרויסע קופעס שניי, דער ווינט האָט זיי, די שנייקופעס, דרייקאַנטיק געמאַכט און האַלב-רונד אויסגעבלאָזן. דער שניי האָט אין די הייזער אַריינגעקוקט און ליכטיקער איז אינעווייניק געווען.

אַ גרויסע ווייסע וועלט הענגט איבער די קליינע הייזער און איבער דעם נאַנטן בית-עולם. אַפּט, זייער אָפט פאַלן צו צו אַ פענסטער אַ פּאָר העלע גרויסע אויגן און קוקן אומעטיק אויף דער גרויסער וועלט, אויף דער ווייסקייט...

צילקעס אויגן...

ווי זיי וואָלטן עפּעס וועלן פרעגן ביי דער גרויסער וועלט, ווי זיי וואָלטן טרייסט זוכן.

און דערפרייט האָט זי זיך צום ערשטן מאָל, ווען איוואַן, דער שאָסיי-וועכטער, איז ווידער געקומען צו זיי.

זי וועט גיין מיטן וועכטער אין וואַלד, אַ קוק טון אויף איר היים...

—וואָס וואַלד, ווו וואַלד?... צילקע, דיביימער זענען שוין כמעט אַלע אַוועקגעלייגט און די דריי הייזער שטייען פאַרקלאַפּ-טע, פאַרשאָטן מיט שניי.

נאָר זי האָט זיך געבעטן ביי איוואַנען און ביי דער מומע ניכע. זי וויל אַ קוק טון, ווי דאָס טייכל זעט איצט אויס, דעם שאָסיי וויל זי זען.

גוט!

אָבער, ווי וועט זי גיין אין אירע שטאָטישע שיכעלעך, וואָס זי האָט פון גראָדנע מיטגעבראַכט? דער שניי ליגט דאָך אַזאַ געדיכטער.

—מומע, ווו זענען דעם טאַטנס אַלטע שטיוול...

—קינד, אין שטיוול וועסטו גיין? דו מיינסט, ס'איז אַמאָל?...

נאָר צילקע האָט שוין געזוכט אין אַלע ווינקעלעך. זי האָט דעם טאַטנס אַלטע שטיוול געפונען. דאָך, בעת זי האָט זיי גע-נומען אָנטאָן, האָבן זיך די הענט אירע אַראָפּגעלאָזט און אין האַרצן האָט עפּעס צוגעקלעמט: אַזוי גראָב און שווער זענען די שטיוול געווען און גראָדנע האָט שוין געהאַט אויף איר אַ ווירקונג...

זי האָט אַ זיפץ געטאָן און גלייך בייז אויף זיך אַליין געוואָרן.

אַ רגע — און זי איז שוין געווען אין דעם טאַטנס שטיוול, האָט זיך אַרומגעוויקלט אין דער מומעס פאַטשיילע און איז אַוועק

מיט איוואַנען...

דער שניי האָט שוין געהאַט יענע ווייכקייט, וואָס קומט פון די ערשטע וואַרעמע ווינטלעך, וועלכע כאַפּן זיך אין ווינטער אַריין פון ווייטן דרום און מאַכן לינד די לופט. דערצו האָט נאָך די זון ברייט געעפנט איר גרויס אויג און געשמאָלצן האָט זי דעם פראָסט מיט שאַרפע שטראַלן, איינגעגבערט זיך דאָ און דאָרט, ביז דער טיפקייט, ביז דער שוואַרצער ערד. אויף די דעכֿער האָט זי געלעקט דעם פעסט איינגעלייגטן שניי, אַזוי אַז אַ דאַכֿעווקע, אַ שינדל האָט זיך שוין אַרויסגעזען.

צילקע איז געגאַנגען מיט איוואַנען. זי האָט ברייט די אויגן געעפנט, און געדאַכט האָט זיך איר, אַז זי איז שוין דאָ לאַנג, לאַנג נישט געווען. פון דער ליכֿטיקייט האָט זיך איר געוואָלט נעמען שפּרינגען, פרייליך אַ קוויטש טון... צו וועמען? צו קיינעם נישט. צו וועמען שרייט דער פויגל, די קראָ? צו וועמען שרייט זומער אין וואַלד דער וועווריק? פאַר וועמען רוישט דאָס טייכל אייביק?

איוואַן האָט געקוקט אויף איר און געפילט אַ נאָענטקייט, אַ קרובהשאַפט צו דעמדאָזיקן מיידל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם זעלבן וואַלד, ווו ער האָט זיין לעבן אָפּגעלעבט. עס האָט אים גאָרנישט געווונדערט, וואָס זי איז אַזאַ, וואָס זי איז פון די לוריעס אַנטלאָפן: יעדערן ציט צו זיינס, און צילקע האָט זיך נישט געקאָנט איינלעבן אין דער ענגער שטאָט... איוואַן האָט עס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, כֿאָטש ער האָט געמיינט, אַז די ליבע צו סאַשע לוריע וועט זי יאָ איינהאַלטן.

און אַזוי גייענדיק און שווייגנדיק רייסט ער איבער מיטאַמאָל און פרעגט ביי צילקען:

—נאָך „אים" בענקסטו נישט, צילקע?

—נאָך וועמען?

—סאַשען ווילט זיך דיר נישט זען? איר האָט דאָך אַזוי געלעבט דעם זומער, ווי די פייגעלעך.

צילקע פאַרטראַכט זיך. פאַר די אויגן שוועבט אַרויס דער רונדער סאַשע מיט זיינע שוואַרצע און אַזוי ווי איינגעדרימלטע

אויגן. אַ גוטער איז ער געווען, אויף די הענט האָט ער זי גע־טראָגן און דאָך צו ווייטער, צו פרעמדער. ניין, זי בענקט נישט נאָך אים, נאָר טיף אין האַרצן טוט עפּעס אַזוי וויי, ווי מען וואָלט דאָרט איינגעשטאָכן מיט אַ שפּיז...

—לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן, איוואַן, דערצייל בעסער וועגן וואַלד, ווי זעט עס דאָרטן אויס?

—אָט וועלן מיר באַלד קומען, וועסטו אַלץ אַליין זען.

גייען זיי און שווייגן. ער קוקט אויף איין זייט, זי—אויף דער צווייטער, און ביידע זעען זיי נאַקעטע פעלדער אויסגעבעט מיט ווייסקייט. בלויז אַ בערגל, אַ ביימל קוקט אַרויס עלנט, נישט צוגעטולייעט...

צילקע קוקט איצט אין דער ווייט. שטענדיק אויף דעם אָרט האָט זי שוין געזען דעם וואַלד, די וועלדער, אונטער וועלכע איר היים איז געווען, די דריי הייזער פון די לוריעס מיט עטלעכע שטאַלן, נאָר איצט זעט זי נישט דעם וואַלד. און פּלוצלונג שטויסט זי זיך אָן אויף דעם ערשטן סקעלעט פון אַ בוים, אויף אַ צווייטן סקעלעט... אַזעלכע לאַנגע-לאַנגע רונדע ביימער, האַלב פאַרשניי־טע, צוימען זיי דעם פלאַך פון ווייסן וועג. דאָרט קוקן אַרויס, ווי קליינע בענקעלעך, די וואָרצלען פון די אונטערגעזעגטע ביי־מער, דאָ ליגט אַ גרויסע קופּע מיט שפּענער, מיט צווייגן, וואָס זעט אויס, ווי אַ נעסט פון אַ גרויסער חיה און אַלץ איז פאַרשאָטן מיט שניי, צוגעדעקט מיט ווינטער.

מיטאַמאָל דערזעט צילקע זייער הויז. און בעת די אויגן אירע לויפן אַזוי אין דער אַרומיקער ווייסקייט, דערזעט זי דעם גרויסן חורבן, וואָס די מענטשן האָבן דאָ געמאַכט...

—האָ-האָ!...

ער ליגט אויסגעצויגן אויף דר'ערד, דער גרויסער וואַלד. מתים אין תכריכים ליגן אויסגעצויגן איינער אויפן צווייטן און איינער אָפּגעזונדערט פון צווייטן. ווי רויבער וואָלטן אים באַ־נאַכט באַפאַלן, דעם וואַלד, און פאַרטאָג זענען זיי אַנטלאָפן. נישט פאַרענדיקט איז נאָך זייער אַרבעט. דאָ און דאָרט שטייען דער־שראָקענע מנינים ביימער, גאַנצע קוואַדראַטן נישט אויסגעהאַקטע

שטייען זיי און גריגען נאָך העלער ווי שטענדיק מיט די סכך־נאָדלען. עס דוכט זיך אויס, אַז זיי קוקן מיט גרויסע גרינע אויגן, מיט אָנגעשראָקענע אויגן קוקן זיי אויף זייערע טויטע ברידער, אויף דעם ריזיקן בית-עולם און וואַרטן...

איוואַן גייט זיך זיין וועג, צו זיך אין שטוב גייט ער אַוועק. און צילקע בלייבט אַליין.

זי גיט אַ קערעווע אויף רעכטס, אויף לינקס, זי איז שוין נאָנט, זי איז שוין לעם די דריי הייזער, אַלע דריי שטייען זיי פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, די פענסטער...

ש-ש-ש...

און אַרום איז אַזוי שטיל. אַ ווינטערפויגל יאָמערט אויף אַן איבערגעבליבענעם בוים, און אויף אַ צווייטן בוים הענגט אַ שטיקל שטריק... אַן אָנדענק פון דער מומע גיטעס וועש, וואָס זי פלעגט דאָ טריקענען אין וואַלד.

אָט אַזוי וואַרפט זי מיט די אויגן, צילקע, און קריכט איבער די פאַרשנייטע טויטע ביימער. און בעת זי ווערט מיד שאַרט זי אַראָפּ פון אַזאַ בוים-סקעלעט אַביסל שניי און זעצט זיך אַוועק אויף זיין רוקן. זיצט און קוקט. פריער איז דאָ לעבן און ווער-רעמקייט געווען אין דעם ווינקל. אַפילו אין די גרעסטע פרעסט פלעגט זיך אַרויסכאַפּן אַ פאַרע פון שטוב, פון קוימענס איז גע-גאַנגען אַ בלאָער רויך און זיך דורכגעגנבעט דורך די גרינע צווייגן הויך-הויך ביז צום הימל. שטיל, ווייס און ליכטיק אַרום.

אַזוי ליכטיק איז דאָ נאָך קיינמאָל נישט געווען. נאָר די ליכטיקייט דריקט צילקעס נשמה ביז צום וויינען. זי קלאַפּט מיטן טאַטנס שטיוול דעם צוגעפרוירענעם שניי ביז דער בוים ווייזט זיין גאָלדענע קאָרע...

פוסט אַרום...

ווו זענען די שטעגן, אויף וועלכע זי איז דאָ מיט טאַטען אַרומגעגאַנגען?

ווו זענען דאָ געשטאַנען די ציגיינער?

זי דערקענט נישט איר היים... און ווו איז דאָס טייכל?

זי קריכט אַראָפּ פון דעם קלאָץ, אויף וועלכן זי איז גע-

זעסן און גייט זוכן דאָס טייכל. אַ באַרג שפּענער און צווייגן האָבן עס פאַרשאָטן און דער פראָסט האָט די צווייגן איינגעשמידט אין אייז.

אַלץ איז דאָ אַנדערש געוואָרן, ליידיקער, אָרעמער, נאָר ליכט און שניי איז אַ סך צוגעקומען. ליכט און שניי, זי באַוויזט נישט אַ טריט צו שטעלן און עס דאַכט זיך איר שוין, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט... אין אַ פרעמדן וואַלד איז זי געקומען און דעם וואַלד האַקט מען אויס. וואַרפט זי איבער אַ בליק אויף די דריי פאַרשלאָגענע און פאַרשלאָסענע הייזער, אויף דעם רויקן גאַניקל פון זייער הויז, וווּ זי פלעגט אין די זומערדיקע באַגינענס זיך אַוועקשטעלן און אָפּגעבן „גוט-מאָרגן" דעם וואַלד... וואַרפט זי אַ בליק און דערקענט איר צעשטערטע היים, נעמען לויפן האַסטיק די טרערן פון הארצן ביז די אויגן און אין די אויגן בלייבן זיי שטיין פאַרגליווערט, פאַרפרוירן...

זי גייט אַהיים צוריק. זי גייט אָן מוט. די שווערע שטיוול, דעם טאַטנס, זענען נאָך שווערער געוואָרן, דער שניי קלעפּט זיך צו זיי. זי איז אַזוי מיד, אַזוי עלנט...

נישט ווייט פון מסטיבאָווע קומט איר די מומע אַנטקעגן. זי איז אומרויק געוואָרן, וואָס דאָס „קינד" איז אַזוי לאַנג נישטאָ.

—האָט עס געלוינט? צילקע... שלעפּן זיך אין וואַלד, האָט עס געלוינט?

—מען האָט אים שוין כמעט אינגאַנצן אויסגעהאַקט, מומע...

—נו איז וואָס? דעם ערשטן וואַלד האַקט מען אויס?...

—אָבער מייַנעביימער, צוזאַמען מיט מיר זענען זיי אויסגעוואַקסן...

—אַ מענטש איז דאָך אַ מענטש און ביימער זענען האָלץ...

די צוויי פרויען זענען אַהיימגעגאַנגען איינגעוויקלט אין פּאַטשיילעס און זעלטן ווען אַ פּראַזע געוואָרפן. און שוין אין שטעטל איז זיי פון וויטן נאָכגעגאַנגען פרויקע. אויסגעדוכט האָט זיך, אַז ער קוקט גאָרנישט אויף זיי. אויף די הייזער, אויף די פאַרשנייטע קוקט ער, אויף דעם ראַנד פון הימל, וואָס האָט די

גאַנצע מסטיבאָווע אַרומגעזיימט.

ער האָט איין געדאַנק געהאַט, דער פּרויקע, איין תּפילה, איין פאַרלאַנג:

זאָל זי נאָר קיין גראָדנע מער נישט פאָרן, די צילקע...

זאָל זי דאָ בלייבן צווישן די פאַרשנייטע איינגעהויקערטע הייזלעך.

ער האָט אָפּגעלעבט אינגאַנצן. דעם קאָפּ האָט ער שטאָלצער אויפגעהויבן. הייסט עס, אַז ער האָט נאָך מזל: פון גראָדנע, פון אַזעלכע גבירים איז זי אַנטלאָפן... פאַרוואָס? וואָס דאַרף אים דאָס אָנגיין? אַבי זי איז דאָ פאַראַן אין מסטיבאָווע, אין דער צווייטער העלפט פון זייער שטוב, און ער הערט אָפט דורך דער וואַנט, ווי זי זינגט.

און צילקע...

זי איז פון וואַלד צוריקגעקומען אַ צעטראָגענע:

—פאַרקלאַפּט אונזער הויז, מיט ברעטער די פענסטער פאַרשלאָגן.

—און דאָ, צילקע, דאָ איז דען אַ שלעכט הויז: וואַרעם, ליכטיק, ציכטיק. — די מומע ניכע האָט געטאַנצט אַרום איר. און ווען צילקע האָט זיך אַביסל באַרויקט האָט זי אָנגעהויבן מיט איר אַ שמועס:

—וועסט דאָך פאָרן אינגיכן צו דיינע, צו די לוריעס... יאָ, צילקע?

צילקע האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיט קאָפּ: „ניין”!

—פאַרוואָס?

—ער האָט אויף מיר געשריגן, אין כּעס איז ער אויף מיר געוואָרן, סאַשע, און ער האָט בייז געשריגן.

די מומע ניכע האָט זיך צוגערוקט נענטער צו איר:

—אַ מאַן מעג אַמאָל שרייען... וואָס איז? בייזערט זיך אָן אַביסל און ווערט ווידער גוט... וואָס איז?

האָט זיך צילקע מיטאַמאָל אויסגעגלייכט, האָט זיך אויפגעשטעלט און בייז-שטאָלץ אַרויסגערעדט!

—אויף צילקען שרייט מען נישט... אויף די הענט האָט ער

מיך געטראָגן, איז וואָכן-לאַנג פון וואַלד נישט אַרויס... צוליב איר. און דאָרט, אין גראָדנע, האָט ער זיך געמומען באַהאַלטן פון מיר, אין אַ באַזונדער צימער אָוועקגיין, אין ביליאַרד שפּילן, גאַנ-צע טעג האָב איך אים נישט געזען... ניין, מומע! אויס, אויס...

—וואָס, „אויס"?

—איך וועל דאָרט מער נישט פאָרן, מומע ניכע, זאָלסט רעדן מיט דעם טאַטן. און אַז דער אַלטער לוריע וועט ווידער קומען זאָלסטו אויך מיט אים רעדן און אַלעמען זאָלסטו זאָגן, אַז צילקע וועט קיין גראָדנע מער נישט פאָרן...

זי איז זייער אויפגערעגט געווען און אין די אויגן בײַ איר זענען אָנגעלאָפן טרערן. האָט זיך די מומע ניכע אָפּגערוקט אין אַ ווינקל און שוין מער נישט גערעדט.

אויף שבת איז איסר ווידער געקומען. האָט זיך דורכגע-וואָרפן מיט עטלעכע האַלבע ווערטער, צו דער מומען עפּעס גע-רעדט, צו צילקען אַ ברום געטון און אַ גאַנצן שבת אַרײַנגעקוקט אין אַ ספר.

און נאָך הבדלה איז ער צוגעגאַנגען צו צילקען און איר זיך אַרײַנגעקוקט אין די אויגן...

—צילקע!

זי האָט אַ ציטער געטון. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם טאַטנס צוגיין באַדייט עפּעס אַן ערנסטע זאַך.

—וואָס ווילסטו, טאַטע!

—וועסט אַלץ פאָלגן, וואָס איך וועל דיר בעטן?

זי האָט זיך אַ רגע געקווענקלט און באַלד אַרויסגערעדט:

—אַלץ.

האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר און אָנגעהויבן רעדן:

—דײַן סאַשע איז שוין געקומען פון פּעטערבורג, די לויטעס וואַרטן אויף דיר, ס'איז דאָך נישט שיין...

—וואָס ווילסטו, טאַטע!

—איך וויל, אַז דו זאָלסט מאָרגן אַוועקפאָרן קיין גראָדנע. איך וועל דיך באַגלייטן...

איז זי אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צום פענסטער און גע־בליבן שטיין אַזוי שווייגנדיק... ביז דער טאַטע האָט זיך ווידער אָנגערופן:

—נו, צילקע!

—איך וועל נישט פאָרן... איך האָב דאָרט גאָרנישט, קיי־נעם נישט.

דער אַלטער איסר האָט געפּרוּווט ווירקן מיטן לעצטן מיטל:

—אויב דו וועסט נישט פאָרן, וועל איך מער קיין מסטי־באָווע נישט קומען, איך וועל שוין ערגעץ אָפּפוילן אין אַ וואַלד, נאָר דאָ וועל איך מער נישט קומען. און נישט דו און נישט די מומע ניכע וועט מיך מער נישט זען...

—טאַטע!

זיי האָבן זיך ביידע אַ רגע אָנגעקוקט.

זי האָט אָנגעהויבן רעדן די ערשטע:

—אויב דו וועסט מער נישט קומען אַהיים און אויב איר אַלע וועט מיך פּייניקן און צווינגען צו פאָרן קיין גראָדנע, ווייס איך שוין, וואָס איך וועל טון.

עס איז געוואָרן שטיל. איסר, די מומע ניכע און צילקע— אַלע דריי האָבן אַריינגעטראַכט אין זיך...

—וואָס וועסטו טון? — האָט איסר געפרעגט.

—ביי אונז אין וואַלד זענען נאָך געבליבןביימער, און אַ שטריק וועל איך קריגן.

איז די מומע ניכע צוגעלאָפן:

—פו, זאָל דאָס ווערן, אויף אַ פּוסטע וואָך אַזעלכע רייד, שעם זיך, צילקע, ביסט משוגע געוואָרן... פו, זאָל דאָס ווערן...

און זי האָט גענומען וואַרפן אומרויקע בליקן אויף צילקען און אויף איסרן.

זי, די מומע ניכע ווייסט שוין אַזעלכע מעשיות מיט אַ שטריק אויף אַ בוים.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך אַ מסטיבאָווער מיידל טאַקע אויפגעהאָנגען אין וואַלד, עפּעס צוליב אַ חתן...

איסר איז געבליבן שטיין אַ שטומער. אַן אָנגעשראָקענער,

האָט געקוקט אויף די ווענט, אויפן פענסטער. אַריינגעדריקט עפּ-לעכע פינגער אין באָרד און מער קיין וואָרט נישט גערעדט.

שפּעטער, ווען ער איז שוין געזעסן ביי אַ ספר, האָט ער זיך אָנגערופן צו ניכען, אָבער אַזוי, אַז צילקע זאָל אויך הערן.

—וואָס זי וויל זאָל זי טון, זאָל זי פאָרן, זאָל זי נישט פאָרן...

און פון דעמלט אָן האָט שוין קיינער צו צילקען מער נישט גערעדט קיין וואָרט וועגן גראָדנע, וועגן די לוריעס. די דריי מענטשן, וואָס האָבן אַ לעבן אָפּגעלעבט אין וואַלד, האָבן זיך פאַרשטאַנען דורך האַלבע ווערטער, דורך נישט דערזאָגטע פראַזן. איינגעשפּאַרט זענען זיי געווען יעדערער פאַר זיך, און צאָרן, כעס האָבן זיי טיף באַהאַלטן. אַלע קאָנפליקטן און איבער-לעבונגען פלעגן זיך ענדיקן ביי זיי מיט אַ לאַנג שווייגן...

צילקע פלעגט איצט זייער אָפט גיין צום געוועזענעם וואַלד, צו די דריי פאַרקלאַפּטע הייזער.

אין שטעטל פלעגט מען זי אָנקוקן מיט אַ מאָדנעם דרך-ארץ, בעת זי פלעגט פאַרבייגיין אין דער מומעס פּאַטשיילע און אָנגעטאָן אין טאַטנס שטיוול.

מענטשן פלעגן קוועטשן מיט די פּלייצעס:

—אין וואַלד גייט זי, אין ליידיקן, כמעט אויסגעהאַקטן וואַלד...

—אַזוי ווי אויף קבר-אבות...

—און פון אַזאַ רייכקייט אַנטלאָפן...

—מעלאַנכאָליש...

—אין טאַטן געראָטן...

אָבער דער דרך-ארץ צו איר איז נישט פאַרשוואונדן. איסרס, דעם משרת טאָכטער, אַ וואַלד-מיידל, וואָס אַלע געדענקען נאָך, ווי זי פלעגט קיין מסטיבאָווע באָרוועס קומען. מען האָט געקוקט איצט אויף איר, ווי אויף אַ געקרוינטע...

אָט באַלד וועט זי זיך אויפהייבן און ערגעץ אַוועקפליען... גיין, זי וועט אַוועק קיין גראָדנע, צו די גבירים, צו די לוריעס... אַזאַ רייכקייט, אַזעלכע מיליאָנען...

— אַזאַ יחוס...

נאָר צו די לוריעס איז זי נישט געגאַנגען, צום אַלטן שאַסיי-וועכטער פלעגט זי גיין, צום שטומען וואַלד, וואָס איז געלעגן אונטערגעהאַקט אויף דר'ערד. מיט איוואַנען פלעגט זי רעדן עטלעכע ווערטער און מיט דיביימער פלעגט זי לאַנג שווייגן, שעה'ן לאַנג שווייגן.

וואָס ווייטער פון שאָסיי, אַלץ מער לעבעדיקער וואַלד איז געבליבן. און צילקע האָט ליב געהאַט זיך איינצופלאָנטערן אין דער ווייסער געדיכטקייט פון ווינטערדיקן וואַלד. אין אַ פראָסטטאָג, בעת די פאַרע פון מויל ווערט גלייך פאַרפרוירן און די ביימער שטייען אָנגעצויגענע, ווי דיקע סטרונעס, ווי זיילן פון שטאָל, אין דער געפרוירענער שטילקייט הערט זיך אַ שאָרך, אַ קרעכץ, ווי פון אַ שערבל, וואָס ברעכט זיך: דאָס פּלאַצט פון פראָסט די קאָרע אויף די ביימער...

און מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ קעצישער, אַ קאַלטער קוויטש פון אַ וועווריק. די גאָלדענע שטיפערקע איז דאָ נישט געפרוירן געוואָרן און אַזוי ווייט, אַזוי ווייט גייט איר קוויטש אַוועק. ער מאַכט נישט אומעטיק, נאָר אַזאַ פעסטע זיכערקייט קלינגט אָפּ...

אַז אייביק וועלן וועלדער זיין.

און אייביק וועלן זיך די גרינע קעפּ פון די ביימער ציען צום בלאָען הימל.

אַ סך מאָל, בעת צילקע גייט צוריק קיין מסטיבאָווע, דערזעט זי שוין פון וויטן די מומע ניכע, וועלכע ווערט אומרויִק, בעת צילקע זאַמט זיך צו לאַנג. עס דוכט זיך, אַז די אַלטע טראָגט וואָרעמקייט פאַר דער יונגער צילקען, וועלכע האָט זיך אין וואַלד אַזוי דורכגעפרוירן און אין שטוב איז שוין אָנגעגרייט עסן פאַר דער יתומה.

ווען די מומע פלעגט באַמערקן, אַז צילקען לאַנגווייליקט, פלעגט זי אַריינלויפן צו די באַראַשעס און פאַרבעטן פרויקעס שוועסטער. פרויקעס שוועסטער פלעגן פאַרבעטן נאָך מיידלעך.

אַלע זענען גערן געגאַנגען צו צילקען. זי איז דאָך געווען אין גראָדנע ביי די לוריעס, זי איז אַ שיינע, אַז דער „אויס-

ל'ענדער" האָט זיך אין איר פאַרליבט.

און אַ מאָדנע איז זי: פון אַזאַ רייכקייט איז זי אַנטלאָפן. צו צילקען זענען די מיידלעך גערן געגאַנגען...

און געמאַכט האָט זיך אַזוי, אַז פרויקע האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס צו איסרן אין שטוב. צו ערשט איז ער געקומען רופן די שוועסטער, דעם צווייטן מאָל האָט ער געפונען אַ נייעם אויסרייד. צילקע האָט אים יעדעס מאָל נייגעריק אָנגעקוקט. זי האָט זיך עפּעס דערמאָנט, עפּעס געדאַרפט דערמאָנען... אַמאָל אין שליטל, ווי ער פלעגט דאַן קושן די מיידלעך און צילקען האָט ער אויך געוואָלט קושן, נאָר זי האָט פאַר אים פריער מורא געהאַט. איצט האָט זי גאָר קיין מורא נישט... זי האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי ער האָט אין וואַלד געטאַנצט מיט דער ציגיינערין און ווי צילקעס האַרץ האָט דאַן גענומען קלאַפּן... דערנאָך האָט ער זיך איר אַ סך מאָל געחלומט...

פרויקע מיט די שטיוועלעך. ער איז רויקער געוואָרן, אָבער זיינע פּלייצעס זענען זיך אַזוי ברייט צוואַקסן און נאָר ער זוכט צילקען מיט די אויגן. און יעדע רגע דוכט זיך איר אויס, אַז ער וויל איר עפּעס זאָגן. נאָר זיי זענען קיינמאָל נישט אַליין. די מומע ניכע גייט אויף אַ רגע פון צימער נישט אַרויס און די חברטעס, צילקעס, זיצן און לאַכן און פּלאַפּלען.

איינמאָל האָט זיך צילקע אָנגערופן, אַז ווען פרויקע וואָלט ווען...

—וואָס? — האָבן עטלעכע מיידלעך געפרעגט.

—וואָלט ער איינגעשפּאַנט דאָס פערד אין שליטן און מען וואָלט זיך געלאָזט אַביסל איבער די פעלדער...

האָבן זיך פרויקעס שוועסטער פונאַנדערגעלאַכט. די איבע-ריקע מיידלעך האָבן אויך געלאַכט. און פרויקע איז רויט געוואָרן. צילקע האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואָס זיי לאַכן און פאַרוואָס פרויקע איז רויט געוואָרן. זי האָט נישט געוווּסט, אַז מיט חדשים צוריק איז פרויקע אַוועק מיטן פערד קיין וואָלקאָוויסק און אַלץ פאַרשכורט.

טאָקע צוליב צילקען. ווייל זי האָט חתונה געהאַט מיטן „אויסלענדער".

איצט האָט זיך איינע פון פּרויקעס שוועסטער אָנגערופן:

—שוין נישטאָ, שוין נישטאָ ביי אונז קיין פערד, שוין לאַנג פּאַרקויפט!—אָבער פאַרוואָס, האָבן זיי נישט דערציילט, נישט געוואָלט פאַרשעמען פּרויקען.

און ווייל ער איז דעמלט רויט געוואָרן.

און דערפאַר, וואָס ער פלעגט אויף איר קוקן מיט אַזעלכע איבערגעגעבענע אויגן, האָט צילקע אויך אויף אים גענומען קוקן.

און צו דער מומען ניכע האָט זי שוין אָפנהאַרציק גערעדט, צילקע:

—דו ווייסט, מומע, ווען פּרויקע קומט אַריין צו אונז ווערט מיר פריילעכער.

די מומע האָט אויפגעעפנט די אַלטע אויגן...

—ווער, פּרויקע? מיינסט, אַז עס וועט פון אים זיין אַ לייט אַמאָל?...

—וואָס איז דאָס „זיין אַ לייט", מומע!

—אַ לייט הייסט: זיין אַ מענטש און לעבן ווי אַ מענטש...

—און פּרויקע לעבט נישט ווי קיין מענטש? פּרויקע איז נישט קיין מענטש?...

די אַלטע ווערט צעטומלט פון צילקעס פראַגן און גייט ביז אַוועק צו אירע טעפלעך.

פּרויקע פלעגט איצט יעדן טאָג קומען, אויסער שבת, ווען דער אַלטער איסר איז געווען אינדערהיים. פאַרן אַלטן האָט ער מורא געהאַט.

ער פלעגט זיך שטעלן ביים אויוון וואַרעמען. אַלץ דרייסטער און מונטערער איז ער געוואָרן. און די אַלטע ניכע האָט אין זיך געברומט:

—„ביי זיי אין שטוב איז דאָך אויך פאַראַן אַ אויוון"...

„וואָס קומט ער דאָ?"

—„צו צילקען קומט ער".

—„און זי איז צופרידן, וואָס ער קומט".

—„זי קוקט אים נאָך, לאַכט בעת ער לאַכט, זינגט בעת ער זינגט".

„ווי די קעץ שאַרן זיי זיך איינס צום צווייטן".

די כּלים זענען ווידער געפּאַלן פון אירע הענט, אַזויווי זומער, בעת סאַשע האָט זיך אין וואַלד באַזעצט.

וויפל האָט זי זיך שוין אָנגעליטן, די ניכע. וויפל נעכט זי איז שוין נישט געשלאָפן צוליב דער יתומה און שטענדיק דאַכט זיך איר, אַז זי, זי איז אין אַלץ שולדיק, זי וועט האָבן גיהנם דערפאַר. אַלץ גראָער, איינגעצויגענער איז זי געוואָרן, די אַלטע, וואָס האָט אַ לעבן אָפּגעלעבט אין איינזאַמקייט. איין יום-טוב האָט זי געהאַט אין אירע יאָרן, איין טרייסט: אָנטאָן אַ נײַ שייטל און אַרײַנקוקן אין טײַטש-חומש.

און איצט, וואָס פּרויקע איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט בײַ זיי און דאָס, וואָס צילקע פרייט זיך מיט זיין קומען. איצט, האָט זי שוין גאָרנישט געוווסט, וואָס צו טאָן.

איסר אַנטלויפט קיין מסטיבאָווע, ער קוקט נישט אויף קיין מענטשן און אויף צילקען אודאי נישט.

פּאָר פּרעמדע דערציילן האָט זי נישט געוואָלט. מיט צילקען אַליין רעדן? זאָל זי זיך באַרעכענען, אַז זי האָט אַ מאַן אין גראָדנע, זאָל זי אָװעקוואַרפן איר קאַפּריז און זיך אומקערן צו די לוריעס. אין אַלע שטעט און שטעטלעך רעדט מען דאָך איצט וועגן דעם געשעעניש. וועגן דעם, וואָס אַן אָרעם מיידל האָט חתונה געהאַט מיט אַ לוריע און איז פון אים אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך דער חתונה אַנטלאָפן, אָן אַ פּאַרוואָס.

אָבער צילקע איז איינגעשפּאַרט און קיין ווערטער וועלן דאָ נישט העלפן.

האָט זי געשוויגן און געזיפצט...

און זי האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן, ווען פּרויקע איז איינמאָל צוגעפאָרן מיט אַ שליטן באַנאַכט. דעם שליטן האָט ער געבאָרגט בײַ אַ שכן, אַ קריסט. צוגעפאָרן צו דער שטוב און אַרויסגערופן צילקען...

שליטלען זיך אביסל.

באנאכט אליין: צילקע א ווייב, וואס איז אנטלאפן פון א מאן... מיט פרויקען דעם „קאלבאסניק“! זי האט זיך געוואלט אין טיר שטעלן, נישט ארויסלאזן צילקען, נאר יענע האט אפילו נישט געקוקט אויף דער מומען און איז ארויס צום שליטן, איינגעוויקלט אין פאטשיילע.

א ווייסע נאכט. דאס פלינקע פערד האט עטלעכע האסטיקע טריט געמאכט — און שוין פארשווונדן זענען די הייזלעך מיט די פייערלעך. עס האט זיך אנגעהויבן פעלד, פעלד און אויסגעשטערנטער הימל. דער שניי, וואס האט זיך באטאג לייכט געשמאלצן אויף דער זון, האט זיך איצט ווי גלאז געבראכן אונטער דעם פערדס פאדקאוועס. דאס שליטל איז געפלויגן איבער פלאכע בערגלעך און קליינע גריבלעך...

צילקע איז נישט ווילנדיק עטלעכע מאל צוגעפאלן צו פרויקעס פלייצעס און זי האט דערפילט, אז זי וויל, דאס שליטל זאל זיך א טרייסל טון און זי זאל נאכאמאל צופאלן צו פרויקען...

און ביי יעדן טרייסל האט אויך פרויקע געעפנט א מויל מיט ציין און געלאכט צו צילקען און אין דער נאכט אריין געלאכט.

נאר ווו איז דאס אוועק זיין אמאליקע דרייסטקייט?

ער וואלט שוין לאנג אפגעלאזט די לייצעס און די הענט וואלטן מיט עפעס אנדערש געווען פארנומען, נאר פאר צילקען האט ער נאך אלץ מורא. ער קוקט איר אין די אויגן, ציילט און מעסט אירע ווערטער...

צי זי האט שוין פארגעסן דעם לוריע?

און צי ער, פרויקע, געפעלט איר?

ווען דאס שליטל נעמט שווימען לאנגזאם איבערן שניי, רעדן זיי וועגן פארשידענע זאכן און גאר ווייניק וועגן זיך אליין. צילקע דערציילט:

אז אין גראדנע, ביי די לוריעס, איז פאראן אזא קאסטן, ווי אין פרודנע ביי דעם פריץ, מען רופט עס: פארטעפיאן, און זי, צילקע, האט ליב געהאט צו פויקן מיט די פינגער אין קאסטן.

אזעלכע מאָדנע קלאַנגען האָבן זיך דאַן געהערט, קלאַנגען, וואָס דערמאָנען אפילו אָן וואַלד.

וועגן אַלטן לוריע דערציילט זי, אַז ער פלעגט איר צו זיך אויף די קני אַרויפקוזעצן.

וועגן אַלעמען רעדט זי, וועגן אַ סך קלייניקייטן, נאָר סאַשען, סאַשעס נאָמען דערמאָנט זי נישט.

און דאָס וווּנדערט פּרויקען, נאָר פרעגן וויל ער נישט.

—פּרויקע!—רופט זיך צילקע פלוצלונג אָפּ.

—וואָס?

—ווען ס׳וועט ווערן זומער, וועלן מיר צוזאַמען גיין איבער די וועלדער, אָט דאָ אַרום, אין די וועלדער, וועלכע מען האָט נאָך נישט אויסגעהאַקט. איך וועל זיך אויסטון באָרוועס און דו מיט דיינע גלאַנציקע שטיוועלעך... אַזוי ווי מיט דער ציגיינערין... געדענקסט?...

זי קוקט אים אַזוי דרייסט אין די אויגן אַריין... אָט באַלד וועט ער די לייצעס אָפּלאָזן... באַלד... נאָר עס ווינקען שוין די פייערלעך פון שטעטל, זיי זענען שוין צוריקגעקומען.

צילקע כאַפּט זיך אַריין אין שטוב, דער פראָסט שפּילט אויף איר פּנים. זי קוקט זיך אַרום, די מומע שלאָפט, צי זי מאַכט זיך שלאָפנדיק אין איר בעט. צילקעס וואַרעמע בעט האָט די מומע מיט אירע דאַרע הענט שוין גרייט געמאַכט... זי וואַרפט זיך אויפן געלעגער און מאַכט צו די אויגן, אין די אָדערן שטראָמט האַסטיק דאָס בלוט. דאָס האַרץ קלאַפּט און עס נעמען שוועבן אין די געדאַנקען שטיקלעך אָפּגעריסענע בילדער... וועלדער, וועלדער, דער שאָסיי, פּרויקע מיט דער ציגיינערין, סאַשע און גראָדנע מיטן אַלטן לוריע, נאָר פון די אַלע בילדער ווילט זיך איר אויספלאָנטערן, ווייל די הענט ציען זיך צו איין געשטאַלט, צו פּרויקען...

אַזעלכע רונדע פלייצעס האָט ער, אַ שטיק האַרץ זיינס זעט זיך אַרויס, באַוואַקסן געדיכט, געדיכט מיט שוואַרצע האָר... און עס דוכט זיך איר, אַז באַלד וועט ער זי אויף די הענט כאַפּן און וועט מיט איר אַנטלויפן. און אויב ער וועט נישט וועלן וועט

זי אים אין אירע שטייפֿע הענט כאַפּן און לויפֿן, לויפֿן מיט אים צו טייכל, צו דער צווילינג-סאָסנע און נאָך ווייטער.

פּלוצלונג עפֿנט זי די אויגן. עס וווּנדערט איר, וואָס זי זעט נישט פּרויקען נעבן זיך, נאָר אָנשטאָט פּרויקען דערזעט זי די מומע ניכע, וועלכע זיצט אויף איר בעט און קוקט אויף צילקען, אויף איר יעדער באַוועגונג. אַן אַלטע, אַן איינגעבויגענע, אַ בייזע און אַ גוטע אינאיינעם קוקט זי אויף צילקען מיט בליקן פֿון אַן אַנדערע וועלט. און צילקע וווּנדערט זיך נישט, וואָס זי דערזעט אומגעריכטערהייט דער מומעס בליקן אויף זיך...

די מומע באַדאַרף אַזוי קוקן...

און צילקעס האַרץ, וואָס קלאַפּט אַזוי האַסטיק איצט — באַדאַרף אַזוי קלאַפּן...

זיי קוקן זיך אַזוי אָן, ביידע פֿרויען. צילקע האַלט די ערשטע נישט אויס. עס שלעפֿערט איר, דערלאַנגט זי אַ טרייסל מיטן קאָפּ האָר און באַהאַלט זיך אונטער דער פּערענע.

אויף מאָרגן קומען פּרויקעס שוועסטער און צילקע דערציילט פֿון נעכטיקן שליטלען זיך. עס האָט געטרייסלט און דער שניי האָט זיך געבראָכן, ווי שערבלעך. דערנאָך, ווען זי איז אַהיימגעקומען, האָט דאָס פּנים געפֿלאַמט און עס איז זיך געשמאַק געשלאָפֿן.

פּרויקעס שוועסטער דערציילן פֿאַר די שכנים, אַז צילקע ווערט אַלץ פֿריילעכער און מונטערער, און אין שטעטל האָט שוין ווער אַ וואָרף געטון אַ ווערטל, אַז פּרויקע האָט הצלחה...

—און וואָס וועט דערצו זאָגן, גראָדנע?

—אַ, די גבירים, ביי זיי איז אַלץ מעגלעך.

עס זענען געווען אין שטעטל נאָך מיידלעך מיט ליבעס, מיט חתנים, נאָר מער פֿון אַלעמען האָט מען גערעדט פֿון צילקען און פֿון פּרויקען.

זי איז שוין אַליין אויך געגאַנגען צו פֿרעמדע מענטשן, צו די באַראַשעס און צו אַנדערע שכנים אַביסל שווייגנדיק און אַביסל שעמעוודיק. מען האָט זי ליב געהאַט און אַ נייגעריקייט איז געווען צו איר אַ גרויסע...

—עפּעס איז זי אַן אַנדערע...

—אין וואַלד געוואַקסן.

—אָבער פּרויקע, פּרויקע...

—אַז ער וואַרפט אַן אויג אויף וועמען...

—וועלן שוין אַפילו לוריעס מיליאָנען אויך נישט העלפן...

עס איז שוין געגאַנגען צו פּורים. שניי איז געפאַלן און שניי איז צוגאַנגען. אַ האַלבן טאָג פלעגט די זון אַפּוואַרעמען, צעשמעלצן און דער צווייטער האַלבער טאָג איז נאָך געלעגן ווייס איינגעוואַטעוועט... אויסערן שטעטל זענען שוין געשטאַנען אָנגעלאָפענע וואַסערן און שניי האָט זיך געמישט מיט צעווייקטע ערד. גיין אין וואַלד איז פאַר צילקען אוממעגלעך איצט געווען, אַפילו אין דעם טאַטנס שטיוול איז געווען שווער צו גיין. אַ ווינטל פלעגט קומען פון די וועלדער, האָט עס געטראָגן ריחות פון פרישגעהאַקט האָלץ, און נאָך אַ ריח פון פאַראַיאָריקע בלעטער און טכן־נאָדלען.

איוואַן איז געקומען צו ניכען. ער איז עטלעכע וואָכן געווען אין פּעטערבורג, ווו זיין זון האָט געדינט. ער האָט דערציילט, אַז אין דער גרויסער שטאָט איז אים זייער שווער געווען.

—עס איז געווען אַ סך צו זען, נאָר איך בין צעטומלט געוואָרן, האָב איך גאָרנישט געזען. איך בין אַ פּראָסטער מענטש, איך מוז עטלעכע מאָל אַ טאָג זען דעם הימל, וועלכער ליגט זיך אַזוי ברייט אויס ביי אונז אויפן שאָסיי... אין וואַלד איז בעסער פאַר אונזערע מענטשן.

האָט צילקע אונטערגעכאַפּט די ווערטער:

—טאַקע אַזוי, איוואַן! אין וואַלד איז בעסער פאַר אונזערע מענטשן. אַז עס וועט זומער קומען וועל איך מיט פּרויקען זיך לאָזן אין די איבערגעבליבענע וועלדער...

—מיט פּרויקען?—האָט איוואַן איבערגעפרעגט און אָנגעשטעלט אַ פּאָר נייגעריקע אויגן.

און צילקע האָט זיך פאַרשעמט.

זי האָט נאָך אַליין נישט באַטראַכט אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעפילט די לעצטע צייט. איר פרייד, וואָס זי האָט בעת

פרויקע רעדט, און דאָ קומט דער איוואַן פון וואַלד און גיט אַזוי הויד אויפן קול אַ פרעג: „מיט פרויקען״?

גייט איוואַן צו נענטער און לאַכט איר אין די אויגן גלייך:

—מיט פרויקען איז מיט פרויקען. וועסט קומען אין וואַלד, וועל איך דיר ווייזן ס׳אַר אַ שיינעם פוקס איך האָב געכאַפּט, אין אַ שטייג האַלט איך אים.—און ער גייט אַוועק, איוואַן, צו דער מומע ניכע אין צווייטן חדר און רעדט מיט איר וועגן שטובזאַכן, ווי אַן אייגענער מענטש.

אין איינעם פון די לעצטע שבתים איז איסר נישט געקומען קיין מסטיבאָווע. ער האָט פון סוויסלאָטש מיט אַ מענטשן אָנגעזאָגט, אַז ער מוז פאַרבלייבן אויף דעם שבת אין וואַלד.

מער פון אַלעמען האָט זיך מיט דער ידיעה דערפרייט פרויקע. אַ גאַנצן שבת וועט דער שווייגנדיקער כעסן, איסר, נישט זיין...

און די מומע ניכע שווייגט שוין און מישט זיך נישט אַריין, בעת ער איז לעם צילקען. בלויז פון צייט צו צייט וואַרפט זי אַריין אַן אומצופרידן וואָרט. מיט דער מומען קאָן מען נאָך דורכקומען — זאָל זי זיך בייזערן וויפל זי וויל.

עס איז פרייטיק פאַרנאַכט, נאָך ליכט בענטשן. די מאַנסבילן דאַוונען שוין. און צוויי מאָל האָט שוין ניכע פרויקען דערמאַנט, אַז דער עולם איז דאַוונען אַוועק. פאַרוואָס גייט ער נישט? פרויקע שטייט זיך, אָבער, רויק לעם אויוון, וואַרעמט זיך און שמייכלט:

—וואָס דאַוונען? איך וועל ווערן עלטער, וועל איך זיך נעמען צום דאַוונען.

די ליכט ברענען. אַ רויקייט קוקט אַריין פון דער טונקעלער גאַס. צילקע שטעלט זיך אויך לעם אויוון... די מומע ניכע קוקט אַריין אין אַ סידור און הייבט יעדע רגע אויף בייזע בליקן אויף דאָס פּאָרל.

און פרויקע בלאָנדזשעט דאָרט מיט די הענט אויף דעם וואַרעמען אויוון, ביז ער געפינט צילקעס אַ פינגער...

בלויז איין פינגער...

און עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט די וועלט איינגענו-

מען, ער האָט אַ גרויסן גבור באַוויזן, ווייל צילקע נעמט דעם פינגער ניט אַרויס צוריק. ער דריקט אים אין זיין פעסטער האַנט, ער שפילט זיך מיט אים... און פרויקע פילט, אַז די גאַנצע צילקע, אָט די, וואָס פלעגט אים אַזוי שטאָלץ אָפּשטויסן פריער, די צילקע, וואָס האָט מיט אַ צווייטן חתונה געהאַט און דערנאָך אַנטלאָפן...

צילקע איז אים איינגאַנצן אונטערטעניק איצט, ווי איר קליין פינגערל, וואָס וואַרעמט זיך אין זיין האַנט.

דערנאָך, ווען די מומע איז אויף אַ רגע פאַרשוווּנדן געוואָרן, זי איז אויף עטלעכע מינוט אַריינגעלאָפן צו די באַראַשעס האָט פרויקע אַ קוק געטאָן אויף צילקען און צילקע האָט אַ קוק געגעבן אויף פרויקען...

ער איז אויף אַ טריט אָפּגעטראָטן פון איר און לייכט מיטגעפירט צילקען. אָנשטאָט איין פינגער האָט ער איצט אירע ביידע הענט געהאַלטן. געקוקט אויף איר מיט אַ פּאָר אָנגעצונדענע אויגן... אַ רגע...

און זיי זענען ביידע צוגעפאַלן איינער צום צווייטן. ער האָט זיך איינגעביסן אין אירע ליפּן און זי האָט צוגעמאַכט פון ווייטיק אירע אויגן. געדאַכט האָט זיך זיי, אַז עפּעס האָט זיך צעזונגען, צעקלונגען אין דער גאַנצער שטוב, אויף דער גאַנצער וועלט, אין זייערע הערצער...

און דערנאָך האָט זי דערהערט, קוים דערהערט, וואָס פרויקע האָט צו איר גערעדט, כמעט געשריגן צו איר:

—שרייב אים, ער זאָל דיר שיקן אַ גט, אַ גט זאָל ער דיר שיקן... — — —

די טיר האָט זיך דאָרטן געעפנט, טריט האָבן זיך דערהערט,—דאָס איז די מומע ניכע פון די באַראַשעס צוריקגעקומען און פרויקע האָט זיך מיט איר אין אַריינגאַנג באַגעגנט:

—איך לויף דאַוונען, מומע ניכע! — — —

די אַלטע האָט זיך פאַרוווּנדערט און גענומען וואַרפן מיט די אויגן:

—מיטאַמאָל אַזוי פרום געוואָרן, מיטאַמאָל...

פרויקע איז שוין נישט געווען, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף צילקען, וועלכע איז געשטאַנען פאַרטראַכט אין זיך מיט אַ האַלבן שמייכל אויף די ליפּן. און בעת די מומע האָט אַ רוף געטון:

„צילקעו"

האָט זי אַ ציטער געטון און פון לייכטן טרייסל, האָבן זיך די האָר אירע צושאָטן. ווי אַ גאָלדענער שטראָם האָבן זיי באַגאָסן אירע אַקסלען. — — —